STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01853

DI HOYPT SHTREMUNGEN IN DER LITERATUR FUN NAYNTSENTEN YORHUNDERT

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געאָרג בראַנדעס

די הויפט שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון נייצענטען יאָרהונדערט

באַנד 4

די רעאַקציע אין פראַנקרייך

איבערזעצט פון

ב. ריווקין

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.
1921

Copyright, 1921
by
Max N. Maisel

אינהאַלט:

איינלייטונג 7

די סאָציאַלע און ליטעראַרישע ערשיינונגען אין אָנהויב פון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט. — דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט. — די אויטאָריטעט פון דער פאַמיליע, פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט, פונ'ם שטאַט און פון דער רעליגיע. — די ערציהערישע באַדייטונג פון פּרינציפּ פון אויטאָריטעט אין דער מענשליכער געשיכטע. — די גרונד־אידעען פון דער רעוואָלוציע. — וואָלטער און רוסאָ. — דער אינדיווידועלער געדאַנק אַלס צושטערער; דער סאָציאַלער געפיהל אַלס בויער.

1. די רעוואָלוציע 13

דער קאַמף פון דער רעוואָלוציע פאַר געוויסענס־פרייהייט און רעליגיעזער טאָלעראַנץ. — דער פאַרלאַנג פון די גלחים צו ערקלערען דעם קאַטוילוציזם אַלס שטאַטס־רעליגיע. — די „דעקלאַראַציע פון מענשען־רעכט". — די אידישע דעפּוטאַציע פון עלזאַס־לאָטרינגען. — די קאָנפיסקאַציע פון קירך־אייגענטום. — דער בונט פון די גלחים. — די זשיראַנדיסטען. — דער קאָרדיליערען קלוב. — דער יאַקאָבינער קלוב. — רוסאָ'ס „סאָציאַלער קאָנטראַקט". — די „דעקאַטוליזירונג פון פראַנקרייך". — דער „קולט פון פארנונפט". — דער יום־טוב לכבוד דעם אלערהעכסטען וועזען. — די „רעליגיע פון בירגער". — דער ליבעראַלער קאַטוליציזם. — די פּעריאָדע פון פאַלשטענדיגער רעליגיעזער פרייהייט.

2. דער קאָנקאָרדאַרד 61

דעם פּאַפּסט'ס שליח צו באָנאַפּאַרט. — דער „שלום צווישען דער רעפּובליק און הימעל". — די פריערליכע צערעמאָניעס ביי דער ווידעראויפריכטונג פון דער קירך. — נאַפּאָלעאָן'ס באַפעהל צו רעצענזירען שאַטאָבריאַן'ס „דער זשעני פון קריסטענטום". — די אַרמעע פאַרבלייבט טריי צו די גרונד־אידעען פון דער רעוואָלוציע; קעמפט געגען קאָנקאָרדאַט. — דעם פּאַפּסט'ס באַזוך אין פּאַריז. — די עקאָנאָמישע לאַגע פון פראַנקרייך צום סוף פון אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט; איהר אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע. — נאַפּאָלעאָן'ס רעליגיעזע אַנשויאונגען. — וואָס האָט געטריבען באָנאַפּאַרט'ן צו פאַראייניגען זיך מיט דער קירך?

3. דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט 81

דער אָנהויב פון דער גייסטיגער רעאַקציע. — די פאַרוואַנדלונג פון דער קירך אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. — די נײַ־קאַטוילישע ליטעראַרישע ריכטונג; איהרע איניציאַטאָרען. — דער אַדעליגער געבורט און ראָיאַליסטישע סביבה באַאיינפלוסט זייער שאַפען. — ווידעראויפריכטונג פון פּרינציפּ פון אויטאָריטעט אין דער ליטעראַטור. — רעליגיעזע רעאַקציע, אַ פּראָטעסט פון געפיהל געגען פאַרשטאַנד. — די אַטאַקעס אויף רוסאָ'ס סאָציאַל־פּאָליטישע טעאָריען. — די „שפּראַך האָט גאָט באַשאַפען". — די הערשענדע אידעע פון דער רעסטאַווראַציע.

4. „דער זשעניע פון קריסטענטום" 118
פון אַ מאַטעריאַליסט פאַרוואַנדעלט זיך שאַטאָבריאַן אין אַ פאַר־
הערליכער פון קריסטליכע דאָגמען און ריטואַל. — פאַרבלייבט
טריי זיין מוטער׳ס צואה. — וואָס שטעלען מיט זיך פאָר די
קריסטליכע ראָמאַנטיקער? — שאַטאָבריאַן׳ס סטיל; זיין אַר־
טיסטישע נאַטור. — „אָה, ווי שעהן איז קריסטענטום!" —
„קריסטליכע רעליגיע, די גינסטיגסטע פאַר פרייהייט, קונסט
און ליטעראַטור". — וואָס איז מעהר פּאָעטיש: קריסטליכע
לעגענדען אָדער היידנישע מיטאָלאָגיע? — „זשעני פון קריס־
טענטום" געשריבען בשותפות מיט מאַדאַם דע־באָמאָן. — שאַ־
טאָבריאַן העצט געגען פאַרהייראַטע גלחים זייענדיג אַליין פאַר־
הייראַט אָהן „חופה וקדושין".

5. זשאָזעף דע־מעסטר 130
זיין דיפּלאָמאַטישע קאַריערע. — אַלס פאַרטרעטער ביים פּעטער־
בורגער הויף איז ער נושא־חן ביי אַלעקסאַנדער דעם ערשטען. —
יעדע נאַציע האָט איהר מיסיע. — שטאַט איז אַן איינהייטליכער
אָרגאַניזם און זיין נשמה איז די ליבע פון פאָלק צו זיינע נאַ־
ציאָנאַלע זכרונות. — „דער אויבערמענש, דער ווינקעל־
שטיין פון דער געזעלשאַפט, איז דער תליון". — דער מענש איז
בטבע אַ שקלאַף. — קריסטענטום זיין באַפרייאונג. — מאָנאַרכיע
איז אַ נס. — פאַרטיידיגט די „גרויסע מיספאַרשטאַנענע" אינ־
קוויזיציע".

6. באָנאַלד 165
זיין ערשטע ווערק „טעאָריע פון מאַכט" פאַרניכטעט פון דער
דירעקטאָריע־פּאָליציי. — באַהויפּטעט, אַז יעדע רעוואָלוציע
פאַנגט זיך אָן פון די אונטערטאַנען און ווערט פאַרענדיגט פון די
הערשער. — ווערט באַשטימט פון נאָפּאָלעאָנ׳ען אַלס משגיח
איבער׳ן אוניווערזיטעט. — אַנטזאַגט די בקשה פון נאַפּאָלעאָנ׳ס
ברודער. — איז מיטגליד פון דעם דעפּוטאַטען־קאַמער און פון
דער אַקאַדעמיע. — זיין גאַנצע טעאָריע איז געבויט אויף אַ
דריי־איניגקייט אינ׳ם סדר העולם: סבה, מיטעל, פועל יוצא.—
ניטאָ קיין היסטאָרישע אַנטוויקלונג, נאָר אַ היסטאָרישע טראַ־
דיציע. — זיין באַריהמט ווערק „דער גט". — באָנאַלד׳ס טע־
אָריען ווערען די הייראַטס־געזעצען פון פראנקרייך.

7. שאַטאָבריאַן 195
קיין אמת׳ע פּאָעזיע ווערט ניט געשאַפען אונטער נאַפּאָלעאָנ׳ס
הערשאַפט; ער אַליין, דער איינציגער גראַנדיעזער פּאָעט. —
די דראַמען פון לעבען שטאַרקער ווי די ביהנען־דראַמען. — דער
פּאָליטישער אַיינפלוס פון די צייטונגען „זשורנאַל־דע־דעבאַ"
און „מערקיור דע פראַנס". — שאַטאָבריאַן איז „עולה רגל" קיין
ירושלים. — „די מאַרטירער". — „מעמואַרען פון קבר". —
אַ ראַנדעוואו מיט מאַדאַם דע־מושי. — פּאָעטען האָבען מעהר
גליק באשרייבענדיג דעם גיהנום ווי דעם גן־עדן. — ווי אזוי
שאַטאָבריאַן מאָהלט גאָט און דעם הימעל־רייך. — מאַדאַם דע־
סאַמאַן די לעצטע פרוי וועמען ער האָט געליבט און איז פון איהר
געליבט געוואָרען. — פאַרגיסט טרערען ביים פאָרלעזען „די
מאַרטירער". — זיינע שוואכע זייטען אלס מענש. — ליי־
קענט אָפּ נאָפּאָלעאָנ׳ס טאַלאַנט אַלס גענעראַל. — טוט „תשובה"
אויף דער עלטער.

אײנלײטונג.

די סאָציאַלע און ליטעראַרישע ערשײנונגען אין אָנהויב פון נײנצעהנטען יאָהרהונדערט. — דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט. — די אויטאָריטעט פון דער פאַמיליע, פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט, פונ'ם שטאַט און פון דער רעליגיע. — די ערציהערישע באדײטונג פון פּרינציפּ פון אויטאָריטעט אין דער מענשליכער געשיכטע. — די גרונד־אידעען פון דער רעוואָלוציע. — וואָלטער און רוסאָ. — דער אינדיווידועלער געדאנק אַלס צושטערער; דער סאָציאַלער געפיהל אַלס בויער.

א רײהע פּערזענליכקײטען טרעטען אויף און ווירקען אין פראַנקרײך אין אָנהויב פון נײנצעהנטען יאָהרהונדערט, און זײער אויפטרעטען און ווירקען, זײערע אידעען, געפיהלען און שטימונגען, זײערע האנדלונגען און ווערק בילדען, נאָך מײן מײנונג, א נאַטירליכע גרופּע פון סאָציאַלע און ליטעראַרישע ערשײנונגען, וואָס קאָנצענטרירען זיך ארום אײן מיטעלפּונקט — די ווידעראויפריכטונג פון א געפאלענער מאַיעסטעט. און די געפאלענע מאַיעסטעט — דאָס איז דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט.

אונטער דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט פארשטעה איך יענעם פּרינציפּ, לויט וועלכען דאָס לעבען פון יעדען יחיד, און פון גאַנצע פעלקער דארף זײן געשטיצט אויף רעספּעקט פאר דער גע'ירשנ'טער טראַדיציע.

אויטאָריטעט איז מאַכט און ווירקט אלס מאכט בלויז דורך דעם פאַקט פון איהר עקזיסטענץ, און ניט צוליעב וועלכע עס איז שכל'דיגע טעמים; זי רוהט אויף דער פרײוויליגער און אומפרײוויליגער אונטערוואַרפונג פון די געמיטער צו דעם, וואָס עקזיסטירט, וואס איז פעסטגעשטעלט. פון אָנפאנג האָט אויטאָריטעט קײן אנדערע ווירקונגס־מיטלען ניט געהאט, ווי צוואנג און מאַכט, און מיט די מיטלען באַנוצט זי זיך אין אַלע צײטען; אָבער זעהר פריה האָט זי גענומען ארויסרופען אויך אנדערע געפיהלען, ווי צ. ב. ש. עהרפורכט און דאנקבארקײט. ווען דער מענש האָט זיך דער־

פֿיהלט מיט עפּעס פֿאַרפּליכטעט צו אויטאָריטעט, האָט ער אויפֿ־געהערט זיך צו שעהמען מיט זיין אָפּהענגיגקייט, האָט ער אויפֿ־געהערט צו ליידען אונטער איהר יאָך. די אויטאָריטעט פֿון דער פֿאַמיליע, די אויטאָריטעט פֿון דער בירגערליכער געזעלשאַפֿט, די אויטאָריטעט פֿון שטאַאט — די לעצטע איז אַ שטיק צייט אין דער געשיכטע צענויפֿגעפֿאַלען מיט דעם ווילען פֿון דעם דעספּאָט און דעם הערשער — די אַלע אויטאָריטעטען האָבען ביסלעכווייז זיך אַנטוויקעלט און פֿאַרפֿיינערט און אַלע צוזאַמען האָבען זיי בענומען זוכען שטיצע ביי נאָך אַ העכערער מאַכט — דער רעלי־גיעזער אויטאָריטעט. ערשט אַ דאַנק דער ברכה פֿון דער רעליגיע געווינט דער פּרינציפּ פֿון אויטאָריטעט זיין אַבסאָלוטען כאַראַק־טער, זיין אומבאַדינגטקייט. דער ווילען פֿון אַלמעכטיגען איז געוואָרען דער העכסטער געזעץ, פֿאַר וועלכען דער מענש מוז זיך בויגען און וועלכען ער מוז בלינד פֿאָלגען.

דער פּרינציפּ פֿון אויטאָריטעט האָט געהאַט אַ גרויסע ערצי־הערישע באַדייטונג אין דער געשיכטע פֿון דער מענשהייט; אָבער איהם איז באַשערט זיך אַליין איבערפֿליסיג צו מאַכען. אויף דער נידריגער קולטור־שטופֿע געהאָרכט דער מענש דעם געזעץ איינ־פֿאַך דערפֿאַר, ווייל דער געזעץ קומט פֿון אויטאָריטעט; אויף דער העכערער שטופֿע, ווייל ער זעהט איין דאָס פֿאַרנינפֿטיגקייט פֿון געזעץ. וואו אויטאָריטעט וויל זיין אַבסאָלוט און אומבאַזיעגט, מוז זי זיך פֿאַרשטעלען פֿאַר אַ וואונדער און פֿאַרוואַרפֿען יעדע קריטיק אַלס מרידה און אפּיקורסות. און מיר זעהען טאַקע, אַז אומבאַדינגטע אויטאָריטעט פֿאַרלאַנגט, מען זאָל זי אַנערקענען פֿאַר עפּעס וואונדערליכעס, מיסטעריעזעס.

ווייל אומבאַדינגט קען אויטאָריטעט נאָר זיין מיט דער הילף און גוטהייסונג פֿון דער רעליגיע. אָבער לויט ווי קריסטענטום האָט היסטאָריש זיך ענטוויקעלט אין אייראָפּאַ, האָט דער פּרינ־ציפּ פֿון אויטאָריטעט לאַנג זיך ניט געקענט באַהויפּטען אין זיין ריינסטער פֿאָרמע. קריסטענטום — וועניגסטענס אָפֿיציעל — שטעלט זיך דאָך אַרויס אַלס די רעליגיע פֿון ליעבע; אין דער ווירקליכקייט אָבער וויסען מיר פֿון דער געשיכטע, אַז ניט ליעבע, נאָר געהאָרכזאַמקייט איז געווען דער סאַמע עיקר סיי פֿאַר דער

קירך און סיי פאר דעם שטאאט — געהארכזאמייט און דער גלויבען אין דעם איבערנאטירליכען כאראקטער פון אויטאריטעט. דאך האבען אפילו די שטרענגסטע טעאלאגען, גלחים און קירכליכע שרייבער בכלל ביז גאר ניט לאנג זיך געצוואונגען צו ריידען די שפראך פון רעליגיעזען ענטוזיאזם, פארקינדיגענדיג דאס עוואנגעליום פון ליעבע, גלייכצייטיג מיט דער דאגמא פון גלויבען; זיי האבען זיך ניט באנוגענט בלויז מיט פארטיידיגען אויטאריטעט, זיי האבען אויך געזוכט צו געווינען די נשמות. ערשט ווען אין פיעלע לענדער האט די מאיאריטעט פון ענטוויקעלטע גייסטער זיך באפרייט פון דעם דרוק פון איבערנאטירליכע אויטאריטעטען און איז דערפאר געווארען קריטיש געשטימט אויך געגען אומבאדינגטע אויטאריטעטען אויפ׳ן פאליטישען און נאציאנאלען געביעט — ערשט דאן האט מען גענומען זיך איינשטעלען פאר ריינער, נאקעטער אויטאריטעט, ניט זוכענדיג צו ווירקען אויף די הערצער. מען האט אבער דערביי זיך געמוזט באנוצען מיט אנדערע ארגומענטען — מעהרסטענס ארגומענטען פון פארשטאנד; זעלטענער האט מען אויך אפעלירט צו דער פאנטאזיע.

דער פרינציפ פון אויטאריטעט קען פראקלאמירט ווערען אין דער קירך און אין שטאאט, אין דער פאמיליע און אין דער געזעלשאפט, יא אפילו אין דער ספערע פון מענשליכען וויסען, אלס דער איינציגער פרינציפ פון חכמה און פארשטענדנים. און אין דער עפאכע, וואס איך האב בדעה צו שילדערען איהר גייסטיג לעבען, איז דער דאזיגער פרינציפ טאקע פארהערליכט געווארען אויף די אלע געביטען, אבער אין דעם מאמענט פון דער רעוואלוציע איז ער אויף די אלע געביטען געשטירצט געוועזן.

כדי צו פארשטעהן, ווי אזוי ער איז ווידער אויפגעריכט געווארען, איינגעשטעלט און באפעסטיגט געווארען און סוף כל סוף נאך אמאל געשטירצט געווארען, דארף מען זיך צוקוקען, ווי אזוי און מיט דער הילף פון וועלכע גרונד־אידעען ער איז פארניכטעט געווארען אין דער צייט פון דער רעוואלוציע.

ער איז ניט אטאקירט געווארען אויף אלע גייסטיגע געביעטען מיט אמאל. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז זיין גילטיגקייט אין די אלע פארשיעדענע לעבענס־ספערען איז אפהענגיג געוועזן

פון זיין גילטיגקייט אין יענער ספערע, וואָס איז אַנערקענט געווען אַלס די העכסטע: אין דער קירך, ווייל דאָס איז געווען די קירך, וואָס האָט פון זיך אויסגעטיילט אויטאָריטעט צו אַלע אַנדערע ספערען (ווי צ. ב. ש. דאָס קעניגטום פון גאָטעס גנאַדען, די הייראַט אַלס מיסטעריע, א. ז. וו.)

מיט דער אויטאָריטעט פון דער קירך איז געשטאַנען און געפאַלען דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט בכלל און די אַלע אויטאָריטעטען, וואָס האָבען זיך געהאַלטען אין איהר זכות. און אַזוי גיך די אויטאָריטעט פון דער קירך איז אונטערגעגראָבען געוואָרען, האָט זי מיטגעשלעפּט אין איהר שטורץ די אַלע איבעריגע.

מען קען אָבער ניט זאָגען, אַז דער מאַן, וועלכער האָט אין אַכצעהנטען יאָהרהונדערט געאַרבייט ענערגישער און ערפאָלגרייכער ווי ווער עס איז צו באַפרייען דעם מענשליכען געדאַנק פון קירך און דאָגמע, זאָל האָבען פאָראויסגעזעהן די רעזולטאַטען, צו וועלכע זיין אַרבייט וועט ברייגען. ווייט דערפון! וואָלטער האָט ניט געוואָלט קיין אויסערליכע איבערקערעניש. דער העלד פון זיין קליינער ערצעהלונג: „די וועלט ווי זי איז" — דער חכם באַבוק — שטורמט און צאָרנט אפילו פון אָנפאַנג געגען דער פאַרדאָרבענקייט, וואָס הערשט אין דער גרויסער שטאָדט פּערסעפּאָליס; ער זעהט קלאָר, אַז אַלץ געהט צו ניט אַזוי, ווי עס האָט געדאַרפט; אָבער ביסלעכוויז הויבט ער אָן צו געפינען אויך גוטע זייטען אין די עקזיסטירענדע איבלען, און ווען עס שטעלט זיך אַרויס, אַז פון דעם רעפּאָרט, וואָס ער וועט דערלאַנגען צו מלאך איטואל הענגט אָפּ, צי די שטאָדט זאָל צעשטערט אָדער געשאָנעוועט ווערען, זאָגט ער זיך אַרויס דורכאויס געגען צעשטערונג; אפילו דער מלאך אַליין הערט אויף סוף כל סוף צו טראַכטען וועגען רעפאָרמירען די מדות פון די פּערסעפּאַליאַנער, ווייל, זאָגט ער — „הגם ניט אַלץ איז ביי זיי ווי עס דאַרף זיין, אָבער נישקשה, לעבען קען מען".

עס לאָזט זיך שווערליך זאָגען, אַז אַזאַ געדאַנקען־גאַנג איז רעוואָלוציאָנער, און וואָלטער שטימט איין, — צייטענווייז, וועניגסטענס — מיט זיין העלד באַבוק. אויך וואָלטער פלעגט זיך ווענדען כסדר צו די הערשער, און ניט צו די פעלקער, ווען ער

האָט געוואָלט פארקערפּערען זיינע אידעען אין טהאטען; און ניט איין מאָל האָט ער ערקלערט, אז קעניגע און פילאָזאָפען האָבען שותפות'דיגע אויפגאבען. דערפאר, ווען האָלבאך און זיינע מיט־העלפער האָבען געגומען ריידען, אז „צווישען די הארען פון דער וועלט, גאָטס'ס רעפּרעזענטאנטען, וועט זיך קוים געפינען איינער אין א יאָהרטויזענט, וואָס זאָל באזיצען די געוועהנליכסטע גע־פיהלען פון גערעכטיגקייט און מיטלייד, אָדער די איינפאכסטע פעהיגקייטען און מדות", איז וואָלטער געווען אויסער זיך פאר כעס. זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט'ן פּרייסישען קעניג ענטהאלט גאר העפטיגע אויסברוכען פון צאָרן געגען דאָס בוך: „דאָס סיס־טעם פון דער נאטור". ער האָט זיך ניט דערקענט אין די דאָזיגע שילער זיינע און זייערע אויספיהרונגען.

פונדעסטוועגען איז עס געווען וואָלטער, וועלכער האָט פאר דער גאנצער צייט פון דער רעוואָלוציע סימבאָליזירט איהר צו־שטערענדען פּרינציפּ, פונקט ווי רוסאָ איז געווען איהר פאראיי־ניגענדער און זאמלענדער גייסט. וואָלטער האָט דעם אויטאָרי־טעט־פּרינציפּ צעבראָכען אין נאָמען פון דער פרייהייט פון אינדי־ווידועלען געדאנק; רוסאָ האָט איהם ארויסגעפּרעסט און פארבי־טען מיט דעם כלל־געפיהל פון אחדות און ברידערליכקייט. די רעוואָלוציע האָט פונקט פאר פונקט דורכגעפיהרט, וואָס דיביידע גרויסע גייסטער האָבען פארטראכט; זי האָט ערפילט זייער צואה. דער אינדיווידועלער געדאנק איז געוואָרען איהר צעשטערענדער טאט, דער סאָציאלער געפיהל — איהר זאמלענדע קאָנסטיטוציע. פון וואָלטער איז געקומען איהר ענטריסטונג, פון רוסאָ איהר התלהבות.

1.

די רעוואָלוציע.

דער קאַמף פון דער רעוואָלוציע פאַר געוויסענס־פרייהייט און רעליגיעזער טאָלעראַנץ. — דער פאַרלאַנג פון די גלחים צו ערקלערען דעם קאַטוליציזם אַלס שטאַטס־רעליגיע. — די „דעקלאַראַציע פון מענשען־רעכט". — די אידישע דעפּוטאַציע פון עלזאַס־לאָטרינגען. — די קאָנפיסקאַציע פון קירך־אייגענטום. — דער בונט פון די גלחים. — די זשיראַנדיסטען. — דער קאָרדיליערען קלוב. — דער יאַקאָבינער קלוב. — רוסאָ'ס „סאָציאַלער קאָנטראַקט". — די „דעקאַטוליזירונג פון פראַנקרייך". — דער „קולט פון פאַרנונפט". דער יום־טוב לכבוד דעם אַלערהעכסטען וועזען. — די „רעליגיע פון בירגער". — דער ליבעראַלער קאַטוליציזם. — די פעריאָדע פון פאַלשטענדיגער רעליגיעזער פרייהייט.

אזוי ווי אויטאָריטעט איז אין איהר עצם קירכליך און רעליגיעז, איז אומבאַדינגט נויטיג פריהער פון אלץ זיך קלאָר צו מאַכען די שטעלונג פון דער רעוואָלוציע, אין אלע איהרע מאָמענטען, צו דער קירך און דער רעליגיע, אויב מיר ווילען ריכטיג פארשטעהן די גייסטיגע רעאקציע, וואס איז געקומען נאָכדעם. דען די רעאקציע, האָבענדיג פאַר איהר צוועק די ווידער־אויפריכטונג פון פרינציפּ פון אויטאָריטעט, האָט זיך היסטאָריש און לאָגיש אָנגעהויבען מיט דער רעסטאַוראַציע פון דער קירך.

די רעוואָלוציע האָט אין גרונד גענומען געטראָגען פונקט אזוי־פיעל א רעליגיעזען, ווי א פּאָליטישען כאַראַקטער. פון דעם שטאַנדפונקט איז די רעוואָלוציע געווען די פּראַקטישע פאַרווירקליכונג פון דער גרויסער פילאָזאָפישער ארבייט פון די פריי־דענקערישע שריפטשטעלער פון 18טען יאָהרהונדערט. דאָס האָבען מיר דער רעוואָלוציע פון 1789 צו פאַרדאַנקען יענע גרעסטע נצחונות פון מענשליכען גייסט איבער געוואַלט און פאַראורטייל — געוויסענס־פרייהייט און רעליגיעזע טאָלעראַנץ. עס איז ניטאָ קיין גרעסערער ליגען ווי די באַהויפּטונג, וואָס ווערט אפט געמאַכט פון קאַטוילישע שריפטשטעלער, אז פאַר די דאָזיגע אומשעצבאַרע גיטער האָט די מענשהייט צו פאַרדאַנקען דער קריסטליכער קירך. דער ריינער אמת

איז, אז די קירך האָט ביז צו סאַמע לעצט זיך געראַנגעלט געגען יעדען פאַרזוך אין דער ריכטונג פון געוויסענס-פרייהייט.

אין דעם אויגענבליק, ווען די רעוואָלוציע ברעכט אויס, זיינען שוין אַלע הכנות געמאַכט צו דעם גרויסען צוזאַמענשטויס צווישען דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט פון איין זייט און דעם פּרינציפּ פון אינדיווידואַליטעט און סאָלידאַריטעט פון דער אַנדערער. די צוויי הויפּט-קעמפּער, די פילאָזאָפיע און די קירך, ריכטען אויס זייערע וואַפען. אַלע פיהרער, אַלע ריטער און וואַפּענטרעגער, וועלבע האָבען געדאַרפט אויספעכטען דעם גרויסען טורניר, זיינען שוין אויף זייערע פּלעצער, אומבאַקאַנט איינער צום אַנדערן, אומבאַקאַנט צו דער וועלט, וואָס זיי האָבען באַלד געדאַרפט פאַרקלינגען מיט זייערע נעמען. מענשען פון פאַרשיעדענסטער אָפּשטאַמונג, מיט די פאַרשיעדענסטע פאַרגאַנגענהייטען. דאָ זיינען אדעל-לייט, ווי מיראַבאָ, גייסטליכע, ווי מאָרי, פאָשע און טאַלייראַן, דאָקטוירים ווי מאַראַט, אדוואָקאַטען, ווי ראָבעספּיער, פּאָעטען, פילאָזאָפען, רעדנער, שריפטשטעלער, ווי שעניע, קאָנדאָרסע, דאַנטאָן און דעמולען, א מחנה טאַלאַנטען און כאַראַקטערע. די קירך זאַמעלט איהרע כוחות פאַר דעם פאַרצווייפעלטען קאַמף, וואָס איז אין פאָראויס פאַרלאָרען געווען; די רעוואָלוציע טרעט אַרויס, צוערשט אומזיכער און צווייפלענדיג, דערנאָך דראָהענדיג, ברעכענדיג יעדען ווידערשטאַנד און צולעצט שכור פון נצחון. ווי נאָר די גענעראַל-שטאַאַטען ווערען פאַררופען, עפענט זיך די קאַמף-סצענע, די באַריערען פאַלען פוןביידע זייטען, דער גרויסער קאַמף-מייסטער, די וועלט-געשיכטע, גיט דעם סיגנאַל צום וועלט-קאַמף.

אזוי גיך ווי די גענעראַל-שטאַאַטען זיינען זיך צונויפגעקומען, איז דער ערשטער איינשטימיגער פאַרלאַנג פון גייסטליכען שטאַנד געווען — אויסצואווירקען אנערקענונג פאַר דער קאַטוילישער, אַפּאָסטאָלישער און רוימישער רעליגיע, אַלס די נאַציאָנאַלע רעליגיע, וואָס האָט דעם אויסשליסליכען מאָנאָפּאָל אויף עפענטליכען גאָטעס-דינסט.—פונדעסטוועגען זיינען צווישען די נידריגערע גייסטליכע ניט ווייניג רעפּובליקאַנער געווען. אמת, די פאָלקספריינדליכע אַבאַטען האָבען געדונערט געגען דער אינקוויזיציע, האָבען זי גערופען די „מענשענפרעסערישע, טיגרישע אינקווי-

זיציע", אָבער גלייכצייטיג האָבען זיי אויך געוואָרענט געגען טאָ־לעראנץ. דער רעוואָלוציאָנערער אבאט פּאָשע, דערזועלביגער, וועלכער האָט נאָכ'ן איינגעהמען פון באסטיליען געבענשט דעם דריי־פארביגען מונדיר פון דער נאַציאָנאלער גווארדיע, וועלכער האָט באשאפען די דריי־פארביגע נאַציאָנאלע פאָהן — דערזעל־ביגער האָט טאָלעראנץ אנדערש ניט גערופען, ווי מיט דעם שפּאָ־טישען נאָמען — „אגולנער טאָלעראנטיזם", און ער האָט נביאות געזאָגט, אז ווען טאָלעראנץ זאָל איינגעפיהרט ווערען, וועט עס פיהרען צו אלגעמיינער און פאָלשטענדיגער הפקרות. ער איז געגאנגען אזוי ווייט, אז ער האָט רעקאָמענדירט צו פארבאָטען חתונה האָבען מענשען, וואָס באלאנגען ניט צו קיין רעליגיעזער חברה, „ווייל — האָט ער גע'טענה'ט — אזעלכע לייט קען מען ניט באטראכטען פאר געבונדען מיט א וואָרט."

ווען די גענעראל־שטאאטען האָבען זיך פארוואנדעלט אין דער נאַציאָנאלער פארזאמלונג, איז דער גייסטליכער שטאנד גע־צוואונגען געווען צו געהן אויף הנחות; אָבער אפילו דאמאָלס, ווען די אומצופרידענהייט מיט די גלחים איז שוין פריי ארויסגע־רעדט געווארען, פלעגט די אָפּאָזיציע אלעמאָל פארענדיגען יעדען סכסוך מיט א מילדער, דעליקאטער, קאָמפּראָמיסליכער רעזאָלוציע. ווען צ. ב. ש. גארא האָט אין פעברואר 1790 זיך אויסגעדריקט אין א רעדע, אז ווער עס טוט אָן דעם גלחישען קיטעל, באגעהט בירגערליכען זעלבסטמאָרד, און אייניגע גייסטליכע, צווישען זיי אבאט מאָרי און די בישאָפען פון נאנסי און קלערמאָן, אויפגע־בראכט איבער די ווערטער, האָבען גענומען שרייען וועגען גאָט'ס־לעסטערונג און האָבען ביי דער געלעגענהייט אריינגעבראכט א פאָרשלאָג צו ערקלערען די קאטוילישע רעליגיע אלס די שטאאטס־רעליגיע — איז דער פאָרשלאג אפילו פארוואָרפען געווארען, אָבער אויף אזא אופן, אז אין דער מאָטיווירונג פון דעם שריט פיהלט זיך די גאנצע אומזיכערקייט און ציטערדיגקייט פון די געגנער פון פּראָיעקט.

עס וואָלט געווען, האָבען זיי גע'טענה'ט, א באליידיגונג פאר דער רעליגיע און פאר די געפיהלען פון דער פארזאמלונג בנוגע צו איהר, צוצולאָזען דעם מינדסטען צווייפעל אין דעם (ד. ה. אז די

קאַטוילישע רעליגיע איז ניט די שטאַאַטס־רעליגיע). די געזעל־שאַפטליכע טוער האָבען נאָך ניט געוואגט אַרויסצוזאָגען אָפען זייערע מיינונגען, און דערפאַר זעהען מיר אַזאַ מאָדנע ערשיי־נונג: אַ פאַרזאַמלונג, וואָס איהר מאַיאָריטעט איז באַשטאַנען פון פריי־דענקער, פלעגט זיך באַטייליגען אין רעליגיעזע פּראָצעסיעס און פלעגט מיטמאַכען קאַטוילישע גאָטעס־דיענסטען.

בלויז מיט צוויי חדשים שפּעטער איז דער פאָרשלאַג צו ערקלערען די קאַטוילישע רעליגיע פאַר דער שטאַאַטס־רעליגיע ווי־דער אַמאָל אַריינגעבראַכט געוואָרען — דאָס מאָל נאָך די העפטיג־ליידענשאַפטליכע אַטאַקעס פון מאַרי געגען דעם פאַרזוך צו פאַר־ווערטליכען די קירכער־גיטער. דער באַנייטער פאָרשלאַג איז גע־קומען פון אַ גייסטליכען, דאָם זשערל, וועלכער האָט שפּעטער, ווען ער איז געוואָרען אַ יאַקאָבינער, געקעהרט וועלכען, כדי צו מאַכען דעם עולם פאַרגעסען זיין ערשטען עפענטליכען אַרויסטריט. מיראַבאָ האָט דערויף געענטפערט, אָנווייזענדיג אויפ׳ן פענסטער פון לואוור־פּאַלאַץ, וואָס מען האָט געקענט זעהן פון דער טריבונע, „דאָס איז דאָסזעלבע פענסטער, פון וועלכען אַ פראַנצויזישער מאָנאַרך, פאַרמישענדיג די וועלטליכע אינטערעסען מיט די גייס־טיגע אינטערעסען פון דער רעליגיע, האָט אויסגעשאָסען פון אַ ביקס, און דערמיט געגעבען דעם סיגנאַל צו דער באַרטהאָלאָמע־אוס־נאַכט“. אָבער אויך דאָס מאָל האָט די פאַרזאַמלונג אויסגע־מידען די פראַגע, זיך אַרויסדרעהענדיג מיט דער ערקלערונג, אַז די מאַיעסטעט פון דער רעליגיע און דעם יראת הכבוד, וואָס מען איז איהר שולדיג, ערלויבען ניט מען זאָל זי מאַכען פאַר אַ טעמע פון פּאַרלאַמענטאַרישע ויכוחים. דער גאַנצער רעכטער פליגעל האָט זיך צוריקגעהאַלטען פון שטימען; אַ חוץ דעם, איז אַריינ־געטראָגען געוואָרען אַ פּראָטעסט, אונטערגעשריבען פון 297 מיט־גלידער, פון וועלכע 144 האָבען באַלאַנגט צו דעם גלחים־שטאַנד. די דעפּוטאַטען האָבען זיך געוואָקעלט און כסדר זיך ווידער־שפּראָכען.

די אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט מיט הונדערט יאָהר פריהער באַגריסט מיט יובעל־פרייד לואי דעם פערצעהנטען, ווען ער האָט אָפּגעשאַפט דעם טאָלעראַנץ־דעקרעט פון נאַנט, האָט זיך

אזוי פארענדערט אונטער דער ווירקונג פון דער ליטעראטור פון 18טען יאהרהונדערט, אז האנדלענדיג אלס שטאנד, האט זי זיך ארויסגעזאגט אין ריין וואלטעריאנישען גייסט, פאר אלגעמיינער טאלעראנץ, אבער זי האט נאך דערביי צוגעגעבען האלב־אומזי־כער, אז די קאטוילישע קירך מוז די פאלקס־קירך זיין. דער דריטער שטאנד, וועלכער איז טיילווייז יאנסעניסטיש געווען, און דערפאר, אין אמת'ען, א סך ווייניגער פרייזיניג, האט אלס שטאנד זיך ארויסגעוויזען פונקט אזוי לעבליך. אבער מיט דעם צונויפקומען פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג איז פון אנהויב אן געמאכט געווארען א סוף צו יעדער אומענטשלאסענהייט; ווארים איינער פון די ערשטע שריט פון דער פארזאמלונג, ווי באוואוסט, איז געווען די פארעפענטליכונג פון דער „דעקלאראציע פון מענשען־רעכט"; און צווישען די מענשען־רעכט ווערט אויסדריקליך אויסגערעדט די פרייהייט פון רעדען און פון דענקען אויך אין דער פראגע פון רעליגיע. איין ארטיקעל פון דער דעקלאראציע לויטעט: „קיינער טאר ניט באאומרוהיגט ווערען צוליעב זיינע אנשויאונגען, אפילו צוליעב זיינע רעליגיעזע אנשויאונגען, בתנאי אז אין זייער עפענטליכען אויסדרוק שטערען זיי ניט די געזעצליכע ארדנונג". דער פאפסט האט דערויף געענטפערט מיט אן ערקלערונג, אז אזא פרייהייט איז דאס „משונה'דיגסטע, אומזיניגסטע רעכט, וואס דערשטיקט די פארנונפט"! דאס, דאכט זיך, כאראקטעריזירט שוין גענוג די געגענזייטיגע שטעלונג פוןביידע לאגערען.

ווען אין דער געזעצגעבענדער פארזאמלונג איז אויפגעהויבען געווארען די פראגע וועגען טאלעראנץ, זעהט מען, ווי די לאגע ווערט אלץ קלארער. אין פראיעקט פון דער דעקלאראציע פון מענשען־רעכט איז איין ארטיקעל פארמולירט געווארען אויף אזא אופן:

„דער קולט ווערט געשטעלט אונטער דער השגחה פון דער פאליציי — פאלגליך געהערט דער געזעלשאפט דאס רעכט צו רעגולירען איהם, איין קולט צו ערלויבען, דעם אנדערען צו פארווערען."

מיראבא איז ארויס מיט א ביטערער אטאקע געגען דעם ארטיקעל:

„איך וויל ניט פּרעדיגען טאָלעראַנץ — האָט ער געזאָגט — די סאַמע אומבאַשרענקטעסטע רעליגיאָנס־פרייהייט איז נאָך מיין מיינונג אזא הייליג רעכט, אז בלויז אָנווענדען דערויף דעם אויסדרוק טאָלעראַנץ איז שוין פאַר מיר כמעט א שטיק טיראַניי, ווייל ווי באלד עס עקזיסטירט אַן אויטאָריטעט, וואָס באַזיצט די מאַכט צו טאָלערירען און פאָלגליך אויך ניט צו טאָלערירען, איז עס שוין אַן אַטענטאַט אויף דער פרייהייט פון געדאַנק.“ אויף אַן אַנדער זיצונג איז ער געגאַנגען נאָך ווייטער: „מען האָט דאָ גערעדט וועגען דעם הערשענדען קולט. וואָס פאַרשטעהט מען אונטער דעם „הערשענדען“? איך פאַרשטעה דעם אויסדרוק ניט און איך בעט מען זאָל עס מיר גענויער דעפינירען. אפשר פאַר־שטעהט מען אונטער דעם א קולט, וואָס אונטערדריקט די אַנדע־רע? אָבער האָט דען די פאַרזאַמלונג ניט פאַריאָגט דאָס וואָרט „אונטערדריקונג“? אָדער זאָל מען פאַרשטעהן אונטער דעם די רעליגיע פון קעניג? אָבער דער קעניג האָט קיין רעכט צו הער־שען איבער די געוויסענס אָדער צו רעגולירען די מיינונגען. אָדער מען מיינט מיט דעם די רעליגיע פון דער מאַיאָריטעט? קולט איז די זאַך פון איבערצייגונג. דער אָדער יענער קולט איז דער רעזול־טאַט פון דער אָדער יענער איבערצייגונג. אָבער אַן איבערצייגונג קען מען ניט שאַפען דורך אונטערפיהרען דעם סך הכל פון שטי־מען. דער געדאַנק באַלאַנגט צו אונז אליין; ער איז אומאָפּהענ־גיג און לאָזט זיך ניט בינדען.“

מען זעהט דאָ, ווי דער מוט ארויסצוזאָגען זיך פריי אין רע־ליגיעזע פראַגען פּרובירט די קראַפט פון זיינע פליגלען.

איך וועל ברייגנען נאָך א ביישפּיעל, וואָס ווייזט, ווי שנעל מען האָט זיך דערהויבען, סיי אין דער פאַרזאַמלונג און סיי אין דער געזעלשאַפט בכלל, פון דער ערשטער ציטעריגער פאַרזיכטיג־קייט ביז צום באַוואוסטזיין אז א גרויסע גייסטיגע רעוואָלוציע געהט אָן; אָבער כדי ריכטיג צו פאַרשטעהן דעם פאַל, דאַרף מען האָבען אין זינען, אז אין אָט דער פאַרזאַמלונג איז נאָך זעהר מעכטיג געווען די פּאַרטיי פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע איז באַשטאַנען פון ערץ־בישאָפען און בישאָפען, פּרינצען, הערצאָגען, מאַרקיזען און באַראָנען מיט א צאָהל דעזערטירען פון דריטען

שטאנד. אלע די לייט, וועלכע האבען פארנומען די רעכטע זייט פון זאל, האבען קוים געגלויבט אין דער רעוואָלוציע און פלעגען אָפט און כסדר אָפּפּאַרטיגען די ערנסטע אטאקעס מיט א וואָרט־שפּיעל.

אין אָקטאָבער 1789 איז פאר די דעפּוטאטען פון דער נאציאָנאַלער פארזאמלונג ערשינען א דעפּוטאציע פון א מאָדנעם אויסזעהן, מיט לאנגע קליידער און אָריענטאלישע פּנים'ער. דאָס זיינען געווען אידען פון עלזאס און לאָטרינגען. זיי זיינען געשיקט געוואָרען פון זייערע גלויבענס־גענאָסען צו אַפּעלירען נאָך בארעמהערציגקייט. „הויך־געבאָרענע פארזאמלונג! — האָבען זיי געזאָגט — אין נאָמען פון אייביגען, דער קוואל פון יושר און אמת, אין נאָמען פון גאָט, וועלכער האָט באשאָנקען אלע מענשען מיט גלייכע רעכטען און פליכטען, אין נאָמען פון דער מענשהייט, וועלכע איז דורך יאָהרהונדערטען באליידיגט געוואָרען דורך דער שענדליכער באהאנדלונג, וואָס די אומגליקליכע אייניקלאך פון דעם עלטסטען פון די פעלקער שטעהען זיך אויס כמעט אויפ'ן גאנצען ערד־קוגעל, קומען מיר אייך בעטען און באשווערען איהר זאָלט ווירדיגען מיט אייער אויפמערקזאמקייט אונזער קלעגליכען שיקזאל. די אידען, אומעטום פארפאָלגט, אומעטום ערנידריגט, אָבער דאָך שטענדיג אונטערטעניג, קיינמאָל ניט מוטוויליג; די אידען, וועלכע זיינען דער ציעל פון האס און פאראכטונג ביי אלע פעלקער, הגם זיי פארדיענען מיטלייד און טאָלעראנץ — די אידען פאלען צו אייערע פיס און ערלויבען זיך צו האָפען, אז אין מיטען פון די שווערע ארבייטען, וואָס פארנעמען אייך, וועט איהר ניט גרינגשעצען זייער קלאָגען, און איהר וועט אויסהערען מיט עטוואָס אינטערעס זייער ציטעריגען געבעט, וואָס זיי וואגען צו ברייננגען פאר אייך פון דער טיפעניש פון ערנידריגונג, אין וועלכער זיי זיינען באגראָבען... הלואי זאָל די פארבעסערונג פון אונזער לאגע, אויף וועלכער מיר האָבען ביז אהער אומזיסט געווארט און וועגען וועלכער מיר בעטען אייך מיט טרערען, זאָל זיין אייער ווערק און אייער וואָהלטאַט!"

קלערמאָן־טאנער האָט מיט ווארימער סימפּאטיע זיך פארהאלטען צו זייער פּעטיציע. אָבער עס איז קוים צו גלויבען, אויף וועלכע

שפּיצלאך די גייסטליכע זיינען געפאלען, אום אָפּצוזאָגען די אידען א רעכט, וואס אייגענטליך האָט עס געזאָלט הייסען, אז זיי איז עס שוין געגעבען געווארען. אבאט מארי האָט זיך אויפגעשטעלט. א בריט, דרייסט געזיכט, די זיבען טויט־זינד אויפ׳ן געזיכט, ווי מען פלעגט זאָגען וועגען איהם; מיט א פעסטען מויל, מיט אויגען, וואָס האָבען געבליצט מיט קלוגקייט, פאלשקייט און ביטרעקייט, יענע ביטרעקייט, וועלכע מאכט זיך תמ׳עוואטע און פרעגט: סטייטש, דאָס רופט מען ביטרעקייט! ער איז פרעך און קאלטבלוטיג געווען דער מארי. דאָס איז דערזועלבינער, וועלכער מיט אייניגע חדשים שפּעטער, ווען א המון האָט איהם ארומגערינגעלט אויף דער גאס מיט געשרייען: „אויף דער לאנטערנע מיט איהם!“ — האָט ער אָפּגע־ענטפערט: „וואָס מיינט איהר, ליעבע פריינד, אז איהר וועט דורך דעם בעסער קענען זעהן?“ און מארי איז ארויסגעטראָטען געגען דער פעטיציע. ער האָט געזאגט:

„ווער וועט אין אונזערע טעג נאָך רעדען וועגען פארפאָלגונג און אונטאָלעראנץ! די אידען זיינען אונזערע ברידער. אָבער ערקלערען זיי פאר בירגער וואָלט געווען דאָסזעלבע, ווי צוגעבען, אז ענגלענדער און דענער, ניט נאַטוראליזירענדיג זיך און ניט אויפהערענדיג צו זיין ענגלענדער און דענער, קענען גלייכצייטיג זיין פראנצויזען.“

און ער האָט זיך דערנאָך אָפּגעשטעלט אויף דער אידישער לייד־דענשאפט צו וואָכער און אויף די איבעריגע חסרונות, וואָס מען שרייבט צו אידען, און ער האָט צוגעגעבען: דאָס דאָזיגע פאָלק האָט 17 יאָהרהונדערטען דורכגעלעבט, ניט פארמישענדיג זיך מיט קיין שטאַם; זיי האָבען נאָר שאכער־מאכער געטריבען. קיין איינציגער פון זיי האָט ניט פארשטאַנען צו פאראיידלען זיינע הענד דורך דער באַריהרונג מיט אַן אקעראייזען אָדער דורך באַארבייטען א שטיקעל לאנד!“

ווען מען ווייס, אז די אידען איז אם שטרענגסטען פארבאָטען געווען צו באַזיצען אפילו דאָס מינדסטע שטיקעל גרונד־אייגענטום, און אז זייער לאגע בכלל איז געווען אזא, אז אריינפאָהרענדיג אין א שטאָדט האָבען זיי געדארפט באַצאָהלען דיזעלביגע צינזען, וואָס מען פלעגט אויפמאָנען פון חזירים, — זיינען מארי׳ס טענות לייכט גע־וועזן אָפּצואוועהרען. אבער דער האס צו די אידען איז נאָך געווען אזוי

גרויס, אז קיינער האָט זיך ניט געפונען, וואָס זאָל וואָס אויסזעצען געגען דעם. מען האָט מורא געהאַט, אז די אידען וועלען גאַנץ על־זאַס פארוואַנדלען אין אַ אידישע קאָלאָניע, ווען מען וועט זיי געבען ביר־גער־רעכט. נאָך מעהר! דער על־זאַס'ער דעפּוטאַט, געוועהנליך אַ פייערדיגער רעוואָלוציאָנער, האָט דאָ גאָר געהאַלטען פאַר נויטיג צו באַמערקען, אז ער קאָווירט ניט פאַר דער רוה און אָרדנונג אין על־זאַס, ווען דער פאָרשלאַג וועגען אידישער גלייכבאַרעכטיגונג זאָל דורכגעהן.

די שטימונג אין זאַל איז געווען זעהר אַ פוילע. מען האָט גע־פיהלט, אז דער שיקזאַל פון פאָרשלאַג איז באַשלאָסען. בלויז איין איינציגער דעפּוטאַט האָט געוואַגט צו פּראָטעסטירען. ער איז גע־ווען נאָך אַן אומבאַקאַנטער מאַן, אַן אַדוואָקאַט פון פאַך, איינער פון יענע, וועלכע האָבען זיך דאַמאָלס נאָך געהאַלטען אין דער צווייטער רייהע, וועלכער איז געזעסען פאַרשטעקט הינטער די פּראָמינענצען, וואָס האָבען געהערט צו די געוועזענע פּריווילעגירטע שטאַנדען. זיין געזיכט איז געוועהנליך און ניט זעהר לעבעדיג, הגם אומ־היימליך בלאַס. ער איז איינפאַך געקליידעט, אָבער מיט מערק־ווירדיגער זויבערקייט און אָפּגעהיטקייט, זיינע האָר ליגען גוט. שוין זיין אויסזעהן זאָגט עזות, אז דער מענש האָט גרויסען רעס־פּעקט פאַר זיך אַליין און אז ער איז אַ ליידענשאַפטליכער ליעב־האָבער פון אָרדנונג. דער פּרעזידענט רופט אויס זיין נאָמען, אויף וועלכען קיינער לעגט ניט קיין געוויכט:

— מאַקסימיליאַן ראָבעספּיער!

ער איז ארויף אויף דער טריבונע און ער האָט ערקלערט קורץ און שארף: „די חסרונות פון די אידען זיינען דער רעזול־טאַט פון דער ערנידריגונג אין וועלכער איהר האַלט זיי. זיי וועד־לען ווערען גוטע מענשען, אַזוי גיך עס וועט זיי וויפיעל עס איז לוינען גוטע מענשען צו זיין".

אָבער ער איז געווען דער איינציגער מאַן אין דער גאַנצער פאַרזאַמלונג, וועלכער האָט גערעדט פאַר דעם פאָרשלאַג, וואָס — כאַראַקטעריסטיש גענוג — האָט איינגעשלאָסען אין איין קלאַס: פּראָטעסטאַנטען, אַקטיאָרען און אידען. די מענשען־רעכט פון די ערשטע צוויי גרופּען זיינען אַנערקענט געוואָרען. אָבער אַזוי ווי

מיראבא האָט דייטליך איינגעזעהן, אז דעם פּונקט וועגען די אידען איז אונמעגליך דורכצופיהרען, האָט ער אזוי אראנזשירט, אז די דעבאַטען וועגען דעם פּונקט זאָלען אפּגעלעגט ווערען אויף אן אומבאַשטימטער צייט. עס זיינען אוועק צוויי יאָהר. אין 1791 האָבען די אידען באַנייט זייער אַפּיעל. אָבער אין וואָס פאר א געענדערטען טאָן! די שפּל'דיגע ביטע פון א שקלאַף איז געוואָרען די שאַרפע פאָדערונג פון א זעלבסט-באַוואוסטען מאַן. מען אַפּעלירט ניט מעהר צו דער גנאָד פון די הערשאַפטען, מען פיהרט די שפּראַך פון פעסטע ארגומענטען. איך וועל ברייגגען דעם שלום-זאַץ:

„ווען עס זאָל עקזיסטירען א רעליגיע, וואָס איהרע אָנהענגער קענען קיין בירגער ניט זיין, בעת די אָנהענגער פון אנדערע רעליגיעס קענען עס יאָ זיין, וואָלטען די אנדערע רעליגיעס געווען הערשענדע. אָבער קיין הערשענדע רעליגיעס זיינען נישטאָ, ווייל אַלע באַזיצען זיי גלייכע רעכט. אפּזאָגענדיג די אידען אין רעכט אויף דעם סמך, וואָס זיי זיינען אידען, שטראָפט מען זיי דערפאר, וואָס זיי זיינען געבאָרען געוואָרען אין א באַשטימטער רעליגיע. אָבער אויב אזוי עקזיסטירט ניט קיין רעליגיעזע פרייהייט, ווייל די דאָזיגע פרייהייט ווערט באַגלייט מיט דעם פארלוסט פון בירגער-רעכט. איינס איז זיכער: דערהויבענדיג די מענשען צו רעליגיעזער פרייהייט, האָט מען בדעה געהאַט אויך זיי צו דערהויבען צו בירגערליכער פרייהייט. קיין האלבע פרייהייט קען ניט זיין, ווי עס קען ניט זיין קיין האלבע גערעכטיגקייט".

עטליכע יאָהר אין דער אטמאָספערע פון דער רעוואָלוציע זיינען גענוג געווען אויפצואוועקען אין די דאָזיגע פאַריעס פון דער געזעלשאפט שטאָלץ און זעלבסטווירדע. דאָס מאָל איז דער פּראָיעקט דורכגעגאנגען אָהן דעבאַטען.

אין דער קאָנסטיטואירענדער פארזאמלונג האָט די שנאה צו דער פּאָזיטיווער רעליגיע און צו די גלחים, מיט וועלכער די „פילאָזאָפען" האָבען אנגעשטעקט זייער צייט-אַלטער, זיך ניט אויסגעגאָסען אין ווערטער; זי האָט זיך אויסגעדריקט בלויז אין טהאַטען. דאָס גאנצע קירכען-איינענטום איז פּראקלאמירט געוואָרען אלס דאָס אייגענטום פון שטאַאַט. וואָלטער האָט איינ-

געקריצט אין די מוחות פון זיינע שילער, אז זייער מיסיע איז צו „פארניכטען די שאנד". און אין די באשלוסען פון דער פאר־זאמלונג האבען די טרייע קאטאליקען געזעהן א פארזוך דורכצו־פיהרען אט די צוואה פון וואלטער. עס האט זיך זיי אויסגעוויזען אז אלע כוחות פון גיהנום האט מען אנגערייצט אויף קריסטוס'עס קירך, ווי „די פילאזאפען וואלטען זיך פארגענומען אויסצורא־טען די קריסטליכע רעליגיע ניט נאר אין פראנקרייך, נאר אין גאנץ איירופא, נאך מעהר: איבער דער גאנצער וועלט". („די פארשווערונג געגען דער קאטוילישער רעליגיע און די סואווערענען", 1792). און כדי דעם צוועק צו דערגרייכען האבען די„ פילאזא־פען" אפעלירט צו די סואווערענען פון די גרויסע לענדער, צו פריד־ריך פון פרייסען, צו יעקאטערינא פון רוסלאנד, און צו אנדערע; אבער ערשט פון פראנצויזישען מיטעל־קלאס איז דער קלאפ געקומען.

די גלחים, וועלכע, ווי דאס ווערטעל געהט, האבען געפונען וואס ארכימעדעס האט געזוכט — א שטיץ־פונקט אין אן אנדער וועלט צו באוועגען ד י וועלט — האבען אנגעהויבען צו העצען דעם גייסט פון פאנאטיזם אין דער פראווינץ. אין שטעדטעל ארא האט מען פאראדירט אין די גאסען מיט א קרייץ — מארי און די ראיאליס־טען זיינען פארגעשטעלט געווארען מארשירענדיג רעכטס פון קרייץ, און די רעוואלוציאנערען לינקס, אונטער דעם געהאנגענעם גנב, וועלכער איז געשטארבען אהן תשובה. אין נים איז געקומען צו אן אמת'ער מרידה, ווען מען האט זיך דערוואוסט, אז א פרא־טעסטאנט, סענט־עטיען, איז ערוועהלט געווארען פרעזידענט פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג.

דאס האט דער בונד פון די וואלטעריאנישע און יאנסעניס־טישע מיטגליעדער פון דער פארזאמלונג געבראכט דערצו, אז זי זאל זיך נעמען זאגען דעות אין די קירכליכע אנגעלעגענהייטען. די יאנסעניסטען, די מיסטיקער, האבען געפיהלט א רעליגיעזען האס צו וועלטליכע גדלות, און אלס פאטאליסטען האבען זיי אהן שום קשיות אנגענומען דעם פאקט פון מענשליכער ארימקייט. דערפאר איז זיי גאר ניט געווען צום הארצען די רייכקייט פון דער קירך און זיי זיינען גלייכגילטיג געווען צו די טובות, וואס די קירך

האָט געטאָן צו די אָרימע. נאָך מעהר: די סקאַנדאַליעזע אויפ־פיהרונג פון פיעלע הויכגעשטעלטע גלחים האָט ארויסגערופען אין זיי מאָראַלישע אנטריסטונג. יעדער איינער, צום ביישפּיעל, האָט געוואוסט, אז די געליבטע פון בישאָף זשאראנטע, מאַדעמואזעל גימאַר, פלעגט הינטער די קוליסען פון דער אָפּערא פארטיילען קירכליכע עמטער און טיטולען, און אז דער ערץ־בישאָף פון נאַר־באָן האָט אויפגעהאַלטען אן אמת׳ען הארעם אין איינעם פון זיינע קלויסטערס, און אז די מאָנאכען פון גראַנזעלווער קלויסטער האָ־בען אין א דערבייאיגען שטעדטעל געהאט א באזונדערען קוואַר־טאַל פאר זייערע דאמען, וואו די טישען זיינען תמיד געווען גע־דעקט פאר לוסטיגע נאַכטמאָלען.

ווען די רעוואָלוציאָנערען וואָלטען זיך באַנוגענט מיט פאַר־שטאַאַטליכען דאָס אייגענטום פון דער קירך, וואָלט מען זיי ניט געקענט באַשולדיגען אין אַטאַקירען די רעליגיע. אבער זיי האָבען זיך אויך געמישט אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון דער קירך, אין דער קירכליכער דיסציפּלין; זיי האָבען זיך אפילו גענומען דאָס רעכט צו ענדערן דעם ריטואַל — דעם סדר פון גאָ־טעסדיענסט; און די הויכע קירכען־בעאמטע האָבען נאַטירליך אויפגעהויבען א געשריי, אז די יסודות פון דער רעליגיע ווערען אונטערגעגראַבען. דערפאַר האָבען די נידעריגערע גלחים קוים געוואגט צו שווערען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציע. דער קליי־נען יעהרליכער געהאלט, וואס דער שטאַאט האָט געצאָהלט צו די יעניגע, וועלכע האָבען יא אזא שבועה גענומען, איז צוגעגלי־כען געוואָרען צו דעם בלוטיגען שכר פון יהודה איש קריות, הגם אין פריהעריגע צייטען האָט מען גאר נישט געהאט אויסצוזע־צען געגען דעם, וואס די בישאָפען האָבען פארמאָגט אייגענע פּאַ־לאַצען און יאגד־פלעצער, און האָבען געלעבט אין וואוילטאָג און לוקסוס, בעת די נידעריגערע שיכטען פון די גייסטליכע זיינען געשטאַרבען פאר הונגער.

צוליעב די נייע איינפיהרונגען פלעגען זיך אין דער פּראָווינץ אָפּשפּיעלען פיעלע ווילדע און קאָמישע סצענעס. אין אן אַר־טיקעל פון קאַמיל דעמולענס צייטונג געפינען מיר אן אַמוזאַנ־טע באַשרייבונג פון א געצוואונגענער שיידונג צווישען א דאָרפי־

שען גלח און זיין געמיינדע. ארויסקומענדיג פון דער קירך זונ־טאג נאכ'ן גאטעסדיענסט, האט מאסיע „קורע" צו זיין איבערראַ־שונג דערזעהן: ביי דער קירכען־טיר שטעהט א וואגען אנגע־לאדען מיט זיין באלעבאטישקייט. סאמע אויבען זיצט זשא־וואט, זיין הויז־האלטערין. דער דארפסלעהרער שטרעקט צו איהר די הענד און נעזעגענט זיך מיט טרערען אין די אויגען. מען זעצט דעם „קורע" מיט געוואלט ארויף אויפ'ן וואגען, צווישען גע־שרייען: „אדיע, אדיע, אייער האכווירדען!" דער וואגען ריהרט זיך, און דער „קורע" ווארפט זיך און גוואלדעוועט די גאנצע צייט, ביז דער קירכען־טורם פארשווינדט פון זיינע אויגען.

אבער אין אנדערע פלעצער פלעגט מען דעם גלח צווינגען נעהמען די שבועה מיט א באיאנעט אנגעשטעלט נעגען זיין ברוסט; און אין איין פאל, איז אן איינגעשפארטער גלח דער־שאסען געווארען אויף דער בימה.

דאך, ווען פון איין זייט זיינען פארביסענע גלחים דא און דארט מיסהאנדעלט געווארען, איז די באהאנדלונג, וואס די דא־זיגע גלחים האבען נעגעבען צו זייערע געגנער, געווען טויזענד מאל ערגער. זיי האבען געלערענט די פויערים, אז די נייע קאנ־סטיטוציע, וואס אין גרונד גענומען האט זי זיך גאר נישט גע־מישט אין פראגען פון ריינער רעליגיע, איז די ארבייט פון טייוועל. זיי האבען איינגעדרומעלט אין די קעפ פון די פרומע גאט־בעטער, אז עס איז א טויטליכע זינד צו נעהמען דעם סאקרא־מענט פון די הענד פון א גלח, וואס האט געשווארען טרייהייט צו דער רעגיערונג; אז די קינדער פון עלטערן, וואס אזא גלח האט חתונה געמאכט, זיינען ממזרים, און נאך מעהר, אז די קללה פון גאט רוהט אויף זיי. איין גלח, וואס האט גענומען די שבועה, האט מען פארשטיינערט אין זיין קירך, א צווייטען האט מען אויפגעהאנגען אויפ'ן הענגלאמפ איבערן אלטאר. די קירכען, וואס זיינען געשלאסען געווארען אויף דעם באפעהל פון דער נאציאנא־לער פארזאמלונג, זיינען אויפגעבראכען געווארען. אין מאנכע דעפארטאמענטען האבען גלחים אנגעפיהרט מערדער־באנדעס פון פרומאקעס, באוואפענט מיט ביקסען און פיקעס. צום ערגסטען

איז געווען אין ברעטאַן. ווען דער ברעטאַנער פויער, וועלכער איז געגאַנגען מיילען־ווייט צו הערען אַ דרשה פון אַן אמת׳ן, ד. ה. ניט געשוואָרענעם גלח, האָט אומקעהרענדיג זיך אהיים דערזעהן אַ וואָסער טוצענד פון זיינע שכנים אַרויסקומענדיג פון זייער דאָרפישער קירך, וואו זיי האָבען אין פולער באַקוועמליכקייט גע־פּראַוועט גאָטעסדיענסט מיט זייער נייעם רעגיערונגס גלח, איז ער געוואָרען אַן אָנגעצונדענער און ער האָט זיך געפיהלט באַרעכ־טיגט צו באַגעהן דעם ווילדסטען אַקט, צו וועלכען זיין קירך האָט איהם אָנגעהעצט.

צו דער צייט, ווען די געזעצגעבענדע פאַרזאַמלונג איז זיך צונויפגעקומען, זיינען שוין מעהר קיין שטאַנדען ניט געווען. די אַדעליגע האָבען עמיגרירט, און צוזאַמען מיט די אויסגעוואַנדערטע קירכליכע פירשטען האָבען זיי איינגעלעגט וועלטען אין די אויס־לענדישע הויפען, מען זאָל זיי העלפען און ראַטעווען. די נידרי־גערע גייסטליכע, געטריבען פון אַנטי־רעוואָלוציאָנערען פאַנאַטיזם, האָבען געהעצט און געצונדען די אומוויסענדע מאַסע. די דעבאַ־טען, וואָס מען האָט איצט געהאַלטען אין דער פאַרזאַמלונג, זיינען דערפאַר שוין געווען גאַר אַנדערש אין טאָן, ווי אַמאָל. איצט איז די הויפּט־טענה געגען דער רעליגיע געווען — אגב, אַ זעהר נאַאיווע פאָרמולירטע טענה — אַז זי, די רעליגיע, האַרמאָ־נירט ניט מיט דער קאָנסטיטוציע! און די טענה געגען די גייסט־ליכע איז געווען, אַז זייער איינציגער צוועק איז צוריקצוקריגען זייער אייגענטום. די גלחים, מיט זייערע בלבולים און געוואַלט־טאַטען, האָבען אָנגעפילט די געמיטער מיט ביטערקייט און כעס. נאָר אַ פּאָר שטימען האָבען זיך געלאָזט הערען, וואָס האָבען גע־רופען צו שלום; אַזוי האָט אַנדרע שעניע גע׳טענה׳ט, אַז די גלחים וועלען צו רוה לאָזען דעם שטאַאַט, ווען דער שטאַאַט וועט זיך ניט מישען אין זייערע ענינים, אָדער ווי טאַלייראַן האָט גע־זוכט זיי צו באַשיצען: אַזוי ווי קיין פאָרמע פון רעליגיע איז ניט פאָרגעשריבען פון געזעץ, טאָר קיינע אויך ניט פאַרבאָטען ווערען פון געזעץ; אָבער דער וואָלטעריאַנישער צאָרן איז געווען דער סדר היום.

דאָס זיינען געווען די טעג, ווען די זשיראָנדיסטען זיינען גע־

ווען אין זייער גדולה, און אין זשיראַנדיזם האָבען די וואָלטעריאַ־נישע אידעען געפונען זייער פראַקטישען אויסדרוק.

אין אַן עפענטליכער דעקלאַראַציע, געשריבען פון זייער באַ־ריהמטען פיהרער וועניאַ, לייענען מיר: „די צובונטעוועטע גלחים גרייטען אַן אויפשטאַנד געגען דער רעוואָלוציע; אַט די געדונ־גענע חוצפה'דיגע קנעכט פון אבסאָלוטיזם בעטען זיך רחמים ביי אַלע הערשער פון אייראָפּאַ מען זאָל זיי געבען געלד און סאָל־דאַטען, כדי צוריק צו עראָבערען דעם סצעפּטער פון פראַנקרייך". ראָלאַן, אַלס אינערן־מיניסטער, האָט געזאָגט: „רעבעלישע און היפּאָקריטישע גלחים, פאַרדעקענדיג זייערע פּלענער און תאוות מיט דעם הייליגען שלייער פון רעליגיע, שטעלען זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך: זיי רייצען אויף דעם פאַנאַטיזם און באַוואָפנען זייערע פאַרפיהרטע מיטבירגער מיט דעם שווערד פון אינטאָלעראַנץ". ווען עס איז דיסקוטירט געוואָרען דער פאָרשלאַג ארויסצוטרייבען די גלחים, האָט וועניאַ האַלב־שפּאַסיג, האַלב־ערנסט ערקלעהרט, אַז עס איז ניט יושר'דיג אָפּצוטאָן אַזאַ רשעות צו אַנדערע לענ־דער, שיקענדיג זיי אַזאַ מתנה. „בכלל גערעדט — האָט ער זיך געווענדט צו דער פאַרזאַמלונג — איז ניטאָ אַן אוממאָראַלישערע זאַך, ווי איין מדינה זאָל שיקען צו דער אַנדערער די פאַרברע־כער, פון וועלכע זי וויל פּטור ווערען". דאָך טרייסט ער זיך מיט דעם געדאַנק, אַז איטאַליען וועט זיי אויפנעהמען ווי הייליגע און אַז „דער פּאַפּסט וועט וויסען ווי אָפּצושעצען די מתנה, וואָס מיר שיקען איהם — די לעבעדיגע הייליגע — און וועט עס אָננעהמען אַלס אויסדרוק פון באַשיידענער דאַנקבאַרקייט פון אונזער זייט פאַר די הענד, פיס און אַנדערע רעשטלעך פון טויטע הייליגע, מיט וועלכע זיינע פאָרגענגער האָבען גנעדיג באַשאָנקען אונזער פרומע גלויביגקייט פאַר די אַלע פאַרגאַנגענע יאָהרהונדערטע".

„יאָ — האָט אויסגעשריען אינזאַר, דער קינפטיגער פּרעזי־דענט פון קאָנווענט — לאָמיר אָוועקשיקען אַט די פאַרפעסטעטע בריאות אין די האָספּיטעלער פון איטאַליען". און ער האָט צו־געגעבען, אַז ווען אַ גלח איז פאַרדאָרבען, איז ער קיינמאָל ניט האַלב, נאָר אַלעמאָל דורך און דורך פאַרדאָרבען; אַז מוחל זיין פאַרברעכענס איז דאַסזעלביגע ווי אַליין באַגעהן זיי; אַז עס מוז

געמאַכט ווערען אַ סוף צו דעם עקזיסטירענדען איבעל, און אַז די שונאים פון דער רעוואָלוציע צווינגען אַליין די רעוואָלוציע זאָל זיי פארטיליגען. און פון זיינע ליפען זיינען צום ערשטען מאָל אַרונטער יענע שרעקליכע ווערטער, וואָס האָבען געפונען אָפּקלאַנג נאָך אָפּקלאַנג, צעהנפאַך און הונדערטפאַך, אין די שפּעטערדיגע טעג: „באַווייזען זיינען ניט נויטיג!" דאָס האָט געמיינט צו זאָגען, אַז אַלע גלחים, אַזוי גיך ווי זיי ווערען באַשולדיגט, ווערען גלייך אַרויסגעטריבען.

און ווען עס איז אויסגעדריקט געוואָרען די מורא, אַז אַזאַ שרים קען אפשר ברענגען צו אַ בירגער־קריעג, האָט דער באַוואוסטער זשיראָנדיסט גאַדע, אַ שילער פון האָלבאַך, באַרוהיגט די פאַרזאַמלונג מיט אַ רעדע, וואו מיר געפינען אַזאַ מין פאַרזיכערונג: „יעדער איינער ווייס, אַז אַ גלח איז פונקט אַזוי שרעקליך, ווי געלוסטיג, אַז ער באַהערשט קיין וואָפען ניט, אויסער דעם וואָפען פון אַבערגלויבען, און אַזוי ווי ער האָט ערגעץ ניט געפאָכטען, אויסער אויף טעאָלאָגישע טורנירען, איז ער אַ גאָרנישט אויפ'ן שלאַכטפעלד."

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, וואָס פאַר אַ טעות, ווענינגסטענס אין דעם פּרט, גאַדע און זיינע סימפּאַטיזירער האָבען געמאַכט, און וואָסערע דרייסטע ענטוזיאַסטישע פיהרער די גלחים האָבען צוגעשטעלט פאַר דעם בלוטיגען בירגער־קריג, וואָס האָט אין גיכען אויסגעבראָכען.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די רעדנער פלעגען זיך פיהלען געניטיגט צו ענטשולדיגען, ווען עס פלעגט זיי אויסקומען צו אַדרעסירען די פאַרזאַמלונג וועגען קירכליכע ענינים. פראַנסואַדע־נאַנט (אַגב אורחא, רעדענדיג אין נאָמען פון אַ קאָמיטעט) האָט ערקלעהרט: „זייענדיג געצוואונגען צו פטור'ן אייער צייט מיט אַ דיסקוסיע וועגען קירכליכע ענינים, זעהען מיר אונזער איינציגען טרייסט אין דער האָפנונג, אַז די מיטלען, וואָס איהר וועט איצט אָננעהמען, וועלען איבעריג מאַכען, איהר זאָלט נאָך אַמאָל דאַרפען הערען וועגען זיי". זיין גאַנצע רעדע איז אָנגעפילט מיט אַזעלכע און ענליכע פאַרשייטקייטען.

און די געפיהלען האָבען געטיילט סיי הויך, סיי נידריג. איי־

נער פון לואי דעם 16טענס מיניסטאָרען, דער פרעכער, טיראַנישער דע זשערוויל, האָט איינמאָל, פּארלאָזענדיג דעם באראטונגס־צימער, א זאָג געטאָן צו זיין קאָלעגע מאלוויל, וועלכער האָט עס שפּעטער פארנאָטירט אין זיינע מעמואַרען:

„הלואי וואָלט איך אָט די פּאסקודנע שרצים — די גלחים פון אלע לענדער — געהאט צווישען מיינע פינגער, איך וואָלט זיי אלע מיט אמאָל אויף טויט צוקוועטשט!"

אָבער דער גייסט פון דער רעוואָלוציע האָט אויך געפונען א מעסינגען, ווירדיגען אויסדרוק אין א בריעף פון דער רעפּובליק צום פּאפּסט. א פרוי איז באאויפטראגט געוואָרען דעם בריעף צו שרייבען. ער איז אדרעסירט „צום פירסט־בישאָף פון רוים". אין נאָמען פון דער רעפּובליק שרייבט מאדאם ראָלאָן:

„אויבער־פּריעסט פון דער רוימישער קירך, אויבער־האר פון א שטאאט, וואָס גליטשט זיך אָרויס פון דיינע הענד! וויים, אז דער איינציג מעגליכער וועג פאר דיר ווי איינצוהאַלטען דיין שטאאט און דיין קירך איז — דו זאָלסט אָהן שום פניות אנער־קענען און פּראָקלאמירען יענע פּרינציפּען פון עוואנגעליום, וואָס עטעמען מיט דעם גייסט פון ריינסטער דעמאָקראַטיע, פון צאר־טעסטער מענשען־ליעבע און פון פאָלקאָמענסטער גלייכהייט — פּרינציפּען, מיט וועלכע קריסטוסעס פארטרעטער האָבען זיך באַ־נוצט בלויז פאר דעם צוועק צו שטיצען און שטארקען א סואווע־רען'ס הערשאַפט, וואָס ווערט איצט צעפאַלען אויף שטיקער פאר אָפּגעלעבטקייט. די צייט פון אומוויסענהייט איז אוועק!"

אָבער אזא שפּראך פאַלט כמעט אין גאנצען ארויס פון טאָן, אין וועלכען עס איז דאמאָלס גערעדט און געשריבען געוואָרען. די צייט פון רוהיגע איבערצייגונגען איז געווען אוועק. די צייט פון אומגעצאַמטע ליידענשאַפטען איז אריינגעטראָטען. די ליידענ־שאַפטען האָבען געשטראָמט אין די שפּורען פון די איבערצייגונגען. די שנאה צום קאטוליציזם האָט דערגרייכט איהר העכסטע מאָס און האָט זיך אויסגעגאָסען אין א פלאם־פייער איבער גאנץ פראנק־רייך. דאָס זיינען געווען די גאָלדענע טעג פון די קלובען.

דער קאָרדיליערען־קלוב פלעגט האַלטען זיינע זיצונגען אין א קאפּעלע פון א קלויסטער. אלע בילדער, טעפּיכער, שניצערייען

זיינען געווען ארונטערגעריסען; בלויז דער סקעלעט פון דער קירך איז געבליבען. דעם פּרעזידענט'ס זיץ איז געווען אין אַלטאַר, וואוהין דער ווינד פלעגט אריינבלאָזען דעם רעגען דורך די צו־בראָכענע פענסטער פון מזרח־וואַנד. זיין טיש איז צונויפגע־שטעלט געווען פון טישלער־וואַרשטאַטען; אויף איהם זיינען אויס־געלעגט געווען רויטע מיצקעס, און ווער עס האָט געוואָלט רעדען האָט געמוזט אָנטאָן איינע פון זיי. הינטער דעם פּרעזידענט'ס פּלאַץ איז געשטאַנען די פרייהייטס־סטאַטוע מיט צובראָכענע מאַרטער־אינסטרומענטען אין איהרע הענד. ברעטער, ברוכשטיקער פון גלחישע שטענדערס, פון קירכען־בענק, פון צוקיילטע און צובייילטע גאָטעס־בילדער האָבען געדיענט אַלס זיץ־פּלעצער פאַר דער אוי־דיענץ; און די אוידיענץ איז באַשטאַנען פון שמוציגע, ווילדע פּאַרשוינען אין צוריסענע קאַרמאַניאָלען (אַזוי האָבען זיך גערופען זייערע קאַמזעלקעס), מיט פּיקעס פאַרוואָרפען איבער די אַקסלען, אָדער מיט די נאַקעטע אָרעמס פאַרלעגט איבער דער ברוסט. די רעדנער האָבען גערעדט שאַרף און צום פּונקט; אַלץ איז אָנגע־רופען געוואָרען ביים אמת'ען נאָמען; אַן אומאַנשטענדיג וואָרט, אַ ריזיקאַלישער זשעסט פלעגט ארויסרופען אַפּלאָדיסמענטען. אָפט פלעגען זיי אין מיטען רעדען איבערגעריסען ווערען פון אויסגע־שרייען פון אָפּאָנענטען; מאַנכעס מאָל פון די קווויטשערייען פון קליינע סאָוועס, וועלכע, פאַרטריבען פון זייערע נעסטען אונטער דעם קלויסטער־דאַך, פלעגען פליהען הין און צוריק דורך די צו־בראָכענע שויבען, זוכענדיג שפּייז. זיי פלעגען זיך ניט לאָזען איינשטילען דורך דעם פּרעזידענט'ס גלעקעל. מאַנכעס מאָל פלעגט מען אויף זיי שיסען, און זיי פלעגען, פלאַטערענדיג און בלוטענ־דיג, פאַלען צווישען דער אוידיענץ. צווישען די רעדנער זיינען געווען דאַנטאָן, מאַראַט און קאַמיל דעמולען — דער פריינדליכער, וויציגער קאַמיל, וואָס זיין איינגעהאַלטענקייט האָט געבראַכט אויף איהם די באַשולדיגונג אין צביעות און וועלכער אפילו פאַר דעם טריבונאַל פון דער רעוואָלוציע האָט גערעדט וועגען דעם סאַנקיר־לאָט יעזוס.

קאַמיל האָט געהאַט פּריוואַטע טעמים פאַר זיין שנאה צו די גלחים. ווען אין דעצעמבער 1790 האָט ער געוואָלט חתונה

האָבען מיט זיין געליעבטער לוסיל — אָהן ספק איינע פון די ריינסטע און שעהנסטע פרויען־פיגורען פון דער רעוואָלוציע — האָט קיין איין גלח ניט געוואָלט פראווען די צערעמאָניע, ווייל ער האָט געהאַט געשריבען אין אַ צייטונגס־אַרטיקעל, אַז די רעליגיע פון מחמד'ען איז פונקט אַזוי פארנינפטיג ווי די רעליגיע פון יע־זוסען. ער איז געצוואונגען געווען עפענטליך צוריקצוציהען זיין באהויפטונג און ער האָט נאָך געמוזט געהן זיך מתודה זיין אין אַ גלח'ס ביידעל, איידער ער האָט געקראָגען די מעגליכקייט חתונה צו האָבען. איצט אָבער האָט ער געהאַט זיין נקמה. אין זיין צייטונג „לע וויע קאָרדעליער" האָט ער געשריבען:

„די גאַנצע פראַגע וועגען גלחים און אמונות איז אָפּגע'פּטר'ט געוואָרען מיט דעם שפּרוך, וואָס אימיצער האָט ארויסגעזאָגט, אַז די און יענע זיינען עהנליך, זייענדיג אַלע צוזאַמען גלייך זינ־לאָז, ווי אויך מיט דעם ביישפּיעל וואָס איז געבראַכט געוואָרען, אַז די טאַטערן עסען די צאָה פון זייער איבער־לאַמע, ווי דאָס וואָלט געווען דער געשמאַקסטער מאכל. קיין נאַר איז ניט צו נאַריש, ער זאָל ניט קענען געעהרט ווערען אַלס יופּיטערס גלייבען. די מאָנגאָלען פארגעטערען אַ קוה, פאַר וועלכער זיי פאַלען פּונקט אַזויפיעל מאָל כורעים, ווי פאַרצייטען די עגיפּטער פאַר זייער אָקסען־גאָט אַפּיס... מיר האָבען קיין רעכט ניט איבערצונעהמען זיך געגען די דאָזיגע משוגעים, ווייל מיר אין אונזער נאַאיוויטעט האָבען געגלאָזט אַזאַ לאַנגע צייט זיך איינרעדען, אַז מען קען אראָפּ־שלינגען אַ גאָט, פּונקט ווי מען שלינגט ארונטער אַן איסטער".

אַן איינפלוסרייכע צייטונג, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ציר־קולאַציע צווישען די קאָרדיליערען, איז געווען לוסטאַלאָ'ס „לע־רעוואָלוסיאָנס דע פּאַריי". אין איינעם פון איהרע נומערען, וואָס איז ערשינען אין די פּאַר'פּסח'דיגע פאַסט־טעג פון יאָהר 1792 געפינען מיר אַזאַ טיראַדע, ביי דער געלעגענהייט פון די אַקראַ־באַטישע פאָרשטעלונגען אויף דעם פּאַריזער יריד:

„אין די טעג, ווען עס איז געווען אַ הערשענדע רעליגיע אין פראַנקרייך, פלעגען די געגאָלטע קונצענמאַכער ניט ערלויבען קיין שום קאָנקורענץ אין דער הייליגער וואָך. זיי אליין בלויז האָבען

געמענט געבען פאַרשטעלונגען. איצט אָבער איז פרייע קאָנקור־רענץ. ווען אַ געוועהנליכער קונצען־מאַכער ווייזט זיך אויף דער ביהנע איז ער אָנגעטאָן אין אַ מאַנטיליע און אַ מאָדנעם הוט, לויט וועלכע מען קען איהם אונטערשיידען פון ארומיגען עולם; אָבער אַזוי גיך ווי די פאָרשטעלונג איז אויס, ווארפט ער אַראָפּ פון זיך זיין אָנטאָן. אָבער דער גלח טראָגט איהם אַ גאַנצען טאָג און שפּיעלט זיין ראָלע אומעטום, יאָ אָדער ניט אויף דער ביהנע... וועלען זיי אַמאָל זיך פארשעהמען מיט דער ראָלע פון פּאַיאַצען פון דער מענשהייט?"

זייט דעמאָלט איז דער רעוואָלוציאָנערער צונאָמען פאַר די גלחים געווען „טעאָפּאָגען" (גאָט־פרעסער).

אין חודש אַפּריל האָט דיזעלביגע צייטונג געדרוקט אַן אַר־טיקעל, וואָס האָט פּאָרגעשלאָגען אָנצוּואווענדען אויף די גלחים דיזעלביגע קאָנטראָל־מעטאָדען, וואָס יאָהאַנאַ פון נעאַפּאָל האָט איינגעפיהרט פאַר די גאַסען־פרויען. „זיי זאָלען איינגעשלאָסען ווערען אין אַ הויז, וואו זיי זאָלען מעגען דרש'ענען און תפילה טאָן, וויפיעל זייער הארץ געלוסט פאַר די יעניגע, וואָס וועלען קומען אהין זיי אויפזוכען, אָבער עס זאָל זיי זיין פארוועהרט ארויסצוגעהן דרויסען, כדי זיי זאָלען ניט אָנשטעקען די באַפעל־קערונג". זעהען מיר דאָ, ווי וואָלטער'ס ווייז איז פארוואַנדעלט געוואָרען אין עסיג, אין סם.

אַ קאָנקורירענדער קלוב פון גאַנץ אַן אַנדער טיפּ, ווי דער קאָרדיליערען־קלוב, איז געווען דער יאַקאָבינישער. זיין אינטע־לעקטועלע טענדענץ איז געווען ערנסטער, שטייפער, פּעדאַנטישער. זיין פּאַטראָן איז געווען רוסאָ, פּונקט ווי דער פּאַטראָן פון קאָר־דיליערען־קלוב איז געווען וואָלטער. לכתחילה איז דאָס פּראָ־גראַם פון די יאַקאָבינער געווען — ליעבע צו גלייכהייט, האַס צו אַלע עקזיסטירענדע אומגלייכהייטען — דירעקט ארויסגעדרונגען פון רוסאָ; דאָס דאָזיגע פּראָגראַם האָט זיך מאָדנע ביי זיי קאָמ־בינירט מיט אַמביציע, מיט קאַלטען, בארעכענטען, רעוואָלוציאָ־נערען פארפאָלגונגס־גייסט, און אונטער דעם אַלעמען האָבען זיי אונטערגעפיהרט אַ יסוד פון פאַנאַטיזם, אַ בלינדע געטריישאַפט

צו רוסאָ'ס אָרדנונג, דאָס הייסט, צו דער איינאָרדנונג פון דער געזעלשאפט לויט רוסאָ'ס פרינציפּען.

פאר דעם פאָרשער, וועמען די היסטאָרישע געשעהענישען אינטערעסירען הויפּטזעכליך פון ליטעראַרישען שטאנדפּונקט, איז ניטאָ קיין מערקווירדיגערע ערשיינונג אין דער געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע, ווי די אויסגעשפּראָכענע קלאָרקייט, די באוואוסטזיניגקייט, מיט וועלכער אלע איהרע פיהרער — סיי די מענער פון טאט און סיי די מענער פון וואָרט — אנערקענען די ליטעראַטור פון 18טען יאָהרהונדערט, אלס די הויפּט־פּרוזשינע פון זייערע האנדלונגען און רייד, ווי זיי וואָלטען קיין אנדער כבוד ניט געזוכט פאר זיך, ווי צו פאַרוואנדלען די פּארטיגע פּרינציפּען אין אקציאָן. אויף מיראבאָ'ס קבר האָט מען צו זיין עהרע דער־מאָנט דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט וועגען די פילאָזאָפען: „זיי האָבען געשאפען ליכט; איך וועל שאפען באוועגונג". און עס איז קוים דאָ א פּאראגראף אין רוסאָ'ס „סאָציאַלען קאָנטראקט", וואָס זאָל אין פארלויף פון דער רעוואָלוציע זיך ניט האָבען איבער־גע'חזר'ט צי אין א געזעץ, אָדער אַן עפענטליכער דעקלאראציע; צי אין א צייטונגס־ארטיקעל אָדער א רעדע אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאמלונג, אָדער גאָר אין דער קאָנסטיטוציע פון דער רעפּובליק גופא.

די וויכטיגסטע פון אלע טעאָריען פון „סאָציאַלען קאָנ־טראקט" — אז די מאכט שטאמט פון פאָלק, אז דאָס געזעץ איז דער אויסדרוק פון זיין ווילען — געפינען מיר וואָרט ביי וואָרט רעפּראָדוצירט אין דער דעקלאראציע פון מענשען־רעכט. אזוי גיך ווי די יאקאָבינער קומען ארויף אויף דער אידעע פון פרייער אסאָ־ציאציע, בארופען זיי זיך גלייך אויף רוסאָ און נעהמען איבער־זאָגען זיין גאנצע פּראָזעלאָגיע. אבבאט פאָשע שרייבט אין אַן ארטיקעל אין „לא בוש דע פער": „גרויסער רוסאָ, דו מיט דיין עהרליכען פארשטאנד און פיהלענדען הארץ! דו האָסט איינער פון די ערשטע פארשטאַנען די אייביגע געזעצען פון יושר. יאָ, יעדער איינער האָט א רעכט אויף דער ערד, האָט א רעכט צו באַ־זיצען דאָס, וואָס ער האָט נויטיג פאַר זיין דערהאלטונג". און

ווייטער באַהויפּטעט ער, אַז דער סאָציאַלער קאָנטראַקט איז אַ קאָנטראַקט צווישען דעם יחיד און זיין לאַנד.

סען־זשוסט דריקט זיך אויס כמעט מיט דיזעלביגע ווערטער אין דער רעדע, אין וועלכער ער האָט געפאָדערט דעם טויט פון לואי דעם 16טען: „דער סאָציאַלער קאָנטראַקט איז אַ קאָנטראַקט, וואָס די בירגער שליסען צווישען זיך און ניט קיין קאָנטראַקט מיט דער רעגירונג. מענשען טראָגען קיין פאַראַנטוואָרטליכקייט ניט פאַר אַ קאָנטראַקט, וואָס זיי האָבען ניט געשלאָסען."

אָבער דאָס איז געווען ראָבעספּיער, וועלכער אַלס פיהרער פון די יאַקאָבינער, האָט געגעבען דעם טיפּישסטען אויסדרוק צו זייער געטרייהייט צו די פּרינציפּען פון רוסאָ. ער איז געווען דער ערשטער שונא פון זשיראַנדיסטישען ראַציאָנאַליזם; און דערפאַר זעהען מיר, אַז גראַדע ווען דער ראַציאָנאַליזם האָט אַם שאַרפסטען אַרויסגעוויזען זיין צושטערענדע טענדענץ, איז ראָ־בעספּיער אַרויסגעטראָטען פאַר די יאַקאָבינער מיט אַ פּראָגראַם־רעדע, אין וועלכער ער האָט ערקלעהרט, אַז די רעוואָלוציע איז אונטער דער לייטונג פון גאָט, און אַז זי איז פּאַקטיש גאָט'ס ווערק. ער האָט זיך געפיהלט ווי געצוואונגען צו געבען זיין רעוואָלוציאָ־נערער סענטימענטאַליטעט אַזאַ אַפעקטירטען אויסדרוק — אַן אויס־דרוק, וואָס ווייזט אָן אויף זיין שייכות צו דער אַזוי גערופענער „נאַטור־רעליגיע".

אָבער ניט אָט די שטימונג, נאָר דער גייסט פון צאָרן, פון צאָרן מיט פאַראַכטונג, וואָס האָט געשטאַמט פון וואָלטער'ן, איז געגען מיטען פון יאָהר 1792 געוואָרען דער הערשענדער גייסט אין דער געזעצגעבענדער פאַרזאַמלונג און אין פראַנקרייך בכלל. אין אויגוסט איז דורכגעגאַנגען דער עדיקט, וואָס באַשטראָפט די ווידערשפּעניגע גלחים מיט פאַרשיקונג אין איינער פון די קאָ־לאָניעס. ערעסטען פון אַזעלכע גלחים זיינען פאָרגעקומען טאָג־טעגליך. דערנאָך איז געקומען די סעפּטעמבער־שחיטה. די גלחים אין די געפענגנישען זיינען געווען די ערשטע קרבנות. אַב־באַט באַרועל שרייבט: „די תליונים האָבען ניט אַלע באַלאַנגט צו דעם אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט. אַ מאַן האָט געשריען צו די

גלחים בעת די הריגה אויף זיי איז אָנגעגאַנגען: „שאַרלאַטאַנעס, מערדער, ברוטען, מיאוסע היפּאָקריטען! דער טאָג פון נקמה איז ענדליך געקומען אויף אייך. איהר וועט מעהר ניט נאַרען דאָס פאָלק מיט אייערע מעסען, מיט אייערע פענעצען ברויט אויפ׳ן אַלטאַר!“

דער קוראַזש, וואָס די מעהרסטע גלחים האָבען אַרויסגעוויזען, פאַרדיענט באַוואונדערט צו ווערען. אין דער געפענגניס פון קאַר־מעליטען־קלויסטער האָבען 172 פון זיי ניט פיעל קלעהרענדיג בע־סער אויסגעקליבען דערשאָסען צו ווערען, איידער צו שווערען טריי־הייט צו דער קאָנסטיטוציע. אָט איז אַ ריהרענדע באַשרייבונג פון דער מוטיגער האַלטונג פון די יעניגע, וועלכע זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין דער קירך:

„פון צייט צו צייט האָבען מיר אַרויפגעשיקט איינינע פון אונ־זערע חברים צום פענסטער פון טורם אַ קוק צו טאָן אין וואָס פאַר אַ פאָזע די אומגליקליכע, וואָס ווערען געשלאַכטעט אויפ׳ן הויף, באַגעגענען דעם טויט, כדי מיר זאָלען וויסען ווי צו האַלטען זיך, ווען אונזער רייהע וועט קומען. זיי האָבען אונז דערצעהלט, אַז די וואָס שטרעקען אויס די הענד, ליידען אַם לענגסטען, ווייל דער שוואונג פון די שווערדען ווערט אָפּגעשוואַכט איידער עס דער־גרייכט דעם קאָפּ“. (זשורניאַק דע־סען־מער). אין סך הכל זיינען 1480 נפשות אויסגעשאָכטען געוואָרען. אָהן ספק, אַ שוידער־ליכע צאָהל! אָבער עס איז ניט אומאינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז די צאָהל פון די הינגעריכטעטע מענער און פרויען פון סאַמע אָנהויב ביז צום סוף פון דער רעוואָלוציע — לויט מישלע׳ס חשבון — מאַכט אַפילו קיין פערציגסטעל ניט אויס פון דער צאָהל אומ־געקומענע אין איין שלאַכט ביי באָראָדינאָ.

די שנאה, וואָס האָט געפונען אַזאַ ווילדען אויסדרוק אין די סעפּטעמבער־טעג, איז ניט קיהלער געוואָרען, ווען דער קאָנווענט איז זיך צונויפגעקומען. לאָמיר זעהן, וואָס דער מיטגליעדער פון קאָנווענט האָט געשריבען, געלייענט און גערעדט וועגען דעם ענין פון גלחים און רעליגיע. איינער פון זיי, לעקוויניאַ ביים נאָמען, האָט פּרעזענטירט זיינע קאָלעגען מיט אַ בוך, וואָס ער האָט גע־שריבען און געווידמעט דעם פּאַפּסט. דער טיטעל פון בוך איז

„די צושטערטע פּאַראורטיילען". דאָרט לייענען מיר: „רעליגיע איז אַ פּאָליטישע קייט, ערפונדען צו שמידען די מענשען; איהר איינציגער געברויך איז צו פאַרזיכערען פּאַרגעניגענס פאַר אַ פּאָר יחידים דורך האַלטען די אַלע איבעריגע אין צאַם". די טיראַדען נעגען די גלחים אין אָט דעם בוך שטייגען אַריבער אין ווילדקייט און אומאַנשטענדיגקייט אַלץ, וואָס איז ביז דאַן געשריבען געוואָרען. צווישען די מילדעסטע באהויפּטונגען ווענען זיי איז איינע, וואָס איז דאַמאָלס כסדר איבערגע׳חזר׳ט געוואָרען, אויף די פאַרשיעדענסטע אופנים: „ווען זיי זיינען עהרליך, זיינען זיי נאַראָנים אדער משוגעים; בכלל אָבער זיינען זיי פּרעכע שווינדלער, אמת׳ע מערדער פון דער מענשליכער ראַסע". מיר מוזען צוריקגעהן צו קיערקאעגאָרד׳ס „איבליקעט" (דער מאָמענט) צו געפינען עהנליכע אויסברוכען. דאָס איז די דאַמאָלדיגע ליטעראַטור געוועזען.

און לעקווינויא דאַרף ניט באַטראַכט ווערען אַלס אויסנאַהם, הגם ער האָט די מלחמה מיט׳ן פּאַראורטייל דערפיהרט אַזוי וויים, אַז ער האָט איינמאָל איינגעלאַדען דעם עפענטליכען תליון צו עסען אַ מאָלצייט מיט איהם און זיין פאַמיליע, כדי בייצוקומען אין זיך דעם פּאַראורטייל נעגען יענעם באַאַמטען.

אין „לע רעוואָלוסיאָנס דע פּאַרי", אַ ציימונג וואָס דער מיטגליעד פון קאָנוואַנט פלעגט אומבאַדינגט דורכלייענען, כדי צו קענען זאָגען זיין וואָרט אין די דעבאַטען פון טאָג, האָט ער איין פריהמאָרגען אין דעצעמבער 1792, ביי דער געלעגענהייט פון אַ נאַכט-מעסע, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרען אין פּאַריז, געקענט לייענען אַזאַ מין שפּרוך:

„עס איז ניט קיין גרויסער בייז, ווען מען ווייזט טאַנצענדיגע מאַריאָנעטקעס אָדער אַקראָבאַטישע שטיק אין מיטען נאַס און אין מיטען העלען טאָג; עס איז זיכער ערלויבט אַז קינדער און אַמען זאָלען זיך אַמוזירען. אָבער צונויפצוקומען זיך אין פינסטערע פּאַרזאַמלונגס-פּלעצער ביינאַכט פאַר דעם צוועק צו זינגען הימנען, ברענען ליכט און רויכערען ווייהרויך לכבוד אַן אומגעזעצליך קינד און אַן אומטרייע ווייב — דאָס איז אַ סקאַנדאַל, אַ באַליידיגונג

פון דער עפענטליכער מאָראַל, וואָס פאָדערט די אויפמערקזאַמקייט פון דער פאָליציי און שטרענגע רעפּרעסיווע מיטלען". *)

די ציטאַטען, וואָס מיר האָבען פריהער געבראַכט, האָבען געגליהט מיט צאָרן, האַס און פאַראַכטונג; אָבער זיי האָבען ניט ענטהאַלטען קיין נבול־פּה. דאָס האָט געשריען זיין נקמה־געשריי דער מענשליכער פאַרשטאַנד, וואָס איז אַזוי לאַנג געפּייניגט געוואָרען, אַ געשמידטער אין קייטען. דאָ איז אָבער די שפּראַך וואולגאַר. און נאָך אַן ענדערונג צום ערגערען: די, וואָס זיינען ביז אַהער אונטערדריקט געווען, ווייזען ארויס אַ גאַנץ קענטיגע נייגונג אליין צו שפּיעלען די ראָלע פון אונטערדריקער.

די טאַט האָט שנעל געפאָלגט דעם באַשלוס. זיי האָבען גענומען — שרייבט מערסיע אין „לע נואוואָ פּאַרי" — צושטערען אַלץ, וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט'ן אַלטען קולט, ניט מיט דעם ברען פון פאַנאַטיקער, נאָר מיט איראָנישער פאַראַכטונג, מיט אַ משונה'דיגער לוסטיגקייט, וואָס האָט דעם זייטיגען צושויער געמאַכט איינפאַך שטוינען". די קירכען זיינען בוכשטעבליך צוראַבירט געוואָרען. אַ גרופּע קאָמיסאַרען האָט מיטגעטיילט דעם קאָנווענט, אַז זיי האָבען „ערלויבט" דער „ברוינער מאַריע" (אַ נאַטסמוטער־בילד, וואָס פלעגט באַווייזען מופתים) זיך אָפּצורוהען נאָך 1800 יאָהר שווערער אַרבייט אין באַשווינדלען די וועלט". די אַלטאַרען זיינען געפּלינדערט געוואָרען צו גונסטען פון שאַץ־אַמט פון דער רעפּובליק. אַט איז אַ טייל פון אַ רעפּאָרט: „עס זיינען מעהר קיין גלחים ניטאָ אין דעם דעפּאַרטאַמענט פון ניעוור. די אַלטאַרען זיינען אויסגעלעדיגט געוואָרען פון די קופּעס מיט גאָלד, וואָס האָבען געדיענט דער גלח'ישער אייטעלקייט. קאָסטבאַרע אַרטיקלען אין ווערט פון 30 מיליאָן וועלען אריינגעשיקט ווערען

---

*) לואי בלאַן (אין זיין „געשיכטע פון דער רעוואָלוציע", ב. 8, ז. 35), האָט אָט דעם אַרטיקעל ניט פאַרשטאַנען. ער נעהמט אָן, אַז דאָס אומטרייע ווייב און דאָס אומגעזעצליך קינד מיינען מאַריע אַנטואַנעט און דעם דאָפין. ער האָט פאַרבייגעלאָזען אַ באַמערקונג אין דעם אָריגינעלען טעקסט, וואָס ערקלעהרט, אַז „די גרינדער פון דריי רעליגיעס זיינען געווען ממזרים".

קיין פּאַריז. צוויי וואַגענס געלאָדען מיט קרייצען, גאָלדענע שטע־קענס און אין גאָלדענע מטבעות אין דער סומע פון צוויי מיליאָן זיינען שוין אָנגעקומען אין דער מינצעריי. דריי מאָל אַזוי פיעל וועלען גלייך נאָכקומען".

מאָנכע מאָל פלעגען די וואַגענס זיך אָפּשטעלען ביי די טירען פון קאָנווענט־זאַל, און זעק מיט גאָלד און זילבער פלעגען אויסגע־פּאַקט ווערען אין זאַל גופא.

אַ צווייטער רעפּאָרט איז אין איראָנישען סטיל: „איך בין גאָר אומזיסט באשולדיגט געוואָרען אין אַן אַטאַקע אויף דער רע־ליגיע. דער פאַקט איז, אַז איך פלעג זעהר העפליך פרעגען: אויב מען מעג, איידער איך פלעג זיך נעמען צו דער ארבייט, און אַ דריי אָדער פיער הונדערט הייליגע האָבען געבעטען ערלויבניש מיטצוגעהן אין דער מינצעריי. די שפּראַך, וואָס איך האָב גע־ברויכט ביי דער געלעגענהייט, איז געווען אומגעפעהר אין דעם סטיל: איהר, וואָס איהר זייט געווען די ווערקציינג פון פאַנאַ־טיזם, איהר קדושים און הייליגע פון יעדען סאָרט, ווייזט נאָר איצט אַקאָרשט, אַז איהר זייט פאַטריאָטען, און קומט העלפט אייער לאַנד מיט אַ מאַרש צו דער מינצעריי".

אין אַ דריטען רעפּאָרט גראַטולירען זיך די דעלעגאַטען מיט דעם ערפאָלג פון זייער „פילאָזאָפישער מיסיע" אין דעפּאַרטאַ־מענט פון זשער. „די עפענטליכע שטימונג איז געווען רייף, און עס איז באשלאָסען געוואָרען, אַז די אָפּשאַפונג פון פאַנאַטיזם זאָל געפייערט ווערען דעם לעצטען טאָג פון דער דריטער „דע־קאַדע"*). די גאַנצע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרזאַמעלט אויסער דער שטאָדט פאַר דעם יום־טוב פון ברידערליכקייט. נאָך אַ ספּאַרטאַנישען מאָהלצייט האָבען זיי אוועקגעאיילט אין שטאָדט, ארונטערגעריסען אַלע עמבלעמען פון פאַנאַטיזם און צעטראַמפּעלט אונטער די פיס. אַ מיסט־פיהרער'ס וואַגען איז אָנגעפאָהרען,

*) דעקאַדע — צעהנדליג. דער רעוואָלוציאָנערער קאַלענדאַר האָט איינגעטיילט די חדשים ניט אין וואָכען, נאָר אין דעקאַדעס, צו צעהן טעג אין יעדער דעקאַדע. דער לעצטער טאָג פון יעדער דעקאַדע איז געווען אַ פייער־טאָג.

ברענגענדיג צוויי וואונדער־שאפענדע נאטסמוטערס און פארשיי־
דענערליי צלמים, בילדער פון הייליגע, צו וועלכע, נאך מיט א
קורצער צייט צוריק, דער אבערגלויבען האט געדויבערט ווייהרויך.
אט דער גאנצער לעבערליכער קראם איז אנגעווארפען געווארען
אין א קופע, וואו עס איז שוין געלעגען א קאלעקציע פון פאטענטען
און יחוס־בריעף פון די אדעליגע, און דאס אלץ איז פארברענט
געווארען אונטער די יובעל־געשרייען פון א געוואלדיגען עולם.
און ארום דעם פילאזאפישען שייטערהויפען האט מען א גאנצע
נאכט געטאנצט די קארמאניאלע."

אין א פערטען רעפארט לייענען מיר: „פיער און זעכציג
ווידערשפעניגע גלחים האבען געלעבט אין א הויז, וואס האט
באלאנגט צום פאלק. איך האב באפוילען מען זאל זיי דורכפיה־
רען אין א מארש דורך דער שטאדט צום געפענגניש. דער נייער
מין פארזעהעניש, וואס איז נאך קיינמאל ניט אויסגעשטעלט גע־
ווען פאר'ן פובליקום, האט געמאכט אן אויסגעצייכענטען עפעקט.
געשרייען „עס לעבע די רעפובליק" האבען געהילכט פון המון,
וואס האט ארומגערינגעלט די סטאדע. זייט אזוי גוט, לאזט מיך
וויסען, וואס איך זאל טאן מיט די פינף מוצענד חיות, וואס איך
האב ארויסגעשטעלט צום געלעכטער פון דער מאסע. יע, איך
האב זיי נאך געגעבען אקטיארען פאר באגלייטער".

די דעבאטען, וואס זיינען פאראויסגעגאנגען דער פראקלא־
מירונג פון רעליגיעזער פרייהייט צום דריטען ווענטאז*) פון
דריטען יאהר פון דער רעוואלוציע, זיינען אויך געווען אין דעמ־
זעלבינגען טאן. ווי צעטיילט דער קאנווענט איז ניט געווען אין
אלע איבעריגע פראגען, אין דער פראגע איז ער געווען אבסאלוט
איינשטימיג. צווישען דער שטימונג פון פאלק בעת דער הערשאפט
פון טעראר און זיין שטימונג נאכדעם איז א גאנץ קענטיגער אונ־
טערשייד, אבער עס איז גאר קיין אונטערשייד ניט אין זיין שטע־
לונג צום קאטאליציזם. ווען אין רעזולטאט פון דער פראקלאמי־
רונג פון רעליגיעזער פרייהייט, האבען איינינגע קירכען זיך ווידער

*) „ווענטאז" — דער זעקסטער חודש פון רעוואלוציאנערען
יאהר (19טער פעברואר — 21טער מערץ).

געפענט, איז דער פאקט געמעלדעט געווארען אין דעם וואכענ־בלאט „לא דעקאד פילאזאפיק”, אונטער דעם קעפעל „טעאטערע”, אויף פאלגענדען אופן:

„דעם 18טען און דעם 25טען פון דעם לויפענדען חודש איז אין פארשיידענע קווארטאלען פון פאריז געשפיעלט געווארען א קאמעדיע. דער הויפט־אקטיאר, אין א משונה'דיגען קאסטיום, האט געמאכט פארשיידענע נארישע שטיק, אבער די צושויער האבען ניט געלאכט. אזוי ווי עס איז ניט אונזער מנהג צו קריטיקירען ניי־אויפפיהרונגען פון פיעסען, וואס זיינען ניט ניצליך און ניט באלעהרענד, וועלען מיר אויך דער פיעסע קיין וויטערע אויפמערקזאמקייט ניט שענקען”.

מיראבא האט געזאגט, אז די ערשטע אויפגאבע פון דער רעוואלוציע דארף זיין צו ”דעקאטוליזירען” פראנקרייך, און לויט אלע סמנים איז דאס טאקי געטאן געווארען. איין געמיינדע נאך דער אנדערער האט געבעטען ערלויבניש צו ענדערן איהר נאמען, וואס איז כמעט אלעמאל געווען נאכ'ן נאמען פון א הייליגען. אזוי, צ. ב. ש., האט די פארשטאדט סאן־דעני (איהר קאפלאזער פאטראן סאן־דעני האט דרך אגב קיינמאל ניט עקזיסטירט), האט זיך משנה שם געווען אויף פראנסיאד. די מעהרסטע פראווינץ־שטעדט האבען נאכגעפאלגט דעם ביישפיעל פון פאריז. קיין זאך, וואס האט דערמאנט דאס קעניגרייך פון גאטס גנאדען, איז גע־שאנעוועט געווארען.

אין יאהר 1793 האט א בכבודיגער זקן, מיט'ן נאמען רוהל, אן עלזאסער און א מיטגליעד פון קאמיטעט פאר עפענטליכע זי־כערהייט, אריינגעקראגען אין זיינע הענט דעם הייליגען, וואונדער־שאפענדען קרוג מיט'ן זאלב־אויל, וואס ווי די לעגענדע דערצעהלט, א טויב האט אראפגעבראכט פון הימעל צו דער קאראנאציע פון קעניג קלאוויס. באגלייט פון א גרויסען עולם, האט ער מיט טריאומף געטראגען דעם קרוג דורך די גאסען פון רהיימס, צום גרויסען סקווער, וואו עס זיינען שוין פארזאמעלט געווען די מיט־גלידער פון מאגיסטראט און אנדערע בעאמטע ארום דער סטאטוע פון לואי דעם פופצעהנטען. דארט האט ער געהאלטען א פייער־ליכע רעדע געגען טיראנייע און טיראנען, און פארטיג מיט דער

רעדע, האָט ער אַ שליידער געטאָן די הייליגע כלי לואי דעם „היים־געליעבטען” אין קאָפּ אריין מיט אַזאַ כח, אַז זי איז צושמעטערט געוואָרען אויף פּיץ־פּיצלאַך, און דער הייליגער אויל האָט ווידער אַמאָל געטריפט איבער די באַקען פון געזאַלבטען.

אַזעלכע געשעהעניסען און אַזעלכע רייד, ווי מיר האָבען אויבען געבראַכט, ווייזען גענוג דייטליך, ווי אַנטשלאָסען די רע־וואָלוציע איז געווען אין איהר אַטאַקע אויף דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט. און עס איז העכסט כאַראַקטעריסטיש, וואָס די פּאַטענטען פון אַדעל זיינען פאַרברענט געוואָרען אויף איין פייער צוזאַמען מיט די בילדער פון די הייליגע. דער אומגלויבען אין הייליגען קרוג האָט געפיהרט צו דער פאַרשפּאָטונג פון קעניגטום. פון דער רגע אָן, וואו די אויטאָריטעט פון דער רעליגיע איז גע־שטירצט געוואָרען, איז די צויבער־מאַכט פון אויטאָריטעט פאַר־שוואונדען געוואָרען אויף יעדען אַנדערען געביעט.

דער פּרינציפּ איז פאַרביטען געוואָרען מיט דעם לאָזונג: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט. אָבער דער דאָזיגער לאָזונג האָט אַנטהאַלטען ווענינגסטענס צוויי פונדאַמענטאַלע פּרינ־ציפּען אַנשטאָט איינעם. פרייהייט אַלס פונדאַמענטאַלער פּרינ־ציפּ, קען מען זאָגען, שטאַמט פון וואָלטער'ן, בעת ברידערליכקייט פון רוסאָ. גלייכהייט און פרייהייט ווידער הויזען אויך ניט איבעריג גוט. ווען קורץ פאַר דער רעוואָלוציע האָט דער מיס־טיקער סען־מארטען פּראָקלאַמירט די געהיימניספולע לעהרע פון דעם הייליגען דריילינג — (טערנער) — פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, וואָס זיינען אַלעמאָל געווען און מוזען אַלע־מאָל זיין — האָט ער ניט פאָראויסגעזעהן, אַז עס קען קומען צו אַ קאָנפליקט, צו אַ ריס צווישען די אַלע פּרינציפּען. וואָלטער זאָגט ערגעץ: „די השגחה האָט גוט געטאָן, וואָס זי האָט פון אַ דריילינג געמאַכט איין גאָט — אַ דרייאייניגקייט; ווען עס וואָלטען גע־ווען דריי, וואָלט עס געקומען צו קלעפּ". אין יאָהר 1793 האָט סען־מאַרטענס' דריילינג אַנטפּלעקט די ווידערשפּרוכען, וואָס זיינען געווען פאַרבאָרגען אין איהם.

אין חודש אַפּריל איז פאַרעפענטליכט געוואָרען **די נייע דע־קלאַראַציע** פון מענשען־רעכט, וואָס ראָבעספּיער האָט פאַרפאַסט

און איבערגערעדט די יאַקאָבינער, זיי זאָלען זי אָננעמען אַלס זייער פּראָגראַם, און אין דעמזעלביגען חודש, בעת צווישען ראָ־בעספּיער און ווערניאָ איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער ויכוח, איז דער געגנערישער לאַגער אויך אַרויסגעקומען מיט אַ פּלאַן פון אַ קאָנ־סטיטוציע, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוועזן פון קאָנדאָרסע, באַרער, טהאָמאַס פּעין, פּעטיאָן, באַרבאַרו, סיעֵ און אַנדערע, און אויפגעשריבען פון קאָנדאָרסע.

ווען מיר לעגען אַוועק זייט ביי זייט דיביידע דאָקומענטען, זעהען מיר פאַר זיך די וואָרצלען פון די צוויי אידעען, וואָס האָבען שפּעטער גענומען קעמפען פאַר אויבערהערשאַפט — די אידעע פון ליבעראַליזם און די אידעע פון סאָציאַליזם. — די ערשטע אַרויסגעפיהרט פון וואָלטער'ן, די צווייטע פון רוסאָ. אַזוי ווי ביידע פּראָגראַמען באַהאַנדלען פּונקט פאַר פּונקט דיזעלביגע פראַ־גען, טרעטען די אונטערשיידען אַרויס אַזוי בולט, ווי ערגעץ ניט.

אין דעם ערשטען יאָהר פון דער רעוואָלוציע איז סאָציאַליזם ניט דערמאָנט געוואָרען. דער ציעל איז געוועזן צו באַפרייען קאַפּיטאַל פון אומגערעכטע לאַסטען און בשום אופן ניט צו באַ־גרענצען זיין מאַכט. דאָס איז קלאָר צו זעהן פון פאָלגענדען פאַקט: דער ערשטער באַוויז, וואָס די זיעגרייכע בורזשואַזיע האָט געגעבען פון איהר ניי־געוואונענער מאַכט נאָכ'ן שטורם פון באַסטיליען, איז געוועזן די פאַרעפענטליכונג פון אַ באַפעהל, אַז די דרוקער זאָלען געהאַלטען ווערען פאַראַנטוואָרטליך פאַר יעדען בוך אָדער פּאַמפלעט, וואָס שרייבער מיט „אומבאַשטימטע עק־זיסטענץ־מיטלען” וועלען דורך זיי פּובליצירען. דער דעקרעט איז פאַרעפענטליכט געוואָרען דעם 24טען יולי, 1789, פּונקט צעהן טעג נאָכ'ן איינגעמען פון באַסטיליען. די בורזשואַזיע האָט זיך באַוואָרענט, אַזוי גיך ווי זי האָט פאַרנומען דעם אויבען־אָן, אַז קיינער זאָל זיך נאָך איהר ניט אַרויפכאַפּען, און זי האָט אַרויפ־געצויגען דעם לייטער. געווינענדיג איהר אייגענעם פּלאַץ מיט דער הילף פון דער פּעָן, איז איהר ערשטער אַקט געוועזן אַרויסצו־רייסען די פּען פון די הענט פון קלאַס, וואָס איז געוועזן אונטער איהר.

דער קאָנווענט, געהאָדעוועט אויף די אידעען פון רוסאָ און

מאבלי, האט אפילו יע פארשטאנען, אז די אומגלייכהייט אין דער געזעלשאפט גופא, צווישן בירגער אלס בירגער, איז דער ערגסטער שונא פון פאליטישער גלייכהייט, און ער האט געטרוימט צו שאפען גלייכהייט דורך געבען אייגענטום צו אלעמען. קאנדארסע האט געוואלט איבערגעבען די פאנדען אין רשות פון שטאאט — ניט בטל מאכען פריוואט אייגענטום, נאר ווי עס איז אויסצו־גלייכען די צו אומפראפארציאנעלע פארטיילונג פון מאטעריעלע גיטער. דאס ירושה־רעכט זאל אפגעשאפט ווערען, ערציהונגס־מיטלען זאלען געמאכט ווערען צוגענגליך פאר אלעמען א. ז. וו. ערשט ווען די פארמעגענדע האבען, נאך ראבעספיער׳ס פאל, זיך גענומען אנטקעגנשטעלען די פאדערונגען פון די נארנישט פאר־מעגענדע — ערשט דאמאלס איז געמאכט געווארען די אטאקע אויף אייגענטום אלס אזעלכעס. עס איז געקומען באבעפ׳ס קא־מוניסטישע קאנספיראציע. די קאנספיראציע איז פארראטען און באזיעגט געווארען, דערטרונקען אין דעם בלוט פון די קאנספירא־טארס, און קיין איינציגער קול האט זיך ניט אויפגעהויבען צו פארטיידיגען די אידעען, פאר וועלכע זיי האבען דאס לעבען אוועקגעגעבען. דער סאציאליזם האט צו דער צייט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע ניט מעהר ווי זיין שנעבעלע ארויס־געשטעקט.

בעת די זשיראנדיסטישע דעקלאראציע פון מענשען־רעכט זוכט פריהער פון אלץ און מעהר פון אלץ צו פארזיכערען די רעכט פון יחיד - פרייהייט פון געוויסען און געדאנק (די פריווילעגיעס פון געדאנק, ווי מען פלעגט זיך דאמאלס אויסדריקען), די אומבא־ריהרליכקייט פון היים, די גלייכהייט אנטקעגען געזעץ, די גערעכ־טע פראפארציע צווישען שטראף און פארברעכען — האבען די יאקאבינער פון זייער זייט אין יעדער פראגע מעהר באטאנט די געגענזייטיגע פאראנטווארטליכקייט פון איין מענשען צום אנ־דערן און די פליכטען, וואס ברידערליכקייט לעגט ארויף אויף יעדערן.

די זשיראנדיסטען האבען געזוכט פעסטצושטעלען דעם פרינ־ציפ פון ניט־אריינמישונג. די יאקאבינער האבען געלערנט: די מענשען פון אלע לענדער זיינען ברידער, די פארשיידענע פעלקער

דארפען זיך איינס דאס אנדערע ארויסהעלפען, אזוי גוט ווי זיי קענען נאר, פונקט ווי בירגער פון איין שטאאט. א נאציאן, וואס אונטערדריקט א צווייטע, ערקלערט זיך דערמיט פאר דעם שונא פון אלע נאציאנען. יענע, וואס מאכען מלחמה געגען וועלכער עס איז נאציאן, כדי אפצושטעלען דעם פראגרעס פון פרייהייט און צו פארניכטען די מענשליכע רעכט, דארפען אטאקירט ווערען פון אלע אנדערע נאציאנען, ניט אלס געוועהנליכע שונאים, נאר אלס בונטאוושציקעס, מערדער און רויבער.

די זשיראנדיסטען זיינען געווען געגען יעדער טיראניי פון מענשען איבער מענשען, אבער זיי האבען זעלטען געזוכט צו באשיצען דעם מענשען פון דער טיראניי פון די אומשטענדען. זייער ארבייט איז מעהרסטענס געווען פון א נעגאטיווען כאראקטער. די יאקאבינער האבען געהאט א קלערערען בליק; זיי האבען געזעהן, אז עס איז נוצלאז צו שענקען דעם קראנקען דאס רעכט געהיילט צו ווערען, און ניט היילען איהם; אז עס איז קאמיש פייערליך צו פראקלאמירען פאר'ן לאהמען דאס רעכט צו געהן. אבער קיין גרונד נפקא מנה איז צווישען זיי ניט געווען. קאנדארסע דער זשיראנדיסט האט פונקט אזוי שטארק, ווי יעדער יאקאבינער, געפיהלט, אז פרייע קאנקורענץ איז א ליגען, ווען איינער פאהרט רייטענדיג אויף אן אויסגעצייכענטען פערד, און דער אנדערער געהט צו פוס א בארפיסער.

און עס איז געווען דער סאציאלער פליכט-באוואוסטזיין, די פליכט צו דער געזעלשאפט (ווי רוסא האט עס דעפינירט), וואס האט געטריבען ראבעספיער'ן, רוסא'ס תלמיד, דעם יאקאבינער, אריינצואווארפען זיך מיט אזא אימפעט אין דער מלחמה צווישען דער רעוואלוציע און דער פאזיטיווער רעליגיע.

אבער קוים האט די רעוואלוציע זיך אריינגעריסען אין די קירכען מיט א האק אין האנד, איז שוין קיין אפהאלט ניט געווען פאר דעם צעשטערונגס גייסט. מענשען האבען געקלעטערט אויף סטאלאזשען, וואס האבען זיך געהאלטען אויף משקלת, און ריזי־קירט מיט'ן לעבען, אבי אראפצוקראצען פון א קירכען־קופעל א פארטרעט פון א פאפסט, וואס איז צוגעדעקט געווען מיט הונ־דערט־יעהריגען שפין־געוועבס. בילדער פון הייליגע זיינען אראפ־

געריםען געוואָרען פון די נישעס, און דער פאַנאַטיזם האָט פאַר־ניכטעט מאַנכע פון די פיינסטע ווערק פון דער גאָטישער קונסט. די קאָמיסאַרען פון דער רעוואָלוציע פלעגען זיך ארונטערלאָזען אין די סקלעפען און מיט לאַנטערנעס זיך באַלייכטען די געלע פנים'ער פון די טויטע. מען האָט צעשמעטערט אַלטאַרען און די שטיינער געוואָרפען אין קופּעס, ווי „אין די שטיינגרובען". די פּאָרזיצענדע פון די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטען פלעגען טראָגען הויזען געמאַכט פון בישאָפ'שע בגדים און העמדער געשניטען פון די קיטלען פון די קאָהר־זינגער. און צולעצט האָבען א פּאָר אטעאיסטישע ענטוזיאַסטען (אַנאַכאַרזיס קלאָאָץ, א מאַן פון דייטשער אָפּשטאַמונג, שאַמעט און עבער) געלאָזט הערען זייערע שטימען און האָבען אריינגעטריבען דעם המון אין א גאָטסלעס־טערענדער משוגעת.

ניט רעכענענדיג די דריי, הערען מיר אַזוי ווייניג וועגען אַטעאיזם בעת דער רעוואָלוציע, ווי וועגען סאָציאַליזם. דער גלויבען אין גאָט און אומשטערבליכקייט, וואס מיר געפינען סיי ביי וואָלטערן און סיי ביי רוסאָ, איז אויך געווען דער גלויבען, ביי וועלכען עס האָבען זיך פעסט געהאַלטען כמעט אַלע ערוועהלטע פיהרער פון פאָלק. דערזעלביגער גלויבען דרינגט דורך אַלע שריפ־טען פון יענער פּעריאָדע. טהאָמאַס פּעינס „דער צייטאַלטער פון פאַרנונפט" איז א גוטער ביישפּיעל. אפילו אזא וואָוויליונגערשע הפקר־פּאָעמע ווי פּאַרני'ס „די מלחמה פון די געטער" זאָגט אויך נאָך דיזעלביגע לעהרע. קאַמיל דעמולען שרייבט אין א בריעף: „מיין טייערער מאַנועל! די קעניגע זיינען פאַרדאָרבען, אבער דער גוטער גאָט נאָך ניט. (מערק, איך זאָג דער ג ו ט ע ר ג אָ ט, ניט ג אָ ט. דאָס איז ווייט ניט דאָס זעלביגע)". דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון דער עפּאָכע; איהר אויפגאַבע איז געווען ניט צו קריטיקירען דעם באַגריף פון גאָט, נאָר אָפּצורייניגען איהם פון דעם לעגענדען־שימעל פון די פּאָזיטיווע רעליגיעס. די אַטע־איסטען אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג האָבען געטריבען די רעוואָלוציע ווייטער פון איהר אייגענטליכען ציעל און האָבען גע־בראַכט צו עקסצעסען, וואס האָבען זי פאַרשוועכט אין די אויגען פון גאַנצען דאַמאַלסדיגען דור.

קלאַאָצען איז געלונגען צו פּועל׳ן ביי איינעם א בישאָף נאָ־בעל צו שרייבען א בריעף צום קאָנוועגט, וואס הויבט זיך אָן אַזוי: „בירגער רעפּרעזענטאַנטען! איך בין א גלח, דאס מיינט צו זאָ־גען, א שאַרלאַטאַן. ביז אהער בין איך געווען אַן עהרליכער שאַר־לאַטאַן; איך האָב גענאַרט בלויז דערפאַר, ווייל איך בין אליין גענאַרט געוועןֿ.״ דער בריעף ענדיגט זיך נאַטירליך מיט דער אינפאָרמאַציע, אַז ער איז באַקערט געוואָרען צו דער פילאָזאָפיע.

שאָמעט, אַן ענטוזיאַסט, וועמען די רעוואָלוציע האָט געהאָט צו פאַרדאַנקען פאַר דער אָפּשאַפונג פון קערפּערליכע שטראָפען אין די ערציהונגס אַנשטאַלטען און פון דער געזעצליך רעגולירטער פּראָסטיטוציע, האָט גע׳פּועל׳ט ביי דער פּאַריזער קאָמונע זי זאָל אָפּגעבען דעם קאַטעדראַל „נאָטר־דאַם״ פאַר דעם „קולט פון פאַר־נונפט״. אינעווייניג אין קאַטעדראַל איז אויפגעשטעלט געוואָ־רען א טעמפּעל מיט דער אויפשריפט: „דער פילאָזאָפיע״. דער אריינגאַנג צום טעמפּעל איז דעקאָרירט געווען מיט די סטאַטוען פון די גרויסע פילאָזאָפען. ביי דער איינווייהונג, ווען זיינע טירען האָבען זיך צום ערשטען מאָל געעפענט, איז פון טעמפּעל ארויסגעטראַטען אַן אַקטריסע, מאַדעמאַזעל קאַנדעי, רעפּרעזענ־טירענדיג די געטין פון פרייהייט, און לכבוד דער פרייהייטס גע־טין איז געזונגען געוואָרען א הימנע, פאַרפאַסט פון מאַריע־דזשאָ־זעף שעניע, מיט מוזיק פון גאָססע, דער קאָמפּאָזיטאָר פון דער רעפּובליק.

א צווייטען מאָל איז מאַדעמאַזעל מעיאַר, פון דער אָפּערא, א פּרעכטיגע, מאַיעסטעטישע דאַמע, ערוועהלט געוואָרען צו רעפּ־רעזענטירען די געטין פון פאַרנונפט. הויך איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמעלטע, אין א קרעסלע, באַפּוצט מיט גירלאַנדעס פון אייכען־בלעטער, איז זי ארויסגעטראָגען געוואָרען פון אַלטען קאַ־טעדראַל; באַגלייט פון טרומפּייטערס, פון א גרויסען עולם ביר־גער, אין רויטע קעפּקעס און פון א צאָהל מיטגליעדער פון קאָנ־וועגט, איז זי געבראַכט געוואָרען אין זיצונגס־זאַל פון קאָנוועגט, וואו דער פּרעזידענט האָט פייערליך אָיהר א קוש געטאָן אין שטערן.

אָבער די צערעמאָניעס, אומשולדיג ווי זיי זיינען געווען, זייי־

נען פאר'מיאום'ט געווארען דורך די וואולגארע נאכאהמונגען פון המון. גאסען־פרויען האבען זיך אויך געלאזט טראגען אין טריי־אומפולע פראצעסיעס אלס געטינס פון פארנונפט. ווילדע הור־ליאנקעס זיינען געפראוועט געווארען אין די קירכען; די קירך פון סאן־עסטאש איז בוכשטעבליך פארוואנדעלט געווארען אין א שענק. די טרוקענע ביינער פון דער הייליגער זשענעוויעוו האט מען פארברענט, און פון די הילצערנע בילדער פון די הייליגע, גע־בעט־ביכער און אלטע און נייע טעסטאמענטען האט מען אויפ'ן פלאץ פון „לא גרעוו” געמאכט אזא פייער, אז די פלאמען האבען דערגרייכט ביז צום צווייטען שטאק פון די הייזער.

קלאאץ איז ערוועהלט געווארען פרעזידענט פון יאקאבינישען קלוב. אבער באלד נאכדעם האט ראבעספיער, אלס גוטער תלמיד פון רוסא און מיט אן אויג אויף איירָאפא, געפרובט פועל'ן ביים קאנווענט, ער זאל אין אן עפענטליכער דעקלאראציע ערקלערען, אז דאס פראנצויזישע פאלק אנערקענט די עקזיסטענץ פון אן אלערהעכסטען וועזען; און נאך מעהר; ער האט אויסגעפיהרט ביי זיינע יאקאבינער זיי זאלען דערלאנגען א פעטיציע צום קאנ־ווענט, יענער זאל טאן אלץ וואס אין זיין כח צוריק אויפצולע־בען דעם גלויבען אין גאט און אין דער אומשטערבליכקייט פון דער נשמה. ער האט פארדאמט די קירכען־שענדער אלס פאנא־טיקער פון קאטוילישען טיפ און דעם אטעאיזם אלס אריסטא־קראטישע חלאת. דאך, ווען אין מאי 1794, האט ער זיך גע־שטעלט אויף דער טריבונע פון קאנווענט רעדען פאר א פייערונג לכבוד דעם אלערהעכסטען וועזען, האט ער לכתחילה זיין רעדע אנגעהויבען מיט ענטוזיאסטישען ליבעגעזאנג אויף רוסא; אבער באלד איז ער אריבער אין א קאלטער, שארפער אטאקע אויף דעם קריסטענטום: „אלע מענשליכע איינבילדונגען פארשווינ־דען פאר דעם שיין פון אמת, און אלע משוגעת'ען פאלען פאר דער מאכט פון פארנונפט... וואס האבען די גלחים צו טאן מיט גאט? די שייכות פון די גלחים צו מאראל איז פונקט ווי די שייכות פון שארלאטאנעס צו וויסענשאפט און מעדיצין”. טריי צו דעם גייסט פון זיין עפאכע, פארזיכערט ער, אז אלע רעליגיעס זיי־נען ערפינדונגען פון די גלחים, און ער ערקלערט דערביי: „די

גלחים האָבען געמאכט פון גאָט אַ פייערדיגע קויל, אַן אָקס, אַ בוים, אַ מענש, אַ קעניג. דעם אַלערהעכסטען וועזען'ס אמת'ער פריעסט איז די נאַטור, זיין טעמפעל איז דער וועלט־אַל, און די־נען איהם קען מען בלויז דורך גוטע מדות". ווייטער ווייזט ער אָן, אַז די גלחים האָבען אומעטום אונטערשטיצט טיראַניי: „דאָס האָט איהר געזאָגט צו די קעניגע: יאָ, איהר זייט באמת די פאַר־שטעהער פון גאָט אויף דער ערד; פון איהם האַלט איהר אייער מאכט! און די קעניגע פון זייער זייט האָבען געזאָגט צו אייך: יאָ, איהר זייט באמת גאָטס שלוחים; לאָמיר זיך טיילען מיט'ן וויהרויך און מיט'ן רויב!"

דער רעזולטאַט פון זיין מיה איז געווען, אַז דער קאָנווענט האָט טאַקי ארויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז מודיע אַלע נאַציאָנען פון דער וועלט, אַז ער, דער קאָנווענט, שיצט און שטיצט די פרייהייט פון גאָטעסדיענסט; אַז ער טאַדעלט „די איבער־טרייבונגען פון דער פילאָזאָפיע פּונקט אַזוי שאַרף ווי די פאַרברע־כענס פון פאַנאַטיזם".

איין פּאַראַגראַף פון דער פּראָקלאַמאַציע לייענט זיך: „איי־ערע הערשער וועלען אייך דערצעהלען, אַז די פראַנצויזישע נאַ־ציאָן האָט פאַרבאָטען אַלע רעליגיעס און האָט איינגעפיהרט די פאַרעהרונג פון געוויסע מענשען אַנשטאַט די פאַרעהרונג פון גאָט; זיי מאָהלען אונז פאַר אייך אַלס געצענדיענער און משוגעים. זיי זאָגען ליגען. די פראַנצויזישע נאַציאָן און איהרע פאַרשטעהער זיינען פאַר פרייהייט פון גאָטעסדיענסט פון יעדען מין." און עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו פייערען אַ געוויסע צאָהל רעליגיעזע ימים־טובים — ימים־טובים פון פרייהייט, גלייכהייט, מענשליכקייט, איין יום־טוב לכבוד די גרויסע מענשען, וועלכע זיינען אין זייער צייט געווען באַפרייער א. ז. וו.

דער ערשטער פּועל־יוצא פון דעם באַשלוס איז געווען דער באַריהמטער פעסט לכבוד דעם אַלערהעכסטען וועזען. עס איז געווען עטוואָס ריהרענדעס און קאָמישעס צוגלייך אין דעם גאַנ־צען צערעמאָניאַל. מיט אַ בוקעט בלומען און ווייצען־זאַנגען אין האַנד, האָט ראָבעספּיער, וועלכער איז פאַר יענעם טאָג ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט, געפיהרט דעם פאַרזאַמעלטען קאָנווענט

דורך די גאסען פון פאריז צו די מארס־פעלדער, איינגערינגעלט אין א ריזיגען דריי־קאלירען־באנד, געטראגען פון קינדער, יונגע לייט, מיטעליעהריגע און זקנים, באציערט לויט זייער עלטער מיט פיילכלאך, מירטען, אייכען און וויין־בלעטער. יעדער מיטגליעד פון קאנווענט, מיט א דריי־קאלירטען באנד איבערן אקסעל, האט געטראגען א בוקעט פון בלומען, פרוכט און קארן־זאנגען. דער העכסטער ארט פון פעלד איז געווען רעזערווירט פאר זיי, און ווען זיי האבען פארנומען זייערע פלעצער, איז דורכגעפיהרט געווארען א צערעמאניע, וואס לויט דעם עדות־זאגען פון פיעלע, וואס האבען זי צוגעזעהן, איז געווען זעהר איינדרוקספול, הגם אביסעל טעאטראליש. א לויב־געזאנג צום אלערהעכסטען איז געזונגען געווארען פון טויזענדער שטימען. די יונגע מיידלאך האבען א שאט געטאן בלומען, די יונגע לייט האבען א הויב געטאן זייערע וואפען און געשווארען צו רעטען פראנקרייך און די פרייהייט. די צערעמאניע האט זיך געשלאסען מיט א פארשטעלונג לויט דעם גוסט פון יענער צייט. אויף אן אנגעזעהענעם פלאץ איז געשטאנען א גרופע פארזעהענישען, ספעציעל געצייכענט פון דעם באריהמטען מאהלער דאוויד — וואס האט פארגעשטעלט לעסטערונג, איינענליעבע, האמפעריי און אמביציע, די אלע איבלען, וואס האבען גדארפט אויסגעראט ווערען פון דער וועלט פאר אייביגע צייטען. ראבעספיער האט גענומען א פאקעל און א שליידער געטאן אין די פארזעהענישען. אזוי ווי זיי זיינען געווען אנגעטרונקען מיט טערפענטין, זיינען זיי אויגענבליקליך פארברענט געווארען און אויף זייער פלאץ האט זיך באוויזען די סטאטוע פון חכמה, וואס קיין פייער קען זי ניט נעהמען. אבער די קוריעזע איראניע פון שיקזאל — די סטאטוע איז ארויסגעקומען שווארץ און פאר'חושכ'ט פון פלאם און רויך.

דער יום־טוב לכבוד דעם אלערהעכסטען וועזען איז געווען אן אויסדרוק פון דער איינענארטיגער פרומקייט פון 18טען יאהרהונדערט. ראבעספיער איז געווען פאלשטענדיג גערעכט מיט זיין באדויערען, פאר וואס רוסא האט ניט זוכה געווען צו זעהן דעם יום טוב מיט זיינע אויגען. דער יום טוב וואלט ווירקליך געווען איהם צום הארצען. און אזוי טיעף האבען די רעליגיעזע אידעען גע-

וואָרצעלט אין די מוחות פון די געזעץ־געבער, אז די אידעען זיינען אפילו געבליבען, ווען ראָבעספיער איז שוין געווען געפאַלען. די „רעליגיע פון בירגער", וואָס דער קאָנווענט האָט איינגעפיהרט, איז ניט געווען אַן ערפינדונג פון זיין פאַנטאַזיע. נאָך זיין טויט זיינען די געזעץ־געבער ניט נור ניט אוועק צוריק, נור זיי האָבען נאָך מיט אימפעט זיך אַ לאָז געטאָן פאָראויס. אַ רעפּובליקאַנישער קאַלענדאר איז איינגעפיהרט געוואָרען. „אזוי ווי די קריסטליכע ערא איז געווען אַ ערא פון ליגענס, שווינדעל און שאַרלאַטאַניזם", מוז די קריסטליכע צייט־רעכענונג אָפּגעשאַפט ווערען; די צייט זאָל זיך רעכענען פון יאָהר 1792, די זיבען־טאָגיגע וואָך זאָל פארביטען ווערען מיט אַ דעקאַדע (צעהן־טאָגיגע וואָך). און עס איז פאָרגעשלאָגען געווען, אז די טעג פון די פארשיעדענע הייליגע זאָלען זיך רופען אויף די נעמען פון אַגריקולטור־געצייג און די ניצליכע הויז־חיות.

עס האָט ניט לאַנג גענומען, און סדורים מיט תפילות און קאַטעכיזיסען פון דער נייער רעליגיע זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען. אין איינעם פון אזא סדור (דער סדר פון די דעקאַדעס; רעדעס, הימנען, תפילות פאר דעם געברויך אין די טעמפּלען פון פארנונפט) לייענען מיר:

„פרייהייט, דו העכסטעס גליק פון מענשען אויף דער ערד, געבענשט זאָל זיין דיין נאָמען צווישען אלע נאַציאָנען פון דער וועלט! זאָל דיין פריידען־בריינגענדער קעניגרייך קומען און אַ סוף מאַכען צו דער הערשאַפט פון די טיראַנען! זאָל דיין הייליגער קולט פארנעהמען דעם פּלאַץ פון דער פאַרעהרונג פון יענע עלענדע געצען, וועמעס מזבחות דו האָסט געשטירצט! איך גלויב אין אַן אַלערהעכסטען וועזען, וואָס האָט באַשאַפען די מענשען פריי און גלייך, וואָס האָט זיי געבויט אזוי, אז זיי זאָלען ליעבען איינע די אַנדערע און ניט האַסען איינע די אַנדערע; וועלכער וויל געעהרט זיין דורך טוגענד און ניט דורך פאַנאַטיזם און אין וועמעס אויגען די נאָבעלסטע תפלה איז די תפלה פון אמת און פארנונפט. איך גלויב אין דעם נאָהענטען פאַל פון די טיראַנען, אין דער ווידערגעבורט פון מאָראַל, אין דער אַלץ שטאַרקערער אוים־

שפרייטונג פון אלע טוגענדען און אין דעם אייבינען טריאומף פון פרייהייט".

דאך גלייכצייטיג מיט דעם האבען די מענשען ארויסגעוויזען זייער נייעם גלויבען אויף אנדערע, נים אזעלכע אומשולדיגע וועגען. די קירכען זיינען אויסגעטאן געווארען פון זייער אלטען שמוק און צוגעפאסט געווארען צו דיענען די צוועקען פון דער נייער רעליגיע. צוליעב פראקטישע טעמים איז געווארען לעבענסוויכטיג אפצושאפען דעם זונטאג. באלד האט מען גענומען ווארפען א חשד אויף יעדען איינעם, וואס האט אפגעהיט דעם זונטאג,—און אין יענע טעג איז געוועזן געפעהרליך צו ציהען אויף זיך א חשד. שארפע מיטלען זיינען אנגענומען געווארען אונטער דער הערשאפט פון קאנווענט נים צו דערלאזען צו דער אפהיטונג פון זונטאג. דאס איז געווען א נייער סארט טיראניי. אפשר האט זי זיך געלאזט בעסער פארענטפערען, ווי די טיראניי, וואס זי האט פארביטען, אבער זי איז געווען נים ווייניגער בארבאריש און נים ווייניגער אומפארנינפטיג.

אפילו אונטער דער דירעקטאריע, ווען עס האבען זיך שוין באוויזען די ערשטע סמנים פון א רעאקציאנערער באוועגונג צווישען די נידריגערע געזעלשאפטליכע שיכטען, פלעגען מיטגלידער פון דער פארזאמלונג, לויט דעם עדות זאגען פון א שרייבער פון יענער צייט, באקומען היסטעריע, אזוי גיך זיי פלעגען דערהערען דעם ווארט „גלח"; און די צושטערונגס-ארבייט איז זיך ווייטער אנגעגאנגען מיט ווילדער קראפט. „יעדער איינער" — דערצעהלט לאראן — „וואס האט געהאט א טראפען רעוואלוציאנער בלוט אין זיינע אדערען, האט מיט פיבערישען ענטוזיאזם געארבייט פאר דער פארניכטונג פון קריסטענטום". אין אפיציעלע רעפארטען זיינען די געטרייע קאטוילקען באצייכענט געווארען אלס „שוואכזיניגע". א פראקלאמאציע פון דער דירעקטאריע ביי דער געלעגענהייט פון די וואהלען אין זעקסטען יאהר פון דער רעוואלוציע פאדערט, אז פון די ליסטען זאלען אויסגעמעקט ווערען „אלע יענע אומגליקליכע פאנאטיקער, וואס זיינען פארבלענדט דורך זייער לייכטגלויביגקייט און וואס קענען ווידער זיך ארייננעהמען אין קאפ צו ווארפען זיך צו די פיס פון די גלחים."

די גלחים זיינען נאָך אַלץ געווען די ביטערסטע שונאים פון דער רעוואָלוציע. די בלוטיגע מלחמה אין דער וואַנדעע איז געווען הויפּטזעכליך זייער ארבייט. די גרוילען, וואָס זיינען דאָרט אָפּגעטאָן געוואָרען, דערמאָנען די צייט פון מיטעלאַלטער. איין גלח, וואָס האָט געשוואָרען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציע, איז באַפאַלען געוואָרען פון אַ מחנה קוויטשענדע פרויען און איז פאַרשטיינט געוואָרען, אַ צווייטער איז צוריסען געוואָרען אויף שטיקער, אויך פון פרויען. דעם רעפּובליקאַנישען פּרעזידענט זשובער האָט מען פאַר'ן טויט אָפּגעזעגט די הענד. אין איין שטאָדט האָבען די ראָיאַליסטען באַגראָבען זייערע רעוואָלוציאָנערע נעגנער לעבעדיגערהייד; ווען די רעפּובליקאַנישע סאָלדאַטען זיינען אָנגעקומען האָבען זיי דערזעהן הענד אַרויסשטעקענדיג פון דער ערד; די טויטע פינגער האָבען געהאַלטען איינגעקלעמט שטיקלעך טאָרף.

די רעוואָלוציאָנערען האָבען באַלד געמוזט זיך מודה זיין, אַז זייערע נענג ווירקען פאַרקעהרט, ברענגען צו רעזולטאַטען, וואָס זיינען פונקט דער היפוך דערפון, וואָס זיי האָבען ערוואַרט און געוואונשען. מערקווירדיג, די שלוחים, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען אין דער וואַנדעע, זיינען געווען די ערשטע צו ראַטען אַ פאָלשטענדיגע שיידונג צווישען קירך און שטאַאַט. לויט זייער מיינונג איז דאָס געווען דער איינציגער מיטעל איינצושטילען די געמיטער און אויפצושטעלען פרידען אין לאַנד. נאָך אין די טעג פון דער געזעצגעבענדער פאַרזאַמלונג האָט אַ גלח פאָרגעשלאָגען, אַז דער שטאַאַט זאָל אויפהערען בכלל זיך אינטערעסירען מיט רעליגיע. אָבער די מענשען זיינען געווען צו אויפגערעגט זיי זאָלען זיך קענען אָפּהאַלטען פון אטאַקירען משוגענערווייז דעם צד אָדער יענעם צד. די רעוואָלוציאָנערען האָבען געהאָפּט, ווי זיי פלעגען אָפּט זיך אויסדריקען, צו מאַכען אַ סוף צום „סעקטעריאַניזם“ דורך אַלגעמיינער אויפקלעהרונג. זיי האָבען געהאַט די נאַאיווע איינבילדונג, אַז דאָגמעס זיינען אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַז די צייט איז שוין געקומען, ווען, לויט די ווערטער פון טהאָמאַס דזשעפערסאָן, מענשען וועלען לעגען פונקט אַזאַ ווערט אויף קריסטוסעס איבערנאַטירליכער געבורט פון אַ יונגפרוי'ס אומבאַריהרטען לייב, ווי אויף דער רוימישער לעגענדע, אַז מינערוואַ איז גע־

באַרעך געוואָרען פון יופּיטער׳ס קאָפּ. אין אַ רעפּאָרט, וואָס איז אַרויסגעקומען פון קאָנוועגט, לייענען מיר: „באַלד וועלען מענשען שטודירען אָט די אַלע נאַרישע דאָגמעס, דעם פּראָדוקט פון שרעק און זעלבסט־נאַרעריי בלויז מיט דעם צוועק זיי צו פאַראַכטען. באַלד וועט די רעליגיע פון סאָקראַטעס, מאַרק אָורעליוס און ציצע־ראָ ווערען די רעליגיע פון דער גאַנצער וועלט". און ווען דער מאַדאַם ראָלאַן קומט אויס אין איהרע מעמואַרען זיך צו באַנוצען מיט דעם וואָרט „קאַטעכיזיס", האַלט זי פאַר נויטיג דאָס וואָרט צו ערקלעהרען פאַר דער טובה פון די שפּעטערדיגע דורות. „אַלץ באַוועגט זיך אַזוי שנעל — שרייבט זי — אַז דער לעזער פון די שורות וועט אפשר פרעגען: וואָס איז דאָס אַזוינס? וועל איך איהם ערקלעהרען".

די טוער פון דער רעוואָלוציע האָבען ניט באַגריפען, אַז די ברייטע מאַסע פון פאָלק, אין איהר טיעפער אומוויסענהייט, אָנ־געזויגען מיט אידעען און געפיהלען, וואָס האָבען זיך איבערגע־געבען בירושה פון דור צו דור דורך יאָהרהונדערטע, אַז די ברייטע מאַסע איז טויב צו זייערע אויפרופען, איז איינגעשראָקען פון זייערע געוואַלדטאַטען און איז גרייט ווידער זיך איבערצוליפערען אין די הענד פון די גלחים ביי דער ערשטער געלעגענהייט, וואָס וועט זיך אָנבאָטען. אין יאָהר 1800 שרייבט גענעראַל קלאַרק אין אַ בריעף צו באָנאַפּאַרט: „אונזער רעליגיעזע רעוואָלוציע איז אַ דורכפאַל. פראַנקרייך איז ווידער געוואָרען רוימיש קאַטויליש. עס וועט נעהמען דרייסיג יאָהר פּרעסע־פרייהייט, כדי צו ברעכען די גייסטיגע מאַכט פון רוימישען בישאָפ". ער האָט בלויז גע־מאַכט אַ טעות אין חשבון. ניט דרייסיג יאָהר, נאָר גיכער דריי הונדערט יאָהר וואָלט נויטיג געווען, און דאָס אויך בלויז בתנאי, אַז צו דער פרייהייט פון דער פּרעסע זאָל צוגעגעבען ווערען גוטע, פרייע און פאָלשטענדיג וועלטליכע ערציהונג.

אָבער ניט נאָר דאָס פּראָסטע פאָלק אַליין איז טריי געבלי־בען דער קירך. אין די פאַמיליעס פון די העכערע קלאַסען אין דער פּראָווינץ איז די מוטער מיט די טעכטער, אַלס כלל, געבליבען קאַטויליש, בעת דער פאָטער, וואָס זיין פּריוואַטע מיינונג איז ניט געווען, פלעגט כמעט אָהן אויסנאַהם, מיט דער פאָרזיכטיגקייט

און דעם מיסטעריעזען צום פרייען געדאַנק, וואָס זיינען דעם פראַנ־צויז איינגעבאָרען, באַטראַכטען די רעליגיע אַלס אַ ניצליכע איינ־ריכטונג פאַר פרויען, וואָס מאַכט זיי געהאָרכזאַם און צוריקגע־האַלטען. די דאַמען זיינען פון אַלעמאָל געוואוינט געווען אויס־צוהעפטען די דעקעס פאַר'ן אַלטאַר, צו פּאַטראָניזירען דעם גלח, צו געבען איהם געלד פאַר זיינע פרומע אָרימע־לייט און צו געהן צו זיינע מעסען פּינקטליך און רעגולער. איצט איז די מעסע פאַר־באָטען געוואָרען, אָבער דער פליסיגער, פלעגמאַטישער פראַנצויזישער פּויער, זיין פרוי און זיין גאַנצע הויזגעזינד זיינען ביז די דאָזיגע רעוואָלוציע איז געקומען, געוואוינט געווען צו קוקען אויף „מאָסיע לע קיורע" אַלס אַ סאָרט אירדישע השגחה, פלעגען אין טיעפער עהרפורכט זיך פאַרנייגען פאַר איהם ביי באַגעגעניש׳ען; פלעגען פרעגען ביי איהם עצות; ער האָט די קינדער געטויפט; פון זיינע הענד האָבען זיי זייער ערשטען סאַקראַמענט באַקומען; ער האָט זשאַקען מיט פראַנשעט אין הייליגען חתונה־בונד פאַראייניגט, און דער אַלטער מוטער פאַר'ן טויט האָט ער דעם לעצטען סאַקראַ־מענט איינגעגעבען.

אין פּויער'ס הויז האָט קיינער לייענען ניט געקענט; וועגען ליטעראַטור, מוזיק, פילאָזאָפיע האָט קיינער ניט געהערט. יעדער דראַנג פון זיין נשמה, וואָס איז געווען העכער פון אַקעראייזען און העכער פון דער קלומפּע ערד, וואָס דער אַקעראייזען האָט אויפ־געריסען, איז געציעלט געווען צו דער קירך. און ווי אָרים די קירך איז ניט געווען, האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ פּאַלאַץ לגבי זיין פאַר־חשכ'טער הייזקע — און דערצו אַ הייליגער פּאַלאַץ; דאָרט האָט ער געקניהט.

איצט איז די קירך געשלאָסען געוואָרען. יעדער איינער, וואָס האָט געזעהן אַ פראַנצויזישען אָדער איטאַליענישען פּויער נאָכ׳ן בעטען, די ריהרענדע התפעלות, וואָס שיינט אַרויס פון זייערע אויגען — אויגען, וואָס זיינען אַזוי ערנסט און קלאָר, ווי ביי אַ הונד — קען פאַרשטעהן, וואָס עס האָט געמיינט פאַר אַזעלכע לייט, אַז עס וועט מעהר קיין מעסע ניט זיין און קיין גלח ניט זיין און קיין זונטאָג אויך ניט! דער פּויער איז געגנעריש צו יעדער ענדערונג, וואָס איהר ניצליכקייט זעהט ער גלייך ניט איין.

זיי ווילען אָפּשאַפען די זונטאָגס! האָט עמיצער געהערט אַזוינס? האָט דאָס עמיצען געקענט איינפאַלען אויסער די הערען פון פּאַריז? זונטאָג, וואָס איז געהאַלטען געוואָרען הייליג פאַר מעהר ווי טויזענד יאָהר — אפשר גאָר זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען! גאָט אַליין האָט גערוהט דעם זיבעטען טאָג; אָבער איצט זאָל אַ וואָך האָבען גאָר צעהן טעג, און זאָל זיך רופען ד ע ק אַ ד ע, אַ וואָרט אָהן שום זין! וועלען זיי גאָט אַליין אויך אָפּשאַפען?

צוגעבען צו דעם די ווירקונג, וואָס דאָס האָט געדאַרפט מאַכען אויף די איינגערע נאָך ניט פאַרדאָרבענע גלחים. פּרייסינו, וועלכער איז שפּעטער נאָך דער רעסטאַווראַציע באַריהמט געוואָרען אלס קאַטוילישער מליץ־יושר פאַר קריסטענטום, דערצעהלט אונז, ווי ער און זיין פריינד, אויך אַ יונגער גלח, האָבען געפּראַוועט זייער הייליגע מלאכה אונטער דער הערשאַפט פון טעראָר, טראָץ אַלע סטראַשונקעס מיט פאַרשיקונג און נאָך ערגערע שטראָף, און ווי זיי זיינען געגאַנגען, אַמאָל איינער, אַמאָל דער אַנדערער, צוקוקען די הינריכטונגען אויף דעם פּערמאַנענטען עשאַפאָט אין ראָדעז, כדי זיך אויסצופּרובירען, זיך צו שטאַרקען דעם מוט און כדי זיך צוצוגעוואוינען צום טויט, וואָס האָט זיי ערוואַרט, אין פאַל מען ענטדעקט זיי.

טראַכט וועגען אָט די יונגע ענטוזיאַסטען און זייער גלייבען, אָדער וועגען די גלחים, וואָס לאַמאַרטין באַשרייבט אין זיין „זשאַסעלען“, וועלכע פלעגען זיך צונויפקומען מיט זייערע געמיינדעס זונטאָג באַגינען אין אונטעראַירדישע היילען, אין קאַלטע פייכטע קעלערס, וואָס האָבען גאַנץ לעבעדיג דערמאָנט די קאַטאַקאָמבעס פון די ערשטע קריסטען. די פאַרזאַמעלטע פלעגען רעדען וועגען די אָפּקומענישען פון דער קירך, פלעגען איינע די אַנדערע טרייסטען, פלעגען אויסהערען די דרשה, איינגעהמען דעם הייליגען סאַקראַמענט און זיך צוגעהן מיט דערקוויקטע הערצער און מיט טרערען אין די אויגען. די גרויסע דאַמע און די פּראָסטע פויערטע האָבען זיך געפיהלט ווי גליעדער פון איין קערפּער, ווי זיי האָבען קיינמאָל פריהער זיך ניט געפיהרט, ווען איינע האָט פאַרנומען אַ זיץ אויבען־אָן און די אַנדערע אַ בענקעל ביי דער טיר.

אפילו די קאָנפיסקאַציע פון קירכען־אייגענטום האָט זיך אויס־

געלאָזען פאר דער טובה פון דער קירך. פיעלע גלחים, וואָס זיי־נען דעמאָראַליזירט געווען פון וואָלטער, זיינען פלוצלונג אראָפּ־געפאַלען צו אפּאָסטאָלישער אָרימקייט. ווען די געצוואונגענע נויט האָט א טייל דערצאָרנט, האָט זי אָבער די אנדערע געלייטערט. די זאַך, פאר וועלכער א מענש ליידט, ווערט איהם טייער. דער צווייפלענדער, האלב־פילאָזאָפישער גלח, וועלכער (ווי בּראַנט דערצעהלט) פלעגט זיך כמעט שעהמען צו זאָגען צווישען מענשען, אז ער גלויבט אין די עיקרים פון קריסטענטום, האָט דערפיהלט א בּעהויבענעם רעספּעקט צו זיך, ווען די קירך, וועלכער ער האָט געדיענט, האָט גענומען פאַרפאָלגט ווערען.

אין יאָהר 1801 שרייבט בּישאָף לעקאַז: „די אמונה, וואָס אונזער ערלייזער האָט געגרינדעט אָהן דער הילף פון רייכטום, וועט ער אויך אויפהאַלטען אָהן דער הילף פון רייכטום, וואָס איז אומווירדיג ער זאָל עס גאָר אָננעהמען. ווען ער האָט גערופען זיינע צוועלף אַפּאָסטאָלען, צו וואָס האָט ער זיי גערופען? צו דעם נענוס פון רייכטום און כבוד? ניין; צו ארבּייט, צו זאָרג און צו ליידען. דאַרפען מיר דען, די דיענער פון יעזוס קריסטוס, וואָס מיר געפינען זיך איצט כמעט אין דער אַפּאָסטאָלישער לאַגע, זיך בּאַקלאָגען? ניין, לאָמיר זיך בּעסער פרעהען מיט דעם, וואָס מיר זיינען בּארויבּט געוואָרען פון די וועלטליכע גיטער, לאָמיר זיך פרעהען מיט דער אָרימקייט, וואָס איז אונזער שאַץ; לאָמיר דאַנ־קען דעם האַר, וואָס ער האָט אונז אומגעקעהרט צו די פארצייטיגע אומשטענדען, נאָך וועלכע די גוטע און פרומע קינדער זיינע האָבען קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו בּענקען".

די געפיהלען פון גרויל און שאנד, וואָס די הערשאַפט פון טעראָר האָט ארויסגערופען, האָבען שפּעטער, ווען דער טעראָר האָט גענומען אן ענד, ווידער א מאָל געוועקט די געדאַנקען פון פיעלע פראנצויזען צו דער מאָנאַרכיע און קעניגליכען הויז. פּונקט אזוי האָבען די בּרוטאַלע פאַרפאָלגונגען פון דער רעליגיע אויפגע־וועקט א הייסע סימפּאַטיע פאר דער קירך און איהרע פאָרשטעהער.

פון בּעלגיען (דאַמאָלס אן איינגעגליעדערטער טייל פון פראַנק־רייך) איז דער גאַנצער קירכען־פּערסאָנאַל אָגולנע ארויסגעטריבּען געוואָרען. און אויפשטאַנדען זיינען אויסגעבּראָכען איבּער'ן לאַנד.

און אין פראנקרייך גופא? אין פראנקרייך איז געווען ניט נאר אײן וואנדעע; יעדע פראווינץ האט געהאט איהר אייגענע וואנדעע. אין יאהר 1800 האט די קעניגליך־קירכליכע פארטיי געהאט די אויבערהאנד כמעט אין יעדער דארפישער געמיינדע פון די צוועלף מערב־דעפארטאמענטען. די פארטיי האט געצעהלט פערציג טויזענד מאן אונטער וואפען. אפילו מענשען, וועמעס אינ־טערעסען זיינען אם ענגסטען פארבונדען געווען מיט דער נייער ארדנונג — די יעניגע, וואס האבען ארייגעקראגען אין זייערע הענד דאס קאנפיסקירטע קירכען־אייגענטום — זיינען אויך ניט געווען גליקליך מיט זייערע נייע פאסעסיעס. דאס לאנד פון נייעם אייגענטימער האט פריהער באלאנגט צום גלח, צום שפיטאל, צו דער שול. די אלע זיינען בארויבט געווארען, און ער איז רייך געווארען דורך זייער פארארימונג. די פרויען פון זיין הויז־גע־זינד, זיין ווייב, זיין מוטער זיינען ארומגעגאנגען פאראומערט און פאר׳חושכ׳ט, און ווען עס האט זיך געמאכט, אז ער אליין האט זיך אנידערגעלעגט קראנק, האט ער אויך געפיהלט דאס בייסען פון א בייזען געוויסען; ער האט אפילו געהאפט, אז דער גלח וועט זיך ניט אפזאגען צו געבען איהם זינדען־פארגעבונג אין לעצטען מאמענט; אבער אפט האט איהם געפייניגט דער שרעק, טאמער עקשנ׳ט ער זיך איין און וויל ניט. (טעין, „דער מאדערנער רע־זשים“. 1, 134 און וויטער.)

דאס אלץ האט צוגעגרייט דעם באדען פאר דער רייגוואשונג פון דער רעליגיע. און מיר טארען אויך ניט פארגעסען די אינטע־לעקטועלע קראפט, די ווערטפולע שותפ׳טע, וואס די קירך האט צוגעקראגען, ווען זי האט פלוצלונג ענטדעקט, אז זי קען אויס־נוצען פאר זיך דעם פונדאמענטאלען פרינציפ פון דער רעוואלו־ציע — פרייהייט! — און אין איהר נאמען געווינען שיצער און שטיצער. די גאנצע לאגע האט זיך געענדערט זייט יענעם טאג, ווען די קירך, פיינדליך צו פרייהייט ביז צום לעצטען מאמענט, האט ענדליך, באזיעגט פון דער נויטווענדיגקייט, ארויפגעשריבען פרייהייט אויף איהר אייגענער פאהן. אונטערדריקט און פיהלענ־דיג, ווי גוט עס וואלט פאר איהר אליין צוניץ געקומען די פרייהייט, האט זי גענומען רעדען אין איהר נאמען און אזוי רחמנות׳דיג,

אַז אַלע וואָס האָבען געהערט דעם קראָקאָדיל וויינען האָבען איהם אָנגענומען פאַר אַ נעבעכעל. דער ליבעראַלער קאַטוילציזם — ווי דאָס וואָרט גרילצט אין די אויערען! — איז געבאָרען געוואָרען. די קירך האָט ארויסגעריסען דעם בעסטען וואפען פון די הענד פון דער רעוואָלוציע און איהם איבערגעגעבען אין די הענד פון איהרע אייגענע אָנהענגער — נאַטירליך, אויף אַ ווייל נאָר, ביז עס וועט איהר געלינגען צו ערֲאָבערן איהר אַלטע מאַכט; און דאַן אוים מיט דער פרייהייט! אָבער דערווייל איז דער פּאַפּסט פּלוצלונג געוואָרען ל י ב ע ר א ל — רעליגיעזער ליבעראַליזם האָבען זיי עס גערופען. ווען דער אָרדען פון די יעזואיטען איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרען, האָבען אפילו זיי, די יעזואיטען, ער־קלעהרט, אַז זייער וואונש איז „גוטע, טרייע פרייהייט".

וויפיעל עהרליכער מיין עס איז געווען אין זייער חנ'דלען זיך צו פרייהייט, האָט זיך ארויסגעוויזען אזוי גיך ווי די רעליגיע איז ווידער אריין אין מאַכט. ווען נאַפּאָלעאָן האָט אין 1808 פאָר־לאַנגט פון פּאַפּסט ער זאָל גוטהייסען רעליגיעזע פרייהייט, האָט דער פּאַפּסט געענטפערט: „ווייל אזא פרייהייט איז אין ווידערשפּרוך מיט דעם געזעץ פון דער קירך, מיט די דעקרעטען פון די קירכען־ראַטען און מיט דער קאַטוילישער רעליגיע, און נאָך מעהר ווייל אזא פרייהייט שטימט ניט מיט דעם גליק און פרידען פון די נאַציאָנען צוליעב די שרעקליכע קאָנזעקווענצען, וואָס זי ברענגט מיט זיך — דארום האָבען מיר זי פאַרדאַמט."

נאַאיווע קאַטוילקען, ווי לאַמענע, וועלכער האָט אין אַ שפּעט־טערדיגער פעריאָדע אָנגענומען פאַר אמת די אַלע רייד וועגען פרייהייט און האָט געפּרואווט האַנדלען לויט אָט דער השערה, — אַזעלכע ווי לאַמענע האָבען באַלד ענטדעקט, וויפיעל אמת עס איז געווען אין זיי. אָבער אפילו נאָכדעם ווי לאַמענע איז ארונטער־געזעצט געוואָרען דורך דער פּאַפּסטליכער בולע פון 1832, האָט זיין תלמיד מאָנטלאַנבער, וועלכער האָט עפּענטליך זיך אָפּגעזאָגט געהאַט פון זיין רבינ'ס טעאָריען און איז געוואָרען דער פייעריג־סטער פאַרטיידיגער פון דער קירך ארום מיטען פון 19טען יאָהר־הונדערט, האָט ער נאָך אַלץ געהאַט די ערלויבניש פון רוים צו פּרעדיגען ל י ב ע ר א ל ע ן קאַטוילציזם. ערשט אין יאָהר

1873, ווען פון אַזאַ קאַטוילּיציזם האָט מען שוין קיין שום נוצען ניט געקענט ציהען, איז אויפ'ן רעליגיעזען ליבעראַליזם אַרייפגע־לעגט געוואָרען דער פּאַפּסטליכער חרם אין איינער פון די ניט־טיגסטע בולעס, וואָס די געשיכטע ווייס נאָר. זעהר ווענינ פון די, וואָס האָבען די בולע געלעזען אין די צייטונגען, האָבען פאַר־שטאַנען איהר פולען מיין.

די גוואַלט־געשרייען אין נאָמען פון פרייהייט האָבען געוואָר־נען פאַר דער קירך אַ סך אונטערשטיצער; צו די מענשען פון פּרינציפּ, וועלכע אין דער געביטענער שטימונג אונטער דעם קאָנ־סולאַט זיינען באאיינפלוסט געוואָרען פון די דאָזיגע געשרייען און וועמעס סימפּאַטיע צו דער קירך איז שפּעטער נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרען דורך די גראָבקייטען, וואָס דער פּאַפּסט איז זיך אויס־געשטאַנען פון דער אימפּעריע — צו די מענשען פון פּרינציפּ זיינען נאָך דער רעסטאַווראַציע פון די בורבאָנען צוגעקומען יענע פּיעלע, וועמעס רעליגיע איז אַלעמאָל די רעליגיע פון זייערע הארען, יענע וועלכע האַלטען ביי האָלבערג'ס פוקסען־מאָראַל: „זאָלסט קיינמאָל קיין ספקות ניט האָבען אין רעליגיעזע פראַגען; פאָלג בלינד דער הערשענדער אמונה!"

דאָך, אַרום 1800, האָט אין פראַנקרייך געהערשט פאָל־שטענדיגע רעליגיעזע פרייהייט, גאַראַנטירט פון געזעץ, הגם ווען ניט ווען פלעגט מען נאָך הערען וועגען אַ רעוואָלוציאָנערען אויס־ברוך געגען דער קירך. נאָך די פאַרפאָלגונגען פון די גלחים אונ־טער דעם קאָנווענט און נאָך דער אומפּאָלקאָמענער טאָלעראַנץ פון דער דירעקטאָריע האָט זיך איינגעשטעלט פאָלקאָמע לעגאַלע זיכער־קייט פאַר אַלע אמונות; די גלחים זיינען באַפרייט געוואָרען פון דער פאַרהאַסטער שבועה; אַנשטאָט דעם האָבען זיי געדאַרפט געבען אַן איינפאַכען פאַרשפּרעכען צו פאָלגען דעם געזעץ; יעדער גלח איז אויפגעהאַלטען געוואָרען דורך די פרייוויליגע ביישטייערען פון די גלויביגע. נאַטירליך, זיינען די ביישטייערען אָפט געווען קליין, און ניט איין קירכליכער שררה האָט געבענקט צוריק צו די פלייש־טעפּ פון די אַמאָליגע טעג, אָדער צו דעם בונד — ווי ראָבעס־פּיער האָט עס גערופען — צווישען סצעפּטער און פייערפאַן.

נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט פאַר זיך די ברירה: אָדער צו פילע־

ווען די פלאנע פון רעליגיעזער פרייהייט אָדער צו מאכען די רע־ליגיעזע טראדיציעס פאר זיינס א ווערקצייג. ער האָט פיעל ניט נעקלערט. די ווידעראויפריכטונג פון דער קירך איז געווען פאר איהם אַן אומבאדינגט נויטיגער רינג אין דער קייט פון זיין פאָ־ליטיק.*)

*) לאָראן, די געשיכטע פון מענשען־רעכט, באַנד 1—14; קארלעיל, די געשיכטע פון דער פראנ־צויזישער רעוואָלוציע, 1—3; לואי בלאַן, די גע־שיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע, 1—12; שאַטאָבריאַן, מעמואַרען פון קבר, 1, 2.

2

דער קאָנקאָרדאַט.

דעם פּאַפּסט'ס שליח צו באָנאַפּאַרט. — דער „שלום צווישען דער רעפּובליק און הימעל". — די פּייערליכע צערעמאָניעס ביי דער ווידעראויפריכטונג פון דער קירך. — נאַפּאָלעאָן'ס באפעהל צו רעצענזירען שאַטאָבריאַן'ס „דער זשעני פון קריסטענטום". — די אַרמעע פאַרבלייבט טריי צו די גרונד־אידעען פון דער רעוואָלוציע; קעמפּט געגען קאָנקאָרדאַט. — דעם פּאַפּסט'ס באזוך אין פּאַריז. — די עקאָנאָמישע לאַגע פון פראַנקרייך צום סוף פון 18טען יאָהרהונדערט; איהר אינטערנאַציאָנאלע פּאָזיציע. — נאַפּאָלעאָן'ס רעליגיעזע אנשויאונגען. — וואָס האָט געטריבען באָנאַפּארט'ן צו פּאַראייניגען זיך מיט דער קירך?

איין נאַכט אין חודש אָקטאָבער פון יאָהר 1801, זיינען די טוירען פון פּאַריז געהיים געעפענט געוואָרען אום אריינצולאָזען א פארמאַכטע קארעט אונטער א מיליטערישער באַגלייטונג. וואָס איז באהאַלטען געווען אין דער קארעט? א פארברעכער? קאָנטראַבאַנדע? דאָרט איז געזעסען אַן אַלטער גלח, קאַפּראַרא ביים נאָמען, דעם פּאַפּסט'ס שליח צו גענעראַל באָנאַפּארט: און דער קאָנטראַבאַנד־אַרטיקעל, וואָס איז אריינגעשמוגעלט געוואָרען אין פּאַריז אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, איז געווען דער קאָנקאָרדאַט, אַן אָפּמאַך מיט רוים, וואָס האָט צוריק איינגעפיהרט די קריסטליכע רעליגיע אין פראַנקרייך. עס איז באַטראַכט געוואָרען פאַר ריזיקאַליש צו לאָזען א גלח אריינקומען מיט אַזאַ שליחות ביים העלען שיין פון טאָג; און דער ערשטער קאָנסול, מיט זיין געוועהנליכער פאָרזיכטיגקייט און שאַרפזין, האָט אַראַנזשירט, ער זאָל אָנקומען ביי נאַכט. ניט פאַר געוואַלט־אַקטען האָט מען מורא געהאַט, נור פאַר חוזק. „זיי האָבען ניט געוואַגט — שרייבט טהיער — צו שטעלען די לוסטיגע פּאַריזער באַפעלקערונג פאַר אַזאַ נסיון". *)

---

*) טהיער, „די געשיכטע פון קאָנסולאַט און דער אימפּעריע", 3, 211, 342.

די זעלביגע שווערינקייט איז געווען אין וועג אין אפּריל, 1802, ווען נאָך צאָהלרייכע פארזוכען צו קומען צו א פארשטענדיגונג, וואס וויפיעל מאָל האָט זיך געדוכט, אז אָט־אָט ווערען די פארהאנדלונגען אָפּגעבראָכען, איז ענדליך געבראַכט געוואָרען אזוי ווייט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט צוגעשטימט צו געבען דעם קארדינאַל־לעגאַט אַן אָפּיציעלען עמפּאַנג. דער קירכליכער עטיקעט האָט פאָרגעשריבען, אַז ביי אַזאַ געלעגענהייט דאַרף אַ גאָלדענער צלם געטראָגען ווערען אין פראָנט פון פּאַפּסט'ס לעגאַט, און דער קארדינאַל איז באַשטאַנען דוקא דאַרויף, אַז אויף זיין וועג צום אָפּיציעלען עמפּאַנג אין טיולערי־פּאַלאַץ זאָל דער צלם געטראָגען ווערען פון אַן אָפּיציער אין פולער רויטער פאָרמע, אויף אַ פערד. אויך דאַמאָלסט — דערצעהלט אונז טהיער — האָט די רעגיערונג מורא געהאַט פאר דעם עפּעקט, וואָס אַזאַ ספּעקטאַקעל וועט מאַכען אויף דער באַפּעלקערונג פון פּאַריז. און מען האָט זיך געאייניגט אויף אַ קאָמפּראָמיס; דער לעגאַט האָט איינגעוויליגט, אַז מען זאָל טאָן מיט'ן צלם דאָס זעלביגע, וואס מען האָט געטאָן מיט'ן קארדינאַל גופא מיט זעקס חדשים צוריק, נעמליך: מען זאָל דעם צלם פיהרען אין אַ פארמאַכטער קאַרעט.

צולעצט, אַ וואָך שפּעטער, אין דעם זונטאַג פון פסח, דעם 18טען אַפּריל, 1802 (דעם 28טען „זשערמינאַל" פון יאָהר 10), איז אַ קאַפּיע פון קאָנקאָרדאַט אויסגעקלעפּט געוואָרען פארטאָג אין אַלע גאַסען פון פּאַריז. דער ערשטער קאָנסול, אונטערשרייבענדיג לכבוד דעם יום־טוב דעם פריעדען פון אַמיען, איז אָפּגעפאָהרען צו „נאָטר־דאַם" צו הערען דעם פייערליכען „טע־דעאום" — אַ דאַנק און לויבגעזאַנג צום אויבערשטען פאר דער ווידעראויפריכטונג פון קריסטליכען גאָטעס־דיענסט אָדער, צו באַנוצען דעם אָפּיציעלען אויסדרוק, פאר דעם געשלאָסענעם שלום צווישען דער רעפּובליק און דעם הימעל. פּראָגראַמען פון די צערעמאָניען זיינען פארטיילט געוואָרען. דער ערשטער קאָנסול איז באַגלייט געווען פון אַ צאָהלרייכער סוויטע פון פּראָמינענצען. ער האָט פערזענליך געגעבען שטרענגע אָנצוהערענישען צו די הויך־געשטעלטע פּרויען, אַז ער ערוואַרט פון זיי, זיי זאָלען ערשיינען אין פולען פוץ און גלאַנץ. זיי האָבען באַגלייט מאַדאַם באָנאַפּאַרט; ער

אליין איז ארומגערינגעלט געווען פון זיין שטאב, פון אלע זיינע גענעראלען און פון די וויכטיגסטע ציווילע באאמטע. די עקי־פאזשען, וואָס האָבן באלאנגט צום אלטען הויף, זיינען ווידער באנוצט געוואָרען ביי דער געלעגענהייט. באָנאפּארט איז געפאָה־רען צו דער קירך אין דער אלטער קעניגליכער פּאראד־קארעט, מיט דער גאנצער קעניגליכער פּאָמפּע. ארטילעריע־זאלווען האָבען אָנ־געזאָגט דער וועלט וועגען אָט דעם תחית המתים פון דער קירך און וועגען אָט דעם ערשטען פּארזוך פון דאָס ניי אויפצולעבען די קעניגליכע פּראכט. איבער דעם גאנצען וועג פון דער פּראָצעסיע פון טיולערי ביז נאָטר־דאַם איז אויסגעשטעלט געווארען אלס וואך דער ערשטער ארמעע־קאָרפּוס. דער ערץ־בישאָף פון פּאריז האָט עמפּאנגען דעם ערשטען קאָנסול ביים ארייגאנג מיט דעם הייליגען וואסער, און אונטער א באלדאכין איז ער אפּגעפיהרט גע־וואָרען צום פּלאץ, וואָס איז פאר איהם רעזערווירט געווען. דער סענאט, די געזעצגעבענדע פארזאמלונג, די טריבונע האָבען זיך אויסגעזעצט פוןביידע זייטען פון אלטאר. די קירך איז פול גע־ווארען פון מיניסטאָרען, שימערירענדע קליידער און ליווערען. די ליווערען, וואָס זיינען פארשוואונדען געווארען פאר דער צייט פון דער רעוואָלוציע, האָבען זיך ווידער באוויזען, צוזאמען מיט די פּריסטערליכע מאנטלען. הינטער דעם ערשטען קאָנסול זיינען געשטאנען זיינע גענעראלען אין פּאראד־פּאָרמעס, אָבער „גיכער געהאָרכזאם, ווי איבערצייגט", ווי טהיער דריקט זיך אויס. זיי האָבען זיך געגעבען מיה צו ווייזען, אז אזוי איז טאקי דער פאל, אז זיי זיינען דאָ געגען זייער ווילען און אז די גאנצע צערעמאָניע איז אין זייערע אויגען א נארישער פארס. זייער האלטונג איז כאראקטעריזירט געווארען פון די יעניגע, וואָס זיינען געווען אנ־דערש געשטימט, אלס „אומאנשטענדיג". גאנץ פארשיעדען אבער האָט זיך געהאלטען דער ערשטער קאָנסול אין זיין רויטער קאָנסול־יוניפאָרם. ער איז געשטאנען אומבאוועגליך, מיט א שטרענ־גען פארשלאָסענעם געזיכט, ערנסט און קאלט. ער האָט ניט ארויס־געוויזען די גלייכגילטיגקייט פון א געצוואונגענעם צושויער, אָבער אויך ניט די פרומע כונה פון א גלויביגען. אויפ'ן הענטעל פון זיין שווערד האָט געבלישצעט דער באריהמטער רעגענט־דימענט,

וואָס ער האָט ספּעציעל געלאָזט אַריינזעצען פאַר דער געלעגענ־הייט, אַלס צייכען, אַז די סימבאָלען פון מאַיעסטעט, וואָס האָבען פריהער באַלאַנגט צו דער קרוין, באַלאַנגען איצט צום שווערד. זיין באַנעהמונג האָט געוויזען גענוג דייטליך, אַז זיין אַקט איז ניט אַן אַקט פון גלויבען, נאָר פון ווילען, און אַז ער איז אַנטשלאָסען זיין ווילען זאָל באַשטעהן.

אין פריהמאָרגען פון זעלביגען טאָג, ווען דער באַריהמטער „טע־דעאום" איז געזונגען געוואָרען, איז אין רעגירונגס־אָרגאַן, „לע מאָניטער", אויפ'ן אויסדריקליכען באַפעהל פון באָנאַפּאַרט, ערשינען אַן איבערזיכט איבער אַ בוך, וואָס זיין צווייטע אויפ־לאַגע איז געווידמעט געוועזען צו איהם, באָנאַפּאַרט'ען, אַלס דעם ווידעראויפריכטער פון דער קירך. דאָס איז געווען שאַטאָבריאַנ'ס „דער זשעני פון קריסטענטום". די איבערזיכט איז געשריבען גע־וואָרען פון פאָנטאַן; זי איז מיט דריי טעג פריהער אָפּגעדרוקט געווען אין „מערקיור" און איז איצט איבערגעדרוקט געוואָרען נאָך אַמאָל אין אָפיציעלען אָרגאַן, אויף דער פאַראָרדנונג פון דער רעגירונג. „דער זשעני פון קירסטענטום" איז געווען פּונקט אַזאַ טייל פון פּראָגראַם פון דער פּייערונג, ווי די נידריג געבלייזטע קליידער פון די דאַמען און די מיליטערישע ליווערען. די רעלי־גיעזע רעאַקציע אין דער געזעלשאַפט און אין דער ליטעראַטור קען דאַטירט ווערען כמעט פון דערזעלביגער שעה, פון דערזעלביגער פּייערונג. אין אַ בריעף פון זשובער צו שאַטאָבריאַנ'ס פריינדין, מאַדאַם דע־באָמבאַנט, קומען מיר אויף די פאָלגענדע מערקוויר־דיגע ווערטער: „אונזער פריינד איז באַשאַפען געוואָרען און געבראַכט געוואָרען אויף דער וועלט ספּעציעל פאַר דער געלע־גענהייט".

די אַראַנזשירונג און די דורכפיהרונג פון דעם דאָזיגען רעליגיעזען יום־טוב האָבען געקאָסט באָנאַפּאַרט'ען אָהן אַ שיעור אומאַנגענעהמליכקייטען. עס האָט ניט געהאָלפען וואָס אויף־יעדען גאַסען־ווינקעל האָבען די פּאַריזער געלייענט, אַז „דער ביי־שפּיעל פון די יאָהרהונדערטע, ווי אויך די מענשליכע פאַרנונפט דיקטירען זיי צו אַפּעלירען צום פּאַפּסט־סואָווערען, ער זאָל זעהן צו מאַכען שלום צווישען די מיינונגען און די מנהגים". און עס האָט

ניט געהאלפען וואס די שטאדט איז אילומינירט געוועז און א פייערליכער קאנצערט איז געגעבען געווארען אין טיולערי־פאלאץ לכבוד דעם יום טוב. ארויסגערופען האט א געפיהל פון אומ־צופרידענהייט, און אומצופרידענהייט פונקט אזוי גרויס, ווי די פרייד, וואס דער יום־טוב לכבוד דעם אלערהעכסטען וועזען האט ארויסגערופען.

ווען, קומענדיג צוריק פון נאטר־דאם, האט באנאפארט זיך געווענדעט אין טיולערי צו איינעם פון זיינע אפיציערען, גענעראל דעלמא, און איהם געפרעגט זיין מיינונג וועגען דער גרויסארטי־גער צערעמאניע, האט יענער געענטפערט: „עס איז געוועזן אן אויסגעצייכענטער קאפוצינען־מאסקאראד; איין זאך האט נאר געפעהלט — דער מיליאן מענשען, וואס האבען אוועקגעגעבען זייערע לעבענס צו צושטערען דאס, וואס איהר בויט צוריק אויף". און אין די ווערטער האט דעלמא אויסגעדריקט די אלגעמיינע שטי־מונג פון נאפאלעאנ'ס אפיציערען. נאך אין נאוועמבער, 1801, האט די ארמעע גאנץ דייטליך געגעבען צו פיהלען, ווי עס ערגערט איהר דער געדאנק וועגען שלום מיט דער קירך; באנאפארט'ס אינטימסטע פריינד, ווי לאן און אגערא, האבען קיין סוד ניט גע־מאכט דערפון, אז עס שוידערט זיי איינפאך פון דער פערספעק־טיווע צו ווייזען זיך אין קירך אין זייערע יוניפארמען; און צווי־שען די סאלדאטען איז ארומגעגאנגען א ווערטעל, אז די פראנ־צויזישע פאהן האט קיינמאל ניט געוואונען אזוי פיעל לארבערן, ווי איצט, ווען אויף איהר רוהט מעהר ניט די „ברכה" פון דער קירך. ווען די גענעראלען האבען באקומען א דירעקטען באפעהל צו ערשיינען אין נאטר־דאם, האבען זיי געשיקט אגערא'ן מיט א שליחות אין טיולערי ער זאל אפבעטען די גזירה. ווי באוואוסט, האט ער גארנישט געפועלט.

די ארמעע איז געוועזן יענער געזעלשאפטליכער עלעמענט, וואס איז פארבליבען אם טרייסטען צו די גרונד־אידעען פון דער רע־וואלוציע. ווען די ראיאליסטישע רעאקציע, אונטער דער דירעק־טאריע, האט שוין געהאלטען אט־אט ביים זיעג, איז פון דעם גאנצען פארזוך געווארען, ווייל די רעפובליקאנישע רע־גירונג ווי שוואך און צעטיילט זי איז ניט געווען, האט זיך געקענט

שטיצען אויף דער ארמעע. ווייל אין דער ארמעע איז דער רייַנער רעפּובליקאַנישער פּרינציפּ פון גלייכהייט דורכגעפיהרט געוואָרען אזוי גרינדליך, ווי ערגיץ ניט. פאר דער רעוואָלוציע איז צווישען אָפיציער און סאָלדאַט געווען א תהום. דער אָפיציער איז פון אָנפאנג געווען דער פעאָדאַלער באראָן, דערנאָך דער לאנד־אייגענ־טימער, צולעצט דער אדעליגער; און קיין איינפאַכער סאָלדאט, ווי ער זאָל זיך ניט אויסצייכנען, האָט ניט געקענט דורכברעכען זיך א וועג צו דער העכערער קאַסטע. אין פאַרלויף פון דער רע־וואָלוציע האָבען די פארהעלטניסען אין גאנצען זיך איבערגעקערט. ערשטענס, זיינען צווישען די מאַסען, וואָס האָבען וואלאָנטירט אלס איינפאַכע סאָלדאטען, געווען א סך אדעליגע; צווייטענס, איז פון אדעל אַוועקגענומען געוואָרען די פּריווילעגיע צו קאָמאַנ־דעווען מיט דער ארמעע; די אפיצירען זיינען אויסגעקליבען געוואָרען פון די רייהען גופא. נאָך מעהר: די לאַסטען און שעוועריגקייטען, וואָס די און יענע האָבען געטיילט דורך די מלחמות פון דער רעפּובליק, האָבען געמאכט פון די אָפיציערען און סאָלדאַטען גלייכע חברים. טראָץ דער ארמעע־דיסציפּלין, האָט דער סאלדאט זיך געפיהלט אלס דער וואפען־ברודער פון אָפיציער, וועמעס גלייכען ער קען ווערען אין א שעהנעם טאָג דורך זיין קוראזש און דעם שפּיעל פון צופאל אויפ'ן שלאַכטפעלד.

אן אומקעהר צו א מאָנאַרכיסטישער רעגירונגס פאָרם וואָלט גלייך געגעבען א טויט־קלאפּ צו אָט דער נייער קאָנסטיטוציע פון דער ארמעע; און יעדען סימן פון פריינדליכקייט צו דער קירך האָט זי באַטראַכט אלס אנווייזונג אדער פאָרשפּיעל צו אזא אומקעהר. דערפאַר האָט די אַרמעע נאָך אַלץ גערעדט די אַלטע רעוואָלוציאָנערע שפּראַך — איז גלייך פיינדליך געווען צו קע־ניגע, אדעליגע און גלחים. זי האָט שטענדיג געלעבט אין מורא פאר א רעסטאווראציע פון קעניגטום און קאַטוילציזם, האָט גע־טרויט באָנאַפּאַרט'ען אלס דעם מאַן, וואָס וועט דערצו ניט דער־לאָזען, און איז געווען גרייט, אין פאַל פון פאַרראט פון זיין זייט — צו אַפּעלירען צו אן אנדער יאַקאָבינישען גענעראל — זשורדאן, בערנאַדאָט אדער אָנערא — דורכצופיהרען א קאָנטר־רע־וואָלוציע.

אזוי פארביטערט איז די ארמעע געווען געגען דער קאטוי־לישער גייסטליכקייט צום מאָמענט, ווען דער קאנקארדאט איז אונטערגעשריבען געווארען, אז ארמעע־פארשטעהער האָבען אפגע־האלטען א רייה געהיינע פארזאמלונגען און האָבען אָרגאניזירט א פארשווערונג מיט דעם צוועק צו אנולירען דעם אפמאך מיט דער קירך. פיעלע הויך־געשטעלטע אָפיציערען, אפילו פראָמינענטע גענעראלען זיינען פארמישט געווען אין דער אפערע. מארא איז געווען אין קאָמוניקאציע מיט די פארשווערער, הגם ער האָט קיינמאָל ניט בייגעוואוינט זייערע פארזאמלונגען. אויף איינער פון דיזע פארזאמלונגען זיינען זיי געגאנגען אזוי ווייט, ביז צו באשלי־סען דעם טויט פון ערשטען קאנסול. א געוויסער דאָנאַדיע האָט זיך אָנגענומען דורכצופיהרען דעם אקט, אָבער גענעראל אודינאָ, וועלכער איז אויך יענער זיצונג געווען, האָט געלאָזט וויסען דאוואו, וואָס דאָ געהט אָן, און דאנאדיע איז ארעסטירט געוואָ־רען און האָט זיך אין אַלץ מודה געווען. די קאָנספיראטאָרם זיי־נען צעשטרייט געווארען; א טייל ארעסטירט, א טייל פארשיקט, צווישען די לעצטע אויך גענעראל מאָניע, דערזעלביגער, וועלכער האָט קאָמאנדירט איינע פון ד'עסע'ם בריגאדעס ביי מארענגא.*)

דאָס אלץ גיט א גענוג קלאָרען באגריף וועגען דעם צו־שטאנד פון די געמיטער אין דער ארמעע. אויך די ציווילע באַ־אַמטע זיינען געווען פונקט אזוי געשטימט. דער פּלאן פון קאָנ־קארדאט האָט באגעגנט אן איינשטימיגע אָפּאָזיציע. טאַלייראַן, אָלס אויסערן־מיניסטער, האָט ניט אויפגעהערט צו ראטען געגען דעם. דער קאָנקארדאט איז געווען א קלאפּ פאר איהם פּערזענ־ליך, אָלס געוועזענעם בישאָף; א חוץ דעם האָט ער מיט זיין פּאָליטישען קלאָרען בליק פאָראויסגעזעהן זיינע שווערע קאָנ־זעקווענצען פאר פראנקרייך. דער שטאַאטס־ראט האָט אויפגע־נומען דעם ערשטען קאָנסול'ס מעלדונג, אז ער האָט אונטערגע־שריבען דעם אָפּמאך, מיט קאַלטען שווייגען, און אין דער קער־פּערשאפט האָט באַנאַפּארט דאָך געהאט זיינע איבערגעבענסטע אנ־

---

*) לאָרענץ פאָן שטיין, „די געשיכטע פון דער סאָציאלער באוועגונג אין פראַנקרייך", 1, 230.

הענגער. אפילו טהיער, וועמעס התפעלות פאר נאפאלעאנ'ען מאכט איהם צו פארשווייגען פיעל זאכען אין דעם עפיזאד פון קאנקאר־דאט, טהיער שרייבט אויך: „די מיטגלידער זיינען געזעסען פינ־סטער און שטום, ווי דער גרעסטע אויפטו פון דער רעוואלוציע וואלט געמאכט געווארען צו גארנישט פאר זייערע אויגען. דער אייז־קאלטער שוויגען איז גיט געבראכען געווארען. זיי זיינען זיך צוגאנגען, צוריקהאלטענדיג זיך פון יעדער מיינונג, אהן א ווארט צו זאגען".

די מעלדונג האט געקראגען נאך אן ערגערע אויפנאהם אין דער געזעצגעבענדער פארזאמלונג. די קערפערשאפט האט אויס־געדריקט איהר פראטעסט געגען דער ווידעראויפשטעלונג פון דער קירך דורך ערוועהלען אלס איהר פרעזידענט דופואי, דעם פאר־פאסער פון דער „אפשאפונג פון די קולטען", א באקאנט בוך צו יענער צייט, וואס ערקלערט דאס קריסטענטום אלס אן אסטרא־נאמישען מיטהוס. (מאנא'ס באריהמטער פאמפלעט געגען נא־פאלעאנ'ען, אלס דעם העלד פון א זון־מיטהוס, איז א פאראדיע נאך יענעם ווערק).

באנאפארט, הגם ער האט שוין געפיהלט כמעט אומבאגרע־ניצטע מאכט אין זיינע הענט, האט פונדעסטוועגען ניט געוואגט פארצולעגען פאר דער געזעצגעבענדער פארזאמלונג דעם קאנ־קארדאט, ווי ער שטעהט און געהט; גלייכצייטיג האט ער פארגעבראכט די אזוי גערופענע ארגאנישע געזעצען, וואס האבען געדארפט פארזיכערען פארהעלטנישמעסיגע אומאפהענ־גיגקייט פאר דער פראנצויזישער קירך. וויסענדיג, אז מעהר פון אלץ שרעקען זיי זיך פאר דעם פאפסטליכען איינפלוס, האט ער געהאפט אויף דעם וועג איינצוקריגען זייערע שטימען. אבער ערשט ווען די ענערגישסטע מיטגליעדער זיינען ארויסגע־שטויסען געווארען, האט די פארזאמלונג סאנקציאנירט דעם קאנ־קארדאט.

אין דער טריבונע ווידער איז געקומען צו אן אפענעם בונט, און ניט ווייניגער ווי א נייער ברוך אין דער קאנסטיטוציע — די רעדוצירונג פון דער צאהל מיטגלידער פון יענער קערפער־שאפט ביז 80 — איז נויטיג געווען אום בייצוקומען איהר אפא־

זיציע. בלויז דריי גרופען האָט דער קאָנקאָרדאַט צופרידענגעשטעלט, ווייל זיי האָבען געהאַט פון איהם אוממיטעלבאַרען נוצען. דאָס זיינען געווען: 1) די גייסטליכע, אויסער די יעניגע, וועלכע האָבען געשוואָרען טרייהייט צו דער רעפּובליקאַנישער קאָנסטיטוציע און וועלכע האָבען איצט געמוזט ענטזאַגט ווערען; 2) די צאָהלרייכע באַזיצער פון קירכען־אייגענטום, וועלכע האָבען ביז איצט זיך געפיהלט אומזיכער, און וואָס זייער אייגענטומס רעכט איז איצט באַשטעטיגט געוואָרען; 3) די גרויסע, אומוויסענדע פויערים מאַסע, וואָס האָט ניט געקענט ניט לעזען און ניט שרייבען און האָט געבענקט נאָך איהר זונטאָג און נאָך די קירכען־פּראָצעסיעם.

אפילו אין דעם קרייז פון דעם ערשטען קאָנסול'ס אינטימסטע ראַטגעבער איז איין פאַרזוך נאָך דעם אַנדערען געמאַכט געוואָרען אָפּצורעדען איהם פון זיין באַשלוס. באָנאַפּאַרט האָט צוגעצווינגען צו זיך אַלס מיטהעלפער די סאַמע פּראָמינענטסטע מענער פון זיין צייט, פּראָמינענט צוליעב זייערע גרויסע אָדער זעלטענע פעהיגקייטען, און דוקא אין זיי איז שטאַרק געווען דער גייסט פון 18טען יאָהרהונדערט. זיי האָבען באַלאַנגט צום קלאַס „מעסיגע רעוואָלוציאָנערען", און זיינען אַלע געווען שילער פון וואָלטער. אַזעלכע מענער ווי דער באַריהמטער אַסטראָנאָם לאַפּלאַס, ווי די מאַטעמאַטיקער לאַגראַנזש און מאַנזש, האָבען טאָגטעגליך גערעדט צו איהם און אַריינגעטענה'עט, אַז ער וועט באַדעקען מיט שאַנד זיין רעגירונג און זיין דור, און אַז ער האַלט שוין ניט ווייט דערפון. זיינע אַלטע וואַפען־ברידער, דערצעהלט טהיער, הגם זיי האָבען געוואוסט, ווי די נאַציאָן שעצט און פאַרעהרט זיי, האָבען זיך געשראָקען פאַר דעם געלעכטער, וואָס ערוואַרט זיי, ווען מען וועט זיי דערזעהן קניהענדיג פאַר'ן אַלטאַר. אפילו זיינע אייגענע ברידער, וועלכע האָבען זיך גע'חבר'ט מיט די טאַלאַנטפולסטע שרייבער פון דאַמאָלסדיגער פראַנקרייך, זיינען צוגעשטאַנען צו איהם מיט בקשות, ער זאָל ניט ריזיקירען מיט דער ריזיגער מאַכט, וואָס ער האָט זיך ערוואָרבען דורך אַ טאַט, וואָס איז אין אַזאַ שרייענדען ווידערשפּרוך מיט דעם גייסט פון דער צייט.

און אזעלכע שטאַרקע אויסדרוקען, ווי די אויבען־ציטירטע ווערטער פון מאַדאַם ראָלאַנד, ווייזען אויך, ווי זיכער די מענשען זיינען געווען, אַז דאָס קריסטענטום דאַרף שוין באַטראַכט ווערען אַלס טויט.

אָבער עס איז ניט געווען אַ רעליגיעזע איבערצייגונג, וואָס האָט געטריבען אַזאַ מאַן, ווי באָנאַפּאַרט, מיט אַזאַ גרויסען פאַר־שטאַנד, צו האַנדלען אין אָפּאָזיציע צו דער גאַנצער דענקענדער פראַנקרייך, ניט רעכענענדיג זיך מיט קיינע טענות און בקשות. פיעלע פון זיינע ארויסזאַגונגען באַווייזען, אַז ער האָט אַליין גע־טיילט די מיינונגען פון זיינע געגנער, אַז ער איז אַליין געווען אַ פאַרעהרער פון דעם אַזוי־גערופענעם אויפגעקלערטען דעאיזם פון 18טען יאָהרהונדערט. מען ציטירט אפילו געוויסע רייד זיינע, פון אַ געשפּרעך מיט מאַנזש, פאַר אַ ראיה, אַז ער איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישער גלויביגער. „מיין רעליגיע איז זעהר אַן איינפאַכע — האָט ער ערקלערט — איך זעה אָט דעם גרויסען, קאָמפּלי־צירטען, הערליכען אוניווערז און זאָג צו זיך, אַז דאָס אַלץ האָט ניט געקענט באַשאַפען ווערען דורך אַ צופאַל, נאָר עס מוז זיין דאָס ווערק פון אַן אומבאַוואוסטען אַלמעכטיגען וועזען, וואָס אי־בערשטייגט דעם מענשען פונקט אַזוי, ווי דער אוניווערז—אונזערע קונציגסטע מאַשינען". אָבער וואָלט וואָלטער פונקט אַזוי זיך ניט אויסגעדריקט? און באָנאַפּאַרט זאָגט ווייטער: „אָבער דער אמת איז צו קורץ, צו טרוקען פאַר'ן מענשען; ער וויל וויסען די אַלע סעקרעטען וועגען זיך און זיין צוקונפט, וואָס דער אוני־ווערז דערצעהלט איהם ניט. דאָ קומט די רעליגיע און דער־צעהלט יעדען באַזונדער, וואָס ער לעכצט צו וויסען. געווים, איין רעליגיע לייקענט, וואָס די אַנדערע באַהויפּטעט, אָבער איך דרינג ניט דערפון, ווי וואָלנעי, אַז אַלע רעליגיעס זיינען דערפאַר ווערטלאָז, פאַרקעהרט, אַז זיי זיינען אַלע גוטע". דאָס איז די שפּראַך פון לעסינג'ס נאַטהאַן. און כמעט אין טאָן מיט דעם איז אַנאַנדער באַהויפּטונג זיינע, אויך פון אַ געשפּרעך מיט מאַנזש: „אין עגיפּטען בין איך געווען אַ מאַחמעדאַנער, און איך מוז זיין אַ קאַטוילק אין פראַנקרייך. איך גלויב ניט אין רעליגיעס, איך גלויב אָבער אין דער אידעע פון אַ גאָט".

מיט איינינע יאָהר פריהער, אין א רעדע פאר דער דירעקטאָריע און אלע העכערע באאמטע (אין דעצעמבער, 1797) האָט ער פארדעכענט די צוגעבונדענקייט צו רעליגיע, צוזאמען מיט דער צוגעבונדענקייט צו מאָנארכיע און פעאָדאליזם, צווישען „די פאָראורטיילען, וואָס דאָס פראנצויזישע פאָלק מוז איבערקומען". אין עגיפּטען האָט ער מיט א לייכטען הארצען זיך פּראָקלאמירט פאר א „מוסולמאנער". אין זיין פּראָקלאמאציע צו דער אראבישער באפעלקערונג געפינט זיך אזא זאץ: „מיר אויך זיינען גוטע מוסולמאנער. האָבען מיר דען ניט געבראָכען די מאכט פון פּאפּסט, וועלכער האָט אָנגעשיקט אזוי פיעל מלחמות אויף די מוסולמאנער?" איצט נאטירליך האָט ער דעמזעלבינען פּאפּסט גערופען (אָפיציעל) „דער הייליגער פאָטער" און (פּריוואט) „דאָס גוטע לעמעלע"; פונדעסטוועגען, ווען די פארהאנדלונגען זיינען געשטערט געוואָרען דורך די אינטריגעס פון רוים, האָט ער געשריבען וועגען איהם אין זיינע בריעף: „דער אלטער פוקס" און די גלחים האָט ער אָנגערופען: „די אידיאָטישע פארטאטשעס".

זיין אויפפיהרען זיך טאקי בעת די זעלבינע פארהאנדלונגען מיט רוים זאָגט עדות, אז ער איז געווען פונקט אזוי אומאָרטאָדאָקסאליש, ווי פּאָליטיש כיטרע. קארדינאל קאנסאלווי, איידער ער האָט זיך אוועקגעלאָזען אין זיין רייזע קיין פּאריז אין 1801, איז געווען אומפאָרזיכטיג צו שרייבען אין א בריעף צו זיינעם א פריינד אין פּאריז, ווי אומהיימליך ער פיהלט זיך, אונטערנעהמענדיג אזא ריזיקע. ווי ער וואלט געדארפט אריינשטעקען דעם קאָפּ אין דעם שלונד פון א לייב. ער ווארפט זיך אין דעם קעסעלגרוב פון א רעוואָלוציע, וואָס האָט נאָך ניט לאנג צוריק געקאָכט מיט אזא שרעקליכער שנאה צו רעליגיע און גייסטליכע.

באָנאפּארט האָט געהאט א מין אָדין'ס ראָב, וואָס פלעגט איהם צוטראָגען אלע אזעלכע אינטימע הארץ־אויסגוסען. דער דאָזיגער ראָב איז געזעסען אויף דער פּאָסט, וואו דעם קארדינאל'ס בריעף איז געעפענט געוואָרען, און זיין בעל הבית האָט אויפ'ן סמך פון דער אינפאָרמאציע צוגעגרייט אזא אויפנאמע, וואָס האָט געדארפט מאכען אן איינדרוק אויף דעם מאן, צו וועמעס כאראקטער דער בריעף האָט געגעבען א שליסעל.

דער קאַרדינאַל איז אָנגעקומען אין פּאַריז שפּעט אין אָוונט, אָבער זיין אוידיענץ ביי באָנאַפּאַרט'ען איז שוין פון פאָראויס באַשטימט געווען אויפ'ן נעקסטען פריהמאָרגען, אַזוי אַז ער האָט קיין צייט ניט געהאַט ניט צו קומען צו זיך פון דער מידקייט פון דער רייזע און ניט זיך צו באַראַטען מיט'ן פּאַפּסט'ס פאָרשטעהער אין פּאַריז.

גאַנץ פריה האָט אַן עקיפּאַזש איהם אָװעקגענומען צו טיולערי און ער איז אריינגעפיהרט געוואָרען אין א קליין ליידיג צימערל, וואָס ער האָט אָנגענומען פאַר דעם פאָדערצימער פון ערשטען קאָנסול'ס אוידיענץ־זאַאַל. א קליינע ווײלע איז ער דאָרט גע־זעסען. א טירעלע האָט זיך געעפענט פאַר איהם און איהם דורכ־געלאָזען, און צו זיין איבערראַשונג האָט ער דערזעהן א זאַאַל, און נאָך א זאַאַל — א לאַנגע רייה בלישצענדע זאַאַלען, וואו אַלע גרויסע לייט פון דער רעגירונג, דער סענאַט, די געזעצגעבענ־דע פאַרזאַמלונג, די גענעראַלען און דער גאַנצער שטאַב זיינען פאַרזאַמעלט געווען. און אין הויף זיינען אויסגעשטעלט געווען רעגימענטען נאָך רעגימענטען, ווי פאַר אינספּעקציע. עס איז געווען, אַזוי האָט ער שפּעטער געשריבען, ווי ער וואָלט פּלוצלונג אריינגעפאַלען פון א כאַלופּקע אין א פּאַלאַץ. דער גאַנצער בלענ־דענדער גלאַנץ און אַלע אימפּאָנירענדע צייכענס פון אויטאָרי־טעט, וואָס האָבען געדאַרפט דערהויבען אין זיינע אויגען דעם קאָנסול'ס ווירדע, זיינען דאָ אויסגעשטעלט געווען, און ווען דער קאַרדינאַל האָט ענדליך דערגרייכט דעם לעצטען זאַאַל, וואו די דריי קאָנסולען זיינען געזעסען, ארומגערינגעלט מיט א פּרעכטי־גער סוויטע, איז באָנאַפּאַרט איהם אַנטקעגען געקומען און א זאָג געטאָן שאַרף און באַפעהלענדיג: „איך וויים צוליעב וואָס איהר זייט געקומען, איהר האָט פינף טעג צייט צום פאַרהאַנדלען. ווען דער אָפּמאַך וועט ניט זיין אונטערגעשריבען ביז צו יענער צייט, וועט אַלץ זיין פאַרפאַלען".

קאָנסאַלווי איז אָהן ספק צוטומעלט געוואָרען פאַר א מאָ־מענט, אָבער איהם איז דאָך געלונגען צו געווינען צייט, און מיט דער דורכגעטריבענקייט און געשיקטקייט פון א רוימישען דיפּ־לאָמאַט האָט ער אַזוי פאַרפּלאָנטערט די פאַרהאַנדלונגען און נע־

שטעלט אזויפיעל שוועריגקייטען נאפאלעאנ'ען אין וועג, אז דער לעצטער, אויף איינער פון די שטורמישע אודיענצען, האט איינמאל אויסגעשריען מיט בייזער דראהענדיגער חוצפה:

„אויב העגרי דער אכטער, וועלכער האט ניט געהאט קיין צוואנציגסט חלק פון מיין מאכט, האט געקענט ענדערן די רעליגיע פון זיין לאנד, וועט פאר מיר עס זיין די גרינגסטע זאך צו טאן! איך וועל ענדערן די רעליגיע ניט נאר אין פראנקרייך אליין, נאר איבער גאנץ אייראפא. רוים וועט וויינען מיט בלוטיגע טרערען, אבער עס וועט זיין צו שפעט!"

מיט אזא פאראכטונג האט דער אויפריכטער פון דער רעליגיע גערעדט וועגען דער מאכט, וואס ער האט זיך געקליבען אויפריכטען.

עס דארף דארום גאר ניט איבערראשען, ווען מיט באנאפארט'ס רעסטאווראציע פון דער אלטער רעליגיע האט זיך ווידערהאלט דאס זעלביגע, וואס מיט 1500 יאהר פריהער ביי אן עהנליכען פארזוך פון יוליאן אפאסטאט: — יעדער שריט אויף צוריק צום קאטוליציזם איז באגלייט געווען מיט געלעכטער — אמאל אפענעם, אמאל באהאלטענעם, וואס האט נאך מעהר געשראקען. ווען באנאפארט האט אויף א זיצונג פון שטאאטסראט פארגעלייענט דעם ערשטען פאפסטליכען בריעף פון פיום דעם זיבעטען, אין וועלכען דער פאפסט האט אנגעוואונקען, אז ער וועט זיין „טייערען זוהן טאליראן ווידער נעהמען אונטער זיין חסד", האבען פון דער אודיענץ זיך דערטראגען קלאנגען פון האלב־פארשטיקטען געלעכטער. אפילו באנאפארט אליין האט ניט אלע מאל געקענט זיך צווינגען צו זיין ערנסט. ביי דעם פייערליכען אקט, ווען קארדינאל קאנסאלווי, אין זיין רוימישער פורפור מאנטיע, האט איהם פרעזענטירט מיט א קאפיע פון קאנקארדאט, האט דער ערשטער קאנסול ארויסגעפלאצט מיט אזא געלעכטער אז ער איז זיך פארגאנגען אזש אין קרעמפען — און דערמיט געבראכט די פארזאמלונג אין א פיינליכער פארלעגענהייט. מיט עטליכע יאהר שפעטער, ווען דער פאפסט האט איהם געזאלבט פאר קייזער, אין 1804, האט ער נאך אזוי ווייניג אפשיי געהאט פאר רעליגיעזע צערעמאניעס, אז ער, געוועהנליך אזא מייסטער

אויף קאָנטראַלירען זיך, האָט איינפאַך סקאַנדאַליזירט די צושויער מיט זיין אויפפיהרונג: ער האָט געהאַלטען אין איין גענעצען דורך דעם גאַנצען צערעמאָניאַל. אפילו אזא עכטער בורבאָן ווי קאַרל דער צעהנטער האָט געפונען פאַר אזא מאָמענט די נויטיגע ערנסטקייט, ווען זיין רייה איז געקומען אין 1825. יענער האָט אַנגעצויגען אויף זיך א טויט־ערנסטען שטייפען פּנים און אָהן א שפּור פון א שמייכעל האָט ער געלאָזט זיך אויסטאָן ביז דער טאַליע און זיך זאַלבען — אויפ'ן קאָפּ, אויף דער ברוסט, אויפ'ן רוקען, אויף די הענד.

אַלץ, וואָס האָט א שייכות געהאַט צו דער צוריק־אויפשטעלונג פון דער פּריסטליכער אויטאָריטעט און צו דער ווידעראויפריכטונג פון קאַטוילישען גאָטעס־דיענסט, האָט אזוי מאָדנע ניט געשטימט מיט די מנהגים און אידעען, וואָס האָבען געהערשט אין פראַנקרייך זייט דער רעוואָלוציע, אז די, וואָס האָבען געזעהן די גלחים ווידער סאַרווערן, האָבען קוים געגלויבט זייערע אויגען; זיי האָבען ניט געקענט פּועל'ן ביי זיך צו נעהמען דאָס אַלץ ערנסט. פאַר א ראיה וועל איך ברייננען די ווערטער פון אזא עדות, ווי דע־פּראַדט, דער ערץ־בישאָף פון מאַלין. ער דערצעהלט: „ווען איין מענש נאָר וואָלט ניט אויסגעהאַלטען און זיך צולאַכט און דערמיט געגעבען דעם סיגנאַל, וואָלט גאַנץ פּאַריז זיך פארקייכט מיט א טייוועלשען געלעכטער. דאָס איז געווען די לויערנדע סכנה, דער שטאַרצענדער פּעלז: מיר האָבען יעדע רגע זיך געקענט אָנשטויסען אויף איהם און אַלץ וואָלט געגאַנגען געבראָכען. צום גליק, האָט פּושע, דער פּאָליציי־פּרעפעקט, אָנגענומען אַלע נויטיגע פאָרזיכטיגקייטס־מיטלען, און א דאַנק איהם האָט פּאַריז אָנגעהאַלטען א שטרענגע מינע.״ *)

דער פאַל, אויף וועלכען די ווערטער באַציהען זיך ספּעציעל, איז דעם פּאַפּסט'ס באַזוך אין פּאַריז. א פּאַפּסט אין פּאַריז! דאָס איז געווען א ריזיקאַלישער עקספּערימענט נאָך די אַלע געשעהענישען פון די לעצטע פופצעהן יאָהר, און מיט „א באַפעלקערונג וואָס איז אזוי לייכטזיניג און נאָך אזוי אָנגעשטעקט מיט פילאָ־

---

*) דע־פּראַדט, „די געשיכטע פון די פיער קאָנקאָרדאַטען״, 2—212.

זאַפּיע". כדי צו ווירקען אויפ'ן פּאַפּסט ער זאָל אויפגעבען די רייזע, האָבען זיינע ראַטגעבער אַלס לעצטען מיטעל אַוועקגעלעגט פאַר איהם די אויבען־ציטירטע עגיפּטישע פּראָקלאַמאַציע. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט צו מאַכען איהם ענדערן זיין באַשלוס.

דאָס באַגעגעניש פון די צוויי מאַכטהאָבער איז פאָרגעקומען אין פאָנטענבלאָ. די ערשטע באַגריסונגס־סצענע איז אריבער בשלום. מען האָט זיך געגענזייטיג מכבד געווען מיט קאָמפּלי־מענטען און פריינדליכקייטען. דערנאָך אזי מען צוזאַמען גע־פאָהרען צום פּאַלאַץ אין איין עקיפּאַזש. נאַפּאָלעאָנ'ס פּנים האָט געשטראַהלט מיט צופרידענהייט, און ווען ער האָט אונטער'ן אָרם אַרויפגעפיהרט דעם פּאַפּסט אויף די טרעפּען, האָט יעדער בליי־צענדער בליק זיינער ווי גערימהט זיך: „איהר זעהט מיין לוין? איך האָב איהם איצט". דורך אַ קאָמישען פאַרזעהן, איז די גרויסע פּראָצעסיע צו פּאַריז געפיהרט געוואָרען פון באַריטענע מאַמעלוקען. די בראָנזענע פּנים'ער פון אָט די מחמד'אנישע רייטער האָבען אַריבערגעטראָגען די פאַנטאַזיע פון צושויער קיין מעקאַ. עס האָט אויסגעזעהן גיכער אַ טריאומפאַלער איינטריט פון אַ מחמד'אנישען, איידער קריסטליכען כהן־גדול. אויפ'ן פּאַפּסט'ס פּנים האָט מען געקענט לייענען, ווי צעמישט, ווי צעטומעלט ער איז איבער דער ווילד־פרעמדער וועלט, אין וועלכער ער איז אריינ־געפאַלען. עס איז לייכט געווען צו מערקען, אַז זיינע פּיס, הגם געקושט פון טויזענדער, שטעלען זייערע טריט ניט מיט פולער זיכערהייט. זיין פּריעסטערליכע סוויטע, מיט דער שפּיעלענדיגער פּראַכט פון די בישאָפּשע בגדים, און דער מיליטערישער הויף, מיט דעם שפּיגעלדיגען גלאַנץ פון די קאָלירטע פּאַנצערן האָבען פאָר־געשטעלט מיט זיך אַזאַ משונה'דיגען קאָנטראַסט. עס האָט זיך געקענט דוכטען, דערצעהלט ערץ־בישאָף דע־פּראַדט, אַז מען איז פּלוצלונג אַריבערגעטראָגען קיין יאַפּאַן, פּונקט, ווען דער הימ־לישער מיקאַדאָ קומט מיט אַ וויזיט צו זיין ערדישען שטעל־פאָר־טרעטער.

כדי פּאָלשטענדיג צו פאַרשטעהן דעם ערשטען קאָנסול'ס טעמים, פאַרוואָס ער האָט אַזוי פעסט זיך געהאַלטען און אַזוי אָנט־

שלאָסען דורכגעפיהרט א פּראָיעקט, וואָס אויפ׳ן ערשטען בליק איז ער אזוי אומפּאַטראַטיש און אזוי אומפּאָליטיש, דארפען מיר די פראַגע באַטראַכטען פריהער פון אלץ פון א ריין עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט.

די רעוואָלוציע האָט אריינגעשליידערט פראַנקרייך אין אָפּגרונד פון דלות. די עקאָנאָמישע קראַפט פון לאַנד איז געווען געבראָכען. הונגער האָט געסטראַשעט דער באַפעלקערונג. אין מיטען פון די נײַנציגער יאָהרען איז מעהר ווי העלפט פון באָדען געבליבען אומבאַארבייט. די לענדער פון די עמיגראַנטען און פון דער קירך זיינען געלעגען אין נייע הענד, אָבער די נייע אייגענטימער, צו וועמען די רעגירונג האָט די לענדער פארקויפט, האָבען געצאָהלט מיט פּאַפּיער־געלד, און פּאַפּיער־געלד איז געווען ווערטלאָז. דער איינציגער וועג צו עקאָנאָמישער רעטונג איז געווען זיך א נעהם צו טאָן צו די נייע הילפּס־קוועלען פון רייכטום, וואָס זיינען פריי געוואָרען פאר׳ן געברויך דורך דער נייער פארטיילונג פון שטאַאַטס אייגענטום.

דאָס לאַנד, וואָס איז אוועקגענומען געווארען פון אַדעל און דער קירך, איז געבליבען אומקולטיווירט פאר א לאַנגע צייט, ווייל אזוי ווי די פּרוכט פון דער ערד פאָדערט צייט אויפצובליהען און פאַרטיג צו ווערען, האָט קיינער קיין חשק ניט געהאַט צו אַקערן און צו זעען אָהן דער זיכערהייט, אז דער באָדען וועט בלייבען אין זיין באַזיץ לאַנג גענוג אום צו קריגען דעם לוין פאר זיין ארבייט. אָבער אזא זיכערהייט איז אוממעגליך געווען אזוי לאַנג ווי די אַלטע אייגענטימער פון לאַנד האָבען זיך נאָך געפונען אין די גרענעצען פון פראַנקרייך און האָבען זיך נאָך ניט געהאַט אָפּגעזאָגט פון זייערע רעכט. ערשט זייער אויסראַטונג וואָלט געשאַפען א לאַגע, וואו די קולטיווירונג פון נייעם נאַציאָנאַלען אייגענטום זאָל זיך לוינען פון פּראַקטיש־געשעפטליכען שטאַנדפּונקט. און דאָס איז געווען די עובדא פון טעראָר־רעזשים: ער האָט זיי אויסגעראָט. דערפאַר איז טעראָר ניט נאָר געווען געדולדעט, נאָר ער איז אויך געווען געוואונשען. און ווען דער טעראָר־רעזשים האָט געהאַט ערפילט זיין טאָפּעלטע אויפגאַבע: געראַטעוועט די רעפּובליק און פארזיכערט די נייע פאַרטיילונג פון לאַנד־אייגענ־

טום, איז ער געשטירצט געוואָרען. וואָס די אייגענטימער האָבען איצט געפאָדערט נאָך דעם פאַל פון טעראָר־רעזשים, איז געווען פריהער פון אַלץ אַ רעגירונג, אונטער וועלכער זיי זאָלען קענען פארנוצען דאָס ניי־ערוואָרבענע לאַנד.

אין פראנקרייך זיינען ערשט געווען בלויז די עלעמענטען פון אַ מאָדערנעם סאָציאַלען אָרגאַניזם, פון נייע אייגענטומס פאַרהעלטניסען, פון אַ נייער געזעצגעבונג. אַלץ איז נאָך געווען אומפאַלקאָם, ניט פארענדיגט. די שטאַנדען זיינען געווען פארשוואונדען, אָבער די קלאַסען האָבען נאָך ניט עקזיסטירט. די נייע אָרדנונג איז נאָך ניט געוואָרען אַ טייל פון מאָראַלישען באוואוסטזיין — פון דער פאמיליע און פון יחיד. זיכערהייט, דויערהאפטיגקייט — אַט וואָס עס האָט נאָך געדאַרפט דערגרייכט ווערן.

און דאָס האָט ניט געקענט דערגרייכט ווערן דורך אַן אומקעהר צו מאָנאַרכיע, ווייל אין יענער פעריאָדע האָט מאָנאַרכיע נאָך געמיינט אַן אומקעהר צו דער אַלטער אָרדנונג, צו די אַלטע געזעצען, צו דער אַלטער פארטיילונג פון אייגענטום. באָנאַפּאַרט האָט געגעבען פראנקרייך די זיכערהייט, נאָך וועלכער זי האָט געלעכצט. און ער האָט נאָך געטאָן מעהר ווי דאָס: דורך זיינע נצחונות האָט ער פארשפּרייט די נייע פראנצויזישע אידעען און מנהגים דורך גאַנץ אייראָפּאַ.

דער שוואַכער פּונקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָזיציע פון פראנקרייך אין אָנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט, איז געווען — דער אַנטאַגאָניזם צווישען איהר אייגענער נייער סאָציאַלער אָרדנונג און דער אַלטער סאָציאַלער אָרדנונג, וואָס האָט נאָך געהערשט אין אַלע איבריגע לענדער. פאַר איהר אייגענער זיכערהייטסוועגען איז פאַר פראנקרייך נויטיג געווען איבערצובויען די סאָציאַלע אינסטיטוציעס פון יענע נאַציאָנען, וועלכע זי האָט באַזיעגט. באָנאַפּאַרט האָט דאָס פארשטאַנען, און ער האָט איינגעפיהרט די נייע אָרדנונג אומעטום, וואו זיין מאַכט און איינפלוס האָבען עס נור ערלויבט.

אָבער פון דער אַנדער זייט האָט ער געפונען פאַר נויטיג צו מאַכען הנחות, אמת׳ע אדער שיינבארע. אין אַזעלכע פראַגען, וואו ער האָט אויף קיין אַנדער וועג ניט געקענט ברייננגען צו אַן

אײנהײטליכקײט צװישען די פראַנצױזישע קאָנדיציעס און די קאָנדיציעס פון אײראָפּאַ. כדי צו באַפעסטיגען די נײע אָרדנונג, האָט ער געהאַלטען פאַר זײן פליכט, — װי ער האָט עס אָנגערופען, — *צו ברײנגען אין האַרמאָניע די אינסטיטוציעס פון פראַנקרײך און די אינסטיטוציעס פון אײראָפּאַ.* איהם האָט זיך געדוכט, אַז װען ער װעט אָנטאָן אַ קײזער־קרױן אױף זײן קאָפּ, װעלען די הערשער שלום מאַכען מיט דער פראַנצױזישער רעװאָליציע; ער האָט געגלױבט, אַז די באַשאַפונג פון אַ נײעם אַדעל װעט אײנשטעלען פרײנדליכע באַציהונגען צװישען די פרעמדע נאַציאָנען און דער פראַנצױזישער; און צוליעב דיזעלביגע טעמים האָט ער עס באַטראַכט פאַר גוטע פּאָליטיק צו געבען פראַנקרײך װידער אַ שטאַאַטס־קירך, װאָס זאָל האָבען אַ װעלכע עס איז עהנליכקײט צו די קירכען פון אַנדערע לענדער.

ער האָט אָנגעהױבען פון פונדאַמענט, דאָס הײסט, פון דער קירך. דער קאָנקאָרדאַט איז געשלאָסען געװאָרען אין יאָהר 1802. אין זעלביגען יאָהר האָט ער געגרינדעט דעם אָרדען פון עהרען־לעגיאָן. אַלס אױסצײכנונג פאַר מיליטערישע פאַרדיענסטען, האָט דער אָרדען צופרידענשטעלענד געדיענט זײן צװעק. אָבער ער האָט פאַרפעהלט אין זײן הױפּט־צװעק — די באַשאַפונג פון אַ נײער אַריסטאָקראַטיע. אין 1804 איז דער קײזער־רײך געגרינדעט געװאָרען. אין 1807 איז צוריק אײנגעפיהרט געװאָרען דאָס רעגולירענדע ירושה־רעכט אױף לאַנד־אײגענטום. אין 1808 איז באַשאַפען געװאָרען אַ פאָלשטענדיג נײע אַריסטאָקראַטיע.

אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געבראַכט צו אמת׳ער עהנליכקײט צװישען פראַנקרײך און דער איבריגער אײראָפּאַ. װעניג עהנליכקײט איז געװען צװישען נאַפּאָלעאָן, דעם ערװעהלטען אימפּעראַטאָר, און די קעניגע און קיסרים פון די אַלטע דינאַסטיען; און נאַפּאָלעאָנ׳ס אַריסטאָקראַטיע איז געװען אַן אַריסטאָקראַטיע אָהן פּריװילעגיעס, זײן קירך — אַ קירך אָהן פאָנדען. און הגם זײנע פאַרשיעדענע רעסטאַװראַטאָרישע פאַרזוכען האָבען אָפּגעפרעמדט פון איהם די בעסטע עלעמענטען פון דער פראַנצױזישער געזעלשאַפט, דאָך טאָר ניט געלײקענט װערען, אַז ער האָט מיט אַלע פאַר־

זוכען ארויסגעוויזען א געוויסע פּאָליטישע שארפזיניגקייט סיי אין אינערליכע און סיי אין אינטערנאַציאָנאַלע ענינים.

עס איז געווען געזונדע פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין דער אידעע פון קאָנקאָרדאט.

דער באזיץ פון אייגענטום, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרען ביי דער קירך און ביים אדעל, האָט געהאט אויף זיך א פלעק, וואָס האָט זיך ביז אהער ניט געלאָזט אָפּווישען. און עס האָט דארום ניט געהאט דעמזועלביגען מארק־ווערט ווי יעדער אנדער סאָרט אייגענטום. א גע'ירש'ענטער גוט און א רעגיערונגס גוט, אפילו ווען זיי האָבען געגעבען דעמזועלבען אייגקונפט, האָבען ניט געפונען קיין קויפער פאר דעמזועלביגען פּרייז; און א רעגיערונגס־גוט האָט געמוזט פארקויפט ווערען מיט 40 פּראָצענט בילינער. עס איז געווען נור איין וועג צו ענדערן די לאַגע, נעמליך — פועל'ן ביי די פריערינע באזיצער זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען פון אלע זייערע רעכט — זיך אָפּזאָגען קלאָר און דייטליך. אין די מעהרסטע פאלען, נאַטירליך, איז עס אוממעגליך געווען צו דערגרייכען. בלויז בנוגע צו קירכען־אייגענטום איז עס מעגליך געווען; ווייל די קירך האָט געהאט א הויפּט, וואָס זיינע באשלוסען זיינען געווען בינדיג פאר אלע גלויביגע.

דורך דעם קאָנקאָרדאט מיט'ן פּאפּסט איז באָנאפּארט'ען געלונגען צו געבען די קויפער פון קירכען־אייגענטום יענע זיכערהייט, אויף וועלכער זיי האָבען אזוי לאַנג אומזיסט געוואַרט. דער פּאפּסט האָט בפירוש ערקלערט, אז ניט ער און ניט זיינע נאָכפאָלגער וועלען ווען עס איז קומען מיט פּרעטענזיעס צו די נייע אייגענטימער פון די געוועזענע קירכען־לענדער—אזוי, אז עס איז מעהר ניט געווען ניט קיין ריזיקע און ניט קיין עבירה צו באזיצען זיי. פון זיין זייט, האָט דער שטאַאט פארזיכערט דער קירך א באַשטימטע הכנסה. די גייסטליכע פון אלע ראַנגען — בישאָפען, גלחים, — זאָלען באקומען א באלוינונג —א פארהעלטניסמעסיג קליינע יעהרליכע צאָהלונג אין געלד און קוואַרטיר. די קירכען, וואָס זיינען נאָך ניט פארקויפט געוואָרען, זאָלען צוריק אומגעקעהרט ווערן. וואָס שייך די קאָסטען פון גאָטעס־דיענסט, זאָלען די גייסטליכע אָנגעוויזען זיין אויף די געמיינדעס און דעפּארטאמענ־

טען (וואָס זיינען באַרעכטיגט געווען צו מאַכען אַ טאַקסע פאַר דעם צוועק) און אויף דער גוטהערציגקייט פון די גלויביגע.

עהנליכע אָפּמאַכען זיינען געשלאָסען געוואָרען בנוגע די קירכליכע בילדונגס־ און צדקה־אינסטיטוציעס, וואָס די רעוואָלוציע האָט באַ'גזל'ט.

דער שטאַאט האָט אוועקגענומען ביי דער קאַטוילישער קירך ניט ווייניגער פון 5,000 מיליאָן קאַפּיטאַל און 270 מיליאָן הכנסה; אנטקעגען, האָט דער שטאַאט צוגעזאָגט אַ יעהרליכע הכנסה פון זיעבצעהן מיליאָן. אויף אַזאַ אופן האָט דער שטאַאט אַ געמאַכט אַ גוט געשעפט, אַ באַרוהיגט סיי די באַזיצער פון קירכליכען אייגענטום און סיי די גרויסע מאַסע אָרטאָדאַקסישע קאַטויליקען.

דער קאָנקאָרדאַט האָט אוועקגעשטעלט די דריי הויפּט־רעליגיעס פון קריסטענטום און די אידישע רעליגיע אין איינע און דיזעלביגע פּאָזיציע: אַלע האָבען זיי געזאָלט שטעהן אונטער דעם שוץ פון שטאַאט און זייערע גייסטליכע אַנגעוויזען זיין אויפ'ן שטאַאט מיט זייערע איינקונפטען. נאַפּאָלעאָן האָט קענטיג איבערשעצט די מאַכט, וואָס די דאָזיגע איינריכטונג האָט איהם געזאָלט געבען איבער דער קאַטוילישער קירך, די איינציגע פון וועלכער עס איז באַדייטונג אין פראַנקרייך. ער האָט זיך טאַקי באַלד אָנגעשטויסען אויף אַ ווידערשטאַנד מצד דער קאַטוילישער קירך און ער פון זיין זייט האָט אַנגעווענדעט געוואַלט געגען איהר. ער האָט פּאַקטיש גענומען דעם פּאַפּסט אין געפאַנגענשאַפט. ער האָט אַליין געמאַכט צו גאַרנישט זיין קאָנקאָרדאַט.

אבער דער קאָנקאָרדאַט האָט געהאַט אַ געזונדען פּאָליטישען און טאַקטישען יסוד, און דאָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט איבערצולעבען דעם קריג, און אפילו דעם פאַל פון זיין באַשאַפער.

איצט בלייבט נאָר אַנצוצייגען וואָס פאַר אַ געוואַלדיגע ראָליע עס האָט געמוזט שפּיעלען באָנאַפּאַרט'ס פּערזענליכע אַמביציע אין דער געשיכטע מיט'ן קאָנקאָרדאַט.

מיט דער אויטאָריטעט פון דער קירך איז אויך געשטירצט געוואָרען די אויטאָריטעט פון דער מאָנאַרכיע. איז אַלזאָ נויטיג געווען צוריק אויפצושטעלען דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט. און דער גאַנצער עטיקעט פון דער אַלטער מאָנאַרכיע איז צוריק־

געקומען פון זיך אליין, ווען די רעליגיע איז ווידער געווארען א מאכט אין שטאאט. פאר געוויסע היסטאריקער איז נאפאלעאנ'ס גרעסטער און שווערסטער אויפטו געווען אט די צוריקברייננגונג צום לעבען פון דער אידעע פון אויטאריטעט, וואס די רעוואלוציע האט אזוי מיספארשטאנען און פארשפאט*).

עס איז א גאנץ ריכטיגע באהויפטונג, אז קיינער האט ניט פארמאגט אזא אינסטינקט, אזא איינגעבארענע פעהיגקייט צו הער־שאפט, און קיינער האט ניט געהערשט אזוי נאטירליך און דרייסט, ווי נאפאלעאן. אבער פון דעם מאמענט אן, ווען ער האט אויפגע־הערט זיך צו באנוגענען מיט דער ראלע פון א הערשער דורך דער קראפט פון זיין זשעניע און דער נייער סאציאלער ארדנונג, און ער האט פארטראכט צוריק אויפצושטעלען די אבסאלוטע מאנארכיע, האט ער זיך שוין ניט געקענט פארלאזען אויף יענער אידעע פון אויטאריטעט, וואס איז אין תוך איינס מיט דער אידעע פון רעכט און קען בארעכטיגט ווערן דורך דער פארנונפט — פון יענעם מא־מענט אן האט ער געמוזט צוריקפאלען צו דער אלטער אידעע פון אויטאריטעט, וואס ווירקט דורך פארבלענדעניש און מוז אנגענו־מען ווערן בלינד, אהן חקירות... און פון יענעם מאמענט אן איז דער בונד מיט דער קירך פאר איהם געווארען א נויטווענדיגקייט.

ווען אין יאהר 1808 האט דער דייטשער פאעט וויעלאנד אין א געשפרעך מיט'ן קייזער איהם א פרעג געטאן, ווארום אויב ער האט שוין יא געוואלט איינפיהרען צוריק א רעליגיע, ווארום האט ער זי ניט צוגעפאסט מעהר צום גייסט פון דער צייט — האט נא־פאלעאן זיך צולאכט און געענטפערט: „מיין טייערער וויעלאנד, עס איז זיכער ניט א רעליגיע פאר פילאזאפען. די פילאזאפען גלויבען ניט ניט אין מיר, ניט אין מיין רעליגיע; און פאר דער מאסע, וואס גלויבט, קען מען קיינמאל ניט אנארבייטען גענוג נסים, און, פארקעהרט, מען טאר איהר ניט ערלויבען צו גלויבען אין צופיעל".

עס וואלט קוים מעגליך געווען אויסצודריקען איינפאכער, אז אויטאריטעט איז א בלענדענדע, נארענדע קראפט. ביי אנדערע

---

*) גיזא אין „רעוויו דע מאנד", פאר פעברואר 15, 1863.

געלעגענהייטען האָט נאַפּאָלעאָן זיך באַנוצט מיט אַ וואָרט, וואָס איז געוואָרען דער גייסטיגער לאָזונג פון נעקסטען דור: רעליגיע — דאָס איז אָ ר ד נ ו נ ג. יאָהאַנעס מילער שרייבט צו זיין ברודער אין 1806: „דער קייזער האָט גערעדט וועגען דעם, וואָס עס ליגט אין גרונד פון אַלע רעליגיעס, און וועגען זייער נויטווענדינקייט, און ער האָט געזאָגט, אַז דער מענש איז אַ בריאה, וואָס מוז געהאַלטען ווערען אין אָרדנונג".

אין דעם בליק אויף רעליגיע אַלס אָרדנונג, שפּירט זיך אַן עהנליכקייט צווישען נאַפּאָלעאָנען און די יאַקאָבינער. און עס איז אוודאי דאָ אַ גרויסע עהנליכקייט צווישען זיינע פּערזוכען אויפצוריכטען די קירך און ראָבעספּיער'ס מיהען זיך אויפצולעבען דעם רעליגיעזען געפיהל. אַלס פּאָליטיקער האָט ראָבעספּיער געגלויבט אין דער איינאָרדנענדער, רעגולירענדער קראַפט פון דער רעליגיע, און אַלס אַ פּאָליטיקער אין אַ פּעריאָדע, ווען דאָס רוב געבילדעטע זיינען געוועזען דעאיסטען, האָט ער מורא געהאַט פאַר'ן אַטעאיזם, אַלס עפּעס דורכאויס פרעמדעס צו דעם גייסט פון זיין צייט.

באַנאַפּאַרט האָט באַגריפען, וואָס פאַר אַן אומשעצבאַרער אינסטרומענט עס איז אין דער האַנד פון אַ הערשער אַן איינגעפונדעוועטע רעליגיע, אַ טראַדיציאָנעלער קולט, און צוליעב ניט קיין אַנדער טעם איז ער אַזוי פעסט אַנטשלאָסען געווען דורכצופיהרען זיין בונד מיט דער גייסטליכקייט, צו וועלכער ער האָט זיך גע'חנפ'עט און זיך געפריינדעלט נאָך אַלס זיעגער אין איטאַליען, מיט אַן אויסקוק אויף שפּעטערדיגע מעגליכקייטען.

ער האָט גוט געוואוסט, אַז אין פראַנקרייך, ווי אין אַנדערע לענדער, איז די אומוויסענדע מאַסע נאָך אַלץ צוגעבונדען צו דער אמונה פון די אבות און אַז די לעהרען פון די פילאָזאָפען פון 18טען יאָהרהונדערט האָבען נאָך ניט געקענט דורכדרינגען ביז צו די נידריגסטע און ברייטסטע שיכטען פון דער באַפעלקערונג. און אין אַ פריהערער פּעריאָדע האָט ער אָפען צוגעגעבען, וואָס זיין ציעל איז געווען. אויף אַ זיצונג פון שטאַאַטסראַט אין יאָהר 1800 האָט ער איינמאָל אויסגערופען: „מיט מיינע פּאָליציי־פּרעפעקטען, מיט מיינע באַוואַפענטע זשאַנדאַרען און מיט מיינע גלחים וועל איך

זיין בכוח צו טאָן וואס איך וועל נאָר וועלען.“ פאר איהם איז דער גלח געוועזן פונקט אזא פאליציאנט, נור אין אן אנדער אוניפארם.

אין די נאָטיצען, וואָס ער האָט דיקטירט מאָנטהאָלאָנ׳ען, ניט ער דייטליך צו פארשטעהן, אז דער קאָנקארדאט איז ביי איהם געבאָרען געווארען פון זיין וואונש צו צובינדען די גלחים צום נייעם רעזשים און איבערצורייסען דעם לעצטען באנד, וואס האָט זיי נאָך אלץ באהעפט — און צוזאמען מיט זיי דאס גאנצע לאנד — צום אלטען קעניגליכען הויז. ער האָט אין זיין גערדאנק געטוי געוואָגען און געמאָסטען די צוויי מעגליכקייטען, וואס זיינען געווען פאר איהם אפען: אויסצושטרעקען א האנד צום קאטוילוציזם אדער צום פראטעסטאנטיזם.

„אָבער — שטעלט ער א גאנץ פארנינפטיגע פראגע — איז פראטעסטאנטיזם די אלטע רעליגיע פון פראנקרייך? איז דען מעגליך צו באשאפען אין א פאלק געוועהנהייטען, פארליעבעס, ערינערונגען? דער הויפט כישוף פון א רעליגיע איז דאך אין די ערינערונגען. יעדעס מאָל, ווען איך קום קיין מאלמעזאן און איך הער די גלאָקען קלינגען אין שכנות׳דיגען דאָרף, פיהל איך ווי איך ווער געריהרט ביז צום גרונד הארצען. און ווער אין פראנקרייך וואלט געריהרט געווארען פון א פראטעסטאנטישער קירך, וואָס רופט ניט ארויס קיין קינדהייטס עראינערונגען און וואס איהר קאלט שטרענג אויסזעהן הארמאָנירט אזוי וועניג מיט די געפיהלען פון פאָלק?“

„אחוץ דעם — האָט ער אמאָל געזאגט צו לאָסקאזאס — אלע מיינע גרויסע ציעלען האָבען ניט אנדערש געקענט דערגרייכט ווערן, ווי נאר דורכ׳ן קאטוילוציזם. דער קאטוילוציזם האָט געהאלטען דעם פאפסט אויף מיין זייט, און מיט מיין איינפלוס אין איטאליען און מיט מיינע מיליטערישע מיטלען, האָב איך ניט געצווייפעלט, אז פריהער אדער שפעטער, אויף דעם אדער אויף אן אנדער וועג, וועט מיר געלינגען צו ברייגען דעם פאפסט אונטער מיין ווילען. און פון דעם מאָמענט אן, וואס פאר אן איינפלוס! וואס פאר אן אפאראט צו קירעווען די עפענטליכע מיינונג פון דער גאנצער וועלט!.. ווען איך קום צוריק פון מאָסקווע א זיגער, וואלט איך

דעם פּאַפּסט לייכט געקענט מאַכען פאַרגעסען דעם פאַרלוסט פון זיין וועלטליכער מאַכט. ער וואָלט געוואָרען ביי מיר אַ געץ, און ער וואָלט געשטאַנען מיט מיר. פּאַריז וואָלט דאַן געוואָרען די הויפּטשטאָדט פון דער גאַנצער קריסטליכער וועלט, און איך וואָלט רעגיערט איבער דער רעליגיעזער, פּונקט ווי איבער דער פּאָליטישער וועלט... מ י י נ ע קירכען־ראַטען וואָלטען רעפּרעזענטירט דאָס קריסטענטום; און דער פּאַפּסט וואָלט פּשוט געווען זייער פּערמאַנענטער פּאָרזיצענדער.״

מערקט אייך די אַרגומענטען, מיט וועלכע עס באַנוצט זיך פּאָרטאַליס, דער אָפיציעלער פאַרטיידיגער און טעאָרעטיקער פון קאָנקאָרדאַט. וועלענדיג באַווייזען, אַז עס איז אוממעגליך איינצופיהרען אַ נייע רעליגיע און עס איז דאַרום נויטיג אויפצושטעלען צוריק די אַלטע, שרייבט ער:

„פאַרצייטען, אין די טעג פון אומוויסענהייט און באַרבאַריזם, איז מעגליך געווען פאַר די גאָר גרויסע פיהרער צו פּראָקלאַמירען, אַז זיי זיינען אינספּירירט פון גאָט, און נאָכטאָן דעם ביישפּיעל פון פּראָמעטעאוס אין אַראָפּברייננגען אַ פייער פון הימעל, כדי אַנצוצינדען די וועלט מיט אַ נייער התלהבות. אָבער וואָס עס איז מעגליך מיט אַ פאָלק, וואָס האַלט ערשט אין געבאָרען ווערען, איז אונמעגליך מיט אַן אַלטער, באַיאָהרענטער נאַציאָן, וועמעס געוועהנהייטען און באַגריפען איז אַזוי שווער צו ענדערען״.

ער הויבט אָן, ווי איהר זעהט, פון אַפּעלירען צו דער אויטאָריטעט פון מנהג. און ווייטער זאָגט ער:

„מענשען גלויבען אין אַ רעליגיע נור דערפאַר, ווייל זיי האַלטען זי פאַר אַ ווערק פון גאָט'ס הענד. אַלץ איז פאַרלאָרען, אַזוי ניך ווי עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ מענשליכע האַנד איז באַשעפטיגט דערביי״.

מען דאַרף קיינעם ניט באַווייזען, אַז דאָס איז ניט די שפּראַך פון גלויבען. פּאָרטאַליס ווינקט דאָ אָן אויף די אומגעלונגענע פאַרזוכען צו פאַרבייטען די אַזוי גערופענע רעליגיע פון אָפּגעבאַ־

רונג מיט א „רעליגיע פון פארנונפט“, פון רוסא׳ס אדער ראָבעספיער׳ס מין. יענע פארזוכען האָבען זיך ניט איינגעגעבען, הגם די נייע רעליגיע האָט ניט געדארפט ערפונדען ווערען, ווייל זי האָט אייגענטליך דאָך שוין געלעבט אין די מוחות פון די געבילדעטע קלאסען — זיי האָבען זיך ניט איינגעגעבען, ווייל עס איז אונמעגליך געווען באלד נאכדעם, ווי יעדע אויסערע אויטאריטעט איז געשטירצט געווארען, צו באקליידען די רעליגיעזע אידעע פון די געבילדעטע ווידער אמאָל מיט אן אויסערער אויטאָריטעט, פון רעמזעלבינגען כאראקטער, ווי די נור וואס געשטירצטע. יענע פארזוכען האָבען קיין פרוכט ניט געבראכט, ווייל זייערע איניציאָטאָרען האָבען ניט איינגעזעהן, אז אויף דער מענשליכער פארנונפט קען מען ניט פיעל בויען: זי האלט אין איין איבערשאפען איהרע רעליגיעזע און מאָראלישע באגריפען; זיי האָבען ניט פארשטאַנען, אז די באפרייטע פארנונפט מוז אומפארמיידליך זיך באוועגען, נאך מיט שטארקערן אימפעט, ווי פאר דער באפרייאונג, צו אלץ פאלקאמענער פארשטענדניס, און איז פאלגליך געצוואונגען אלץ פון דאס ניי צו פארווארפען יעדע באגרענעצענדע דאָגמאטיזירענדע פאָרמולע.

אבער דערפאר וואס די קינסטליך געשאפענע און פון פארנונפט אויסגעקליבענע גלויבענס־פארמע האָט זיך ארויסגעוויזען פאר ניט שטאַנדהאפטיג — דערפאר זיך אומקערען צוריק צו דער אלטער, פארגליווערטער גלויבענס־פארמע, וועלכע איז נאָך ווענינגער שטאַנדהאפטיג — דאס איז זיכער בעסערע פאליטיק, ווי לאָגיק.

בלייבט נאר איין ארגומענט — צו אפעלירען צו דער פראקטישקייט, צו דער אוממיטעלבארער ניצליכקייט פון אזא שריט. און אָבער און ווידער לויפט פאָרטאַליס צוריק צו דער טענה, ניט אז די רעליגיע איז אמת, נור אז זי איז ניצליך, אז זי איז נויטיג, אז עס איז אוממעגליך צו רעגיערען אָהן איהר, אז מאָראל אָהן רעליגיעזע דאגמען איז ווי „גערעכטיגקייט אָהן גערעכטען“. אודאי, דער גיהנום, אזוי לאנג מען גלויבט אין איהם, איז א מעכטיגער אינסטרומענט אין דער האנד פון א רעגירער. פאָרטאַליס איז אפענ־

האַרציג גענוג צו ערקלערען קלאָר און דייטליך : „די פראַגע וועגען דעם אמת אדער פאַלשקייט פון דער אדער יענער רעליגיע איז א טעאָלאָגישע פראַגע, וואס געהט אונז ניט אָן. אפילו ווען זיי זיינען פאַלש, האָבען אלע רעליגיעס די מעלה, וואס זיי שטעלען א גרענעץ צו דער פאַרשפּרייטונג פון אייגענע געמאַכטע, אויסגעטראַכטע תורות. זיי גיבען א פּאָקוס פאַר דעם גלויבען פון דעם יחיד . די רעגיערונגען פיהלען זיך באקוועם מיט פעסט־געשטעלטע דאָגמען, וואס ענדערן זיך ניט. דער אבערגלויבען איז, אזוי צו זאגען, רעגולירט, באַשרענקט, איינגעענגט צווישען פעסטע ראַ׳הּמען, וואס ער קען ניט אדער וואַגט ניט אריבערצוטרעטען“.

מיט קונציגער צווייזייטיגקייט האָט באָנאַפּאַרט געזוכט פאַרצושטעלען די ווידעראויפריכטונג פון דער קירך אין פאַרשיעדענעם ליכט פאַר פאַרשיעדענע פּאַרטייען. פאַר די קאַטוילליקען האָט ער עס באַשריבען אלס א רעליגיעזען אַקט, וואָס קען נור פאַרגליכען ווערען מיט די פאַרדיענסטען פאַר׳ן קריסטענטום פון קאָנסטאַנטין און קאַרל דעם גרויסען, און פאַר די פילאָזאָפען אלס אן אויפטו, דורך וועלכען די קירך איז פאַלשטענדיג אונטערוואַרפען געוואָרען צום שטאַאַט און דער וועלטליכער מאַכט. „דאס איז אן איינאימפונג פון רעליגיע געגען רעליגיע“ — האָט ער געזאָגט צום פילאָזאָף קאַבאַניס — „אין 50 יאָהר ארום וועט קיין סימן ניט זיין פון רעליגיע“. ווי זאל דאָס ניט זיין, ביי איהם איז זיכער קיין ספק ניט געוועזן, אז דורך דעם שלום, וואס ער האָט אראַנזשירט צווישען שטאַאַט און קירך, האָט ער אריינגעקראָגען א געהאָרזאַמען, געטרייען שותף. די געשיכטע באַווייזט, וואס פאַר א טעות ער האָט געמאַכט. ער האָט באַלד געהאַט גרונד שטאַרק חרטה צו האָבען, וואָס ער האָט זיך פאַרבונדען מיט דעם אומענטוויקעלטסטען און אומוויסענדסטען, אנשטאַט מיט דעם בעסטען און פעהיגסטען טייל פון דער נאַציאָן. דע־פּראַדט דערצעהלט אונז, אז ער האָט ניט איינמאל געהערט נאַפּאָלעאָנ׳ען זאָגען, אז דער קאָנקאָרדאַט איז געוועזן דער גרעסטער פעהלער, וואס ער האָט געמאַכט אלס רעגירער. מען קען עס קוים אנרופען א פּאָליטישער פעהלער. עס איז אבער זיכער געוועזן דער ערשטער און ענטשיעדענער ברוך מיט דעם גייסט פון דער רעוואָלוציע. דער קאָנקאָרדאַט האָט באַוואַ־

רענט געוויסע מאטעריעלע רעזולטאטען פון דער רעוואלוציע, אבער ער האָט זיי באווארענט אויפ'ן חשבון פון פראנקרייכ'ס קולטור־פראגרעס*).

---

*) טהיער, די געשיכטע פון קאנסולאט; לאנפרע, די געשיכטע פון נאפאלעאן דעם ערשטען; מיניע, די געשיכטע פון דער רעוואלוציאן, 2; דע־פראדט, די געשיכטע פון פיער קאנקארדאטען; פארטאליס, רעדעס און רעפארטען איבער דעם קאנקארדאט; לארענץ פאן שטיין, די געשיכטע פון דער סאציאלער באוועגונג אין פראנקרייך; טען, דער מאדערנער רעזשים, 1.

3.

דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט.

דער אָנהויב פון דער גייסטיגער רעאַקציע. — די פאַרוואַנדלונג פון דער קירך אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. — די ביי־קאָטוילישע ליטעראַרישע ריכטונג; איהרע איניציאַטאָרען. — דער אַדעליגער געבורט און ראָיאַליסטישע סביבה באַאיינפלוסט זייער שאַפען. — ווידעראויפריכטונג פון פּרינציפּ פון אויטאָריטעט אין דער ליטעראַטור. — רעליגיעזע רעאַקציע, אַ פּראָטעסט פון געפיהל געגען פאַרשטאַנד. — די אַטאַקעס אויף רוסאָ'ס סאָציאַל־פּאָליטישע טעאָריען. — די „שפּראַך האָט גאָט באַשאַפען". — די הערשענדע אידעע פון דער רעסטאַווראַציע.

באָנאַפּאַרט, וועלענדיג דערלאַנגען א טויט־קלאַפּ דער רעפּובליק, האָט איהר אַ זעץ געטאָן אין הארצען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איהם וועט קיינמאָל ניט געלינגען פאָלשטענדיג צו דערשטיקען די בירגערליכע פרייהייט, אויב ער וועט צוערשט ניט ברעכען דעם פארלאַנג נאָך גייסטיגער פרייהייט, — אַ פאַרלאַנג, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר געשטאַרקט אין פאַרלויף פון דער רעוואָלוציע. דער קאָנקאָרדאַט האָט צוגעגרייט דעם וועג פאַר דער קירך צוריקצוגעווינען איהר פולע מאַכט פון אַמאָל.

די מענשען פון יענער צייט האָט זיך געדוכט, אַז אַלע די געוואַלדיגע אויפטועז אין דער ריכטונג פון פרייען געדאַנק, זיינען געמאַכט געוואָרען צו גאָרנישט. עס זיינען דאָך ווירקליך אויפגעטאָן געוואָרען וואונדער. די פרייהייטס־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין די טעג פון רענעסאַנס מיט פאַרהערליכונג פון גריכיש־רוימישען פאַרצייטען, און וואָס האָט שפּעטער אין ענגלאַנד, אַ דאַנק ניוטאָנ'ס זשעניע, געקראָגען אַ פונדאַמענט — אַ שפּאָגעל־נייעם בליק אויף נאַטור און וועלט־אַל, — אַ באַוועגונג, וואָס האָט ביסלעכווייז עראָבערט אַלע נאַטור־וויסענשאַפטען, ארויסגעבראַכט אַ נייע פילאָזאָפיע אַלס איהר פרוכט און די פרייי־מויערעריי אַלס איהר אָפּשפּיגלונג — אָט די באַוועגונג האָט דורך

וואָלטער׳ס גייסט פארכאַפּט פראַנקרייך מיט א פלאַקער. און ווי א נס איז דאָ געשעהן: קוים א פּאָר צעהנדליג יאָהר נאָכדעם, ווי קאַר־נעל האָט פאַרפאַסט „פאָליעווקטאַ״ און ראַסין „אַטהאַליע״, קוים א פּאָר יאָהר נאָכדעם, ווי באַסועט האָט געפּרעדיגט אומבאַדינגטע געהאָרכזאַמקייט און פּאַסקאַל האָט מיט פייערדיגע אותיות אָנ־געצייכענט זיין „איך גלויב אין אבסאָלוטען אומזין״, האָבען א הייפעל מענשען, אונטער דער סאַמע אויטאָקראַטישסטער מאָנאַר־כיע, מעהרסטענס פאַרטריבענע פון לאַנד, אָדער פאַריאָגטע און געשענדעטע, באַוויזען איבערצוגעווינען אויף זייער זייט צוערשט די פעהיגסטע מענשען פון זייער דור, דערנאָך די אויבערשטע קלאַ־סען, דערנאָך די פּרינצען און פּרינצעסינס, וואָס האָבען שפּעטער געדאַרפט ווערען קעניגע און קייזערינס, און צולעצט דעם גאַנצען מיטעל־שטאַנד — אַזוי, אַז דער נייער אמת, געבאָרען אין נידריג־קייט, אָבער נאָך אין וויגעלע געעהרט פון די מעכטיגסטע קעניגע — פרידריך פון פּרייסען, יאָזעף פון עסטרייך און יעקאַטערינאַ פון רוסלאַנד — איז אויסגעוואַקסען א ריזיגע מאַכט, וואָס האָט באַצוואונגען דעם גאַנצען אויפקומענדען דור, צעהלענדיג אָנהענגער אפילו צווישען אבאַטען און גלחים.

די מענשליכע פאַרנונפט, באַפרייט פון קייטען, האָט זיך א הויב געטאָן מיט אַטלעטישער גבורה. יעדע זאַך, וואָס עקזיסטירט, האָט געדאַרפט פאַרענטפערען איהר עקזיסטענץ פאַר דער פאַר־נונפט. וואו מענשען האָבען פריהער געלעכצט נאָך א נס, האָבען זיי איצט געפאַרשט נאָך אורזאַכען. וואו זיי האָבען פריהער גע־גלויבט אין איבערנאַטירליכעס, האָבען זיי איצט אַנטדעקט א גע־זעץ. קיינמאָל פריהער אין דער געשיכטע האָט מען אַזוי פיעל ניט געצווייפעלט, אַזוי פיעל ניט געאַרבייט, אַזוי פיעל ניט געפאַרשט, אַזוי פיעל ניט אויפגעקלערט. די נייע פילאָזאָפען האָבען ניט געהאַט צו זייער דיענסט די וואָפען פון אויטאָריטעט, נאָר די וואָ־פען פון סאַטירע. מיט שפּאָט און סאַטירע האָבען זיי צוערשט אַטאַקירט. זיי האָבען פאַרניכטעט מיט געלעכטער. נאָך וואָל־טער׳ס פיינער איראָניע איז געקומען רוסאָ׳ס שאַרפער צאָרן. קיינ־מאָל פריהער האָט מען אַזוי פיעל ניט מבטל געמאַכט, און אויך אַזוי פיעל ניט דעקלאַמירט. די מענשליכע פאַרנונפט, וואָס איז

אויף יעדען געביעט, פאַר יאהרהונדערטע כסדר, געצוואונגען גע־וועז צו פיהרען די שפּל'ע עקזיסטענץ פון א שקלאַפין, וואס איז איינגע'שכור'ט געוואָרען דורך לעגענדען און פאַרוויגט געוואָרען אין שלאָף דורך פסאַלמען און איינגע'חזר'טע פראַזען — די מענשליכע פאַרנונפט האָט פלוצלונג זיך אויפגעכאַפּט, ווי דורך דעם קרעה פון א האָהן, און איז גלייך אויפגעשפּרונגען א פאַלשטענדיג ער־וואכטע.

און איצט איז דאס אלץ אומזיסט געווען? זאָל אלץ, צו וואס די העלדען פון פאַרנונפט האָבען זיך דערטראַכט, אלץ, פאַר וואס די מאַרטירער פון פאַרנונפט האָבען געליטען — זאָל דאס אלץ אַרויסגעשליידערט ווערען, ווי אַן איבעריגער קראַם? זאָל דאָס אלץ, וואָס האָט געמאַכט שלאָגען אזוי שטאַרק די נאָבעלסטע הער־צער, וואס האָט זיי געגעבען קוראַזש אויפ'ן שלאַכטפעלד און אויפ'ן עשאַפאָט, זאָל אָט דער גרויסער התלהבות איינגעקרעמפּט ווערען און, ווי דער גייסט, וועגען וועלכען עס רעדט זיך אין דער באַקאַנ־טער קינדער־מעשה'לע, איינגעשלאָסען ווערען אויף אייביג אין אַן אייזערנעם שראַנק, פאַרזיגעלט מיט'ן בשותפות'ען זיגעל פון קייזער און פאַפּסט?

פאַר א שטיק צייט איז די פרייהייטס־באַוועגונג אפּגעשטעלט געוואָרען. מען האָט ווידער גענומען קוקען קרום אויף די יעניגע, וואס האָבען זיך ניט צוגעשריבען צו קיין איינע פון די אנערקענטע אמונות, און נאָך נאַפּאָלעאָנ'ס פאַלען איז עס געוואָרען ממש גע־געפעהרליך. די מאַכטהאָבער באַנוצען זיך קיינמאָל ניט מיט אַרגו־מענטען אין א רעליגיעזען סכסוך. די באַווייזען פון די ניט־גלויביגע האָט מען אָפּגעלייקענט ניט דורך געגען־באַווייזען, נאָר דורך אוועק־נעהמען ביי זיי דאָס ברויט.

מאַסען יונגע לייט, וואס ניט האָבענדיג קיין פאַרטיגע עקזיס־טענץ־מיטלען, האָבען זיי זיך געהאַט צוגעגרייט צו רעגירונגס־שטעלעס, האָבען ניט געקענט בייקומען אין זיך דעם אומווידער־שטעהליכען וואונש צו עסען יעדען טאָג; אין זיי האָט די ניי־אויפגעריכטע קירך געפונען געבאָרענע, אדער געוואָרענע, אבער פאָלשטענדיג זיכערע שטיצער. קיינער, וואס איז עלטער פון פינף און צוואנציג, וועט זיך ניט וואונדערן, וואס די אָרטאָדאָקסיע האָט

געוואונען אזוי פיל שטיצער, פון דעם מאמענט, ווען זי איז פון א חוזק געווארען א לעבענס־מיטעל.

צו אט די באקעהרטע גיט צו די גרויסע פארטיי שרעקעדיגע, פון אלע די יעניגע, וואס האבען געלעבט אין מורא פאר דער רויטער רעפובליק, און אין וועמעס אויגען די רעליגיע איז געווען פריהער פון אלץ א שוץ און א באווארעניש געגען איהר. אט פון אזעלכע האט די ארמעע פון אויטאריטעט רעקרוטירט איהרע אנהענגער. פון א רעליגיעזער קערפערשאפט איז די קירך פלוצלונג פארוואנדעלט געווארען אין א פאליטישער פארטיי.

אן איבערקעהרעניש אין די אויסערליכע קאנדיציעס ווערט אלעמאל צוגעגרייט פון אן איבערקעהרעניש אין די מיינונגען און שטימונגען, און די אויסערליכע איבערקעהרעניש, ווען זי ווערט א פאקט, רופט זי ארויס נאך מיט מעהר זיכערהייט מיינונגען און שטימונגען, וואס זיינען צוגעפאסט צו די נייע קאנדיציעס. די אידעען און געפיהלען, וואס האבען צוגעגרייט דעם קאנקארדאט, האבען נאך דעם, ווי ער איז געשלאסען געווארען, געקראגען די פולע פרייהייט זיך אויסצודריקען; זיי האבען אויפגעוועקט אידעען און געפיהלען פון זייער גלייכען; און ווען אלע צוזאמען האבען באקומען זייער אויסדרוק אין דער ליטעראטור, האט זיך אנגעהויבען א גייסטיגע באוועגונג, וואס איהר אויסגאנגס־פונקט איז געווען דער קאנקארדאט, און איהר ציעל — איבערצוזעצען דעם דאקומענט אין דער שפראך פון ליטעראטור. דעם פארלויף פון אט דער גייסטיגער באוועגונג האבען מיר עס איצט בדעה נאכצופאלגען. טוען מיר עס ניט, וואלטען מיר איבערגעהיפט א שטופע אין דער פסיכאלאגיע פון דער ערשטער העלפט פון ניינצעהנטען יאהר־הונדערט, וואס דאס איז דער געגענשטאנד פון אונזער שטודיום. צוגעגעבען, דער מאטעריאל איז ניט קיין איבעריג אינטערעסאנטער, ניט קיין רייכער און קיין אנציהענדער, אבער דאך פון אונזער שטאנדפונקט פון גרויסער וויכטיגקייט און באדייטונג.

פון וואס פאר א קרייז איז ארויסגעוואקסען די ליטעראַרישע באוועגונג? ווען עס וואלט מעגליך געווען, זי זאל ארויסקומען פון די פויערים, וואלט זי זיך אויסגעצייכענט מיט א ריהרענדער פראסט־הארציגקייט; ווען פון די שוואר־געפרובטע, פיל גע־

ליטענע גייסטליכע, וואָלט זי אפשר אונז פארכאפּט מיט איהר ברען; און ווען, צולעצט, זי וואָלט געווען אַ פּראָדוקט פון דער פּארטיי, וואָס האָט זיך צוגעבונדען צו דער קירך צוליעב ריין-וועלטליכע מאָטיוועו, לויט דעם ביישפּיעל פון איהר האר און מייסטער, וואָלט זיך זיכער געוואָרפען אין אויג דער מאַנגעל פון אַן אינספּירירענדער אידעע. אָבער עס איז ניט געווען קיינער פון די דריי פאלען. די אלע דריי גרופּען האָבען געבילדעט דעם פּובליקום פאר דער נייער ליטעראַטור, איהר רעזאָנאַנץ-קופּעל, אַזוי צו זאָגען, וואָס פארשטייגערט דעם ווידער-קול; קיין איינע פון די גרופּען איז ניט געווען שעפעריש באַגאַבט, דער ניי-קאַטוילישער ריכטונג אין דער ליטעראַטור האָט געפעהלט סיי פּראָסט-הארציג-קייט, סיי ברען. אָבער זי האָט יא פארמאָגט אַן אינספּירירענדע אידעע. מיט אַנטשלאָסענקייט און איבערצייגונג האָט זי זיך איינגעשטעלט פאר דער אידעע, וואָס די רעוואָלוציע האָט פאר-וואָרפען און דיסקרעדיטירט — די אידעע פון אויטאָריטעט. די באַוועגונג איז גיכער אַ פּאָליטישע געווען, ווי אַ רעליגיעזע. איה-רע פיהרער ווילען ניט אַזוי ראַטעווען די נשמות, ווי ראַטעווען די טראַדיציע; זיי לעבצען נאָך רעליגיע, אלס אַ רפואה געגען גע-זעצלאָזיגקייט; זיי קלאַמערן זיך מיט אַזאַ עקשנות אָן אויטאָ-ריטעט, ווייל זיי האָבען באַנקראָטירט אויף אלע געביטען, אַ חוץ דער אויסערליכער אויטאָריטעט.

די באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען פון ווייט צעוואָרפענע, ניט פארבונדענע פּונקטען; איהרע איניציאַטאָרען האָבען קיין אַהנונג ניט געהאַט איינער פון אַנדערן. בעת דער רעוואָלוציע וואַנדערט שאַטאָבריאַן, צום ביישפּיעל, אַרום אין אַמעריקאַ, דע-מעסטר — אין דער שווייץ; אויף באָנאַלד פלאַנעוועט זיין ערשט ווערק אין דער שווייץ. אַזוי גיך ווי די גייסטיגע רעאַקציע האָט זיך אָנגעהויבען, האָבען די מעהרסטע עמיגראַנטען זיך אומגע-קערט אַהיים, און דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אין דער ליטעראַטור טיילווייז פון אויסלענדישע, אומ-אָפּהענגיגע שרייבער, ווי דע-מעסטר, און טיילווייז פון אַזעלכע, ווי שאַטאָבריאַן און באָנאַלד, וועמען דער איבערגאַנג פון דער מאַכט צו נאַפּאָלעאָנ'ען האָט צוריקגעבראַכט אַהיים. די לעצטע

שטעהען דערוויל צו צו נאפאלעאָנ'ען, אלס דעם אויפריכטער פון דער קירך, כדי שפעטער, טאקי נאָך אונטער זיין רעגירונג אָדער ערשט נאָך זיין פאל, איינצושטעלען זיך, מיט נאָך מעהר ווארימ- קייט און איבערצייגונג, פאר די בורבאָנען; זייערע גרונד־פרינ־ ציפען האָבען מיט לאָגישער נויטווענדיגקייט זיי געטריבען דערצו. נאפאָלעאָנ'ס פלאן צו געווינען די שטיצע פון די גייסטליכע און אָפּצוציהען זייער סימפאטיע פון די בורבאָנען מיט דער הילף פון קאנקארדאט, איז דורכגעפאלען אויף אלע פונקטען; און אנדערש האָט ניט געקענט זיין. באלד איז געקומען צו א אָפענעם ברוך צווישען נאפאָלעאָנ'ען און דעם פאפסט; און די ליטעראַרישע ריכטונג, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין איין צייט מיט דעם קאנקארדאט, האָט אָפען זיך געשטעלט אויפ'ן צד פון אלטען קע־ ניגטום מיט זיינע כלומרשטע היסטאָרישע רעכט.

די באשאפער פון דער באוועגונג האָבען נאטירליך געפיהלט א נייגונג איינער צום אנדערן; זיי האָבען זיך באקענט און אין גיכען געגרינדעט א מין שול. זיי באזיצען פארשיידענע גע־ מיינשאפטליכע שטריכען, וואָס מיר געפינען אפילו ביי די שפע־ טערדיגע פאָרשטעהער פון דער ריכטונג, ווי לאַמענע, דע־ווינִי, לאמארטין און הוגאָ. זיי זיינען אלע אָהן אויסנאם פון אדעליגער געבורט און פערזענליכע ערינערונגען פארבינדען זיי מיט דעם אל־ טען קעניגטום.

דע־מעסטר איז געווען דעם סארדינישען קעניג'ס אמבאסא־ דאָר אין רוסלאנד. באנאלד האָט אין זיין יוגענד געדיענט אין לואי דעם 15טענס מושקעטערען־רעגימענט, און דורך דעם קעניג'ס לעצטע טעג איז ער טעגליך געגאנגען צו זיין קראנקען־בעט אויס־ צוהערען פון איהם דעם פאראָל. אזוי ווי באנאלד האָט אין זיין קינדהייט שוין געהאט פאָקען, האָט ער ניט ריזיקירט זיך אָנצור־ שטעקען. דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיין דיענסט-פליכט האָט איהם געבראכט אין פאלאץ פון נייעם קעניג, לואי דעם 15טען, האָט מאריע אנטואנעט באעהרט דעם יונגען מושקעטער מיט א פריינד־ ליכען בליק און מיט א פאָר גנעדיגע ווערטער. אט דער לעצטער בליק פון א שטארבענדען קעניג, וואָס האָט איבערגעלאָזען זיין יורש א רואינירטע מאָנארכיע, און דער ערשטער בליק פון א יונ־

גער, שעהנער און האָפנונגספולער קעניגין — זיינען קיינמאָל ניט אָפּגעווישט געוואָרען פון זיין זכרון. זיי זיינען געוואָרען די לייטענדע שטערן פון זיין לעבען.

וואָס שייך שאטאבריאַנ׳ען, האָט ער אַזוי גיך ווי ער האָט ערפאַהרען וועגען דער געזעצליכער ערמאָרדונג פון הערצאָג פון ענגין, האָט ער גלייך אריינגעשיקט זיין רעזיגנאַציע, אלס סעקרע־טער פון דער לעגאציע, צו נאפּאָלעאָנ׳ס רעגירונג, און זייט יענעם מאָמענט ביז צום יאָהר 1824 האָט ער געשפּיעלט די ראָלע פון א געטרייען דיענער פון די בורבאָנען. ער איז אריין אין דער ראָלע מיט אַזאַ ערנסט און די אומשטענדען האָבען אַזוי גוט איהם צוגעשפּיעלט — זיי האָבען איהם געצוואונגען צו שפּילען, — אַז ער האָט זיין ראָלע דורכגעפיהרט, ווי א פאָלקאָמענער אַקטיאָר.

און איבערגעהענדיג צום נעקסטען דור, דערוויסען מיר זיך פון לאמארטינ׳ס פאָרוואָרט צו זיינע „באַטראַכטונגען און ערינע־רונגען", אַז אלס יונגער אָפיצער פון דער גוואַרדיע, האָט ער נאָלאָפּירט ביי דער זייט פון לואי דעם 18טענ׳ס קארעט, ווען דער מאָנאַרך איז אריינגעפאָהרען פון סאַן־זשערמען קיין פּאַריז. דע־וויני איז פון קינדערהייט אויף געווען אַן ענטוזיאסטישער ראָ־יאַליסט; אין די טעג פון נאַפּאָלעאָנ׳ס קייזערטום פלעגט איהם זיין פאָטער געבען צו קושען דעם אָרדען פון הייליגען לואי; זיין טרייהייט צום אַלטען קעניגליכען הויז האָט איהם געטריבען צו ווערען אַן אָפיציר; און אוים שטאָלץ האָט ער זיך געהאַלטען מיט דעם קעניג׳ס פאָהן אפילו נאכדעם, ווי ער איז אַזוי ביטער ענטוישט געוואָרען אין אַלע די האָפנונגען, וואָס ער האָט געלעגט אויף דער לעגיטימער מאָנאַרכיע, און זייער פּלאַץ האָט פארנומען אַ פארשטיקט געפיהל פון פאראַכטונג. נאָך דער רעוואָלוציע פון 1830 ווערט ער יענער פרייער אין געדאַנק, אָבער איינגע־האַלטענער און אין זיך פארשלאָסענער קאָנסערוואַטאָר, וועלכער טרעט ארוים פאַר אונז אין זיינע לעצטע ווערק.*)

וויקטאָר הוגאָ האָט אַליין אויספירליך באַשריבען פאַר זיינע לעזער, וואָס פאַר אַ מעכטיגען איינפלוס עס האָבען געהאַט אויף

---

*) זעה דזשאָהן סטואַרט מיל׳ס עסעי וועגען דע־וויני אין זיינע „דיסערטאַציעס און דיסקוסיעס", 1.

איהם, אלס יונגען אויטאָר, די ערינערונגען, וואָס ער האָט מיט־געבראכט פון דער ראָיאַליסטישער סביבה פון זיין קינדהייט — ספּעציעל וואָס פאר א שטארקע שפור עס האָט אין איהם איבער־געלאָזען דער אונטערריכט פון זיין מוטער, אַן ענטוזיאסטישע ראָיאַליע ברעטאָנערין.

די טעאָרעטיקער פון דער שול זיינען ניט קיין גרויסע זשע־ניען. דאָס זיינען שטארקע דעספּאָטישע נאטורען, וואָס האָבען ליעב מאכט צוליעב דער געהאָרכזאמקייט און אויטאָריטעט צוליעב דער אונטערוואָרפונג; אָדער זיי זיינען שטאָלצע, פאררויסענע גייסטיגע אריסטאָקראטען, וועלכע וועלען גיכער פאלען כורעים פאר'ן פאראדאָקס, איידער צוזאמען מיט דעם המון שרייבער צו בוקען זיך צו דער פארנונפט; אָדער צולעצט (אָבער אין גאָר זעלטענע פאלען) זיינען זיי ראָמאנטיקער, וועלכע ווערען געפיהרט ביז טרעהרען ביי דעם געדאנק, וואָס זיי באזיצען מעהר ניט דעם גלויבען פון אמאָל און קריכען פון דער הויט איהם צוריק צו גע־ווינען. דאָס זיינען קאמף־נאטורען, וואָס האָבען זיך געפּאסט צו זיין אינקוויזיטאָרען אָדער קירכען־באראָנען, א שטייגער ווי דע־מעסטר און לאמענע, אָדער פארקערפּערטע עקשנות, ווי באָנאלד און שאטאבריאן; אין זיי רעדט ניט אזוי די איבערצייגונג, ווי די איינגעשפּארטקייט. „איך בין א פארביסענער קאטאָליק" — זאָגט שאטאבריאן וועגען זיך. דאָס איז דאָס ריכטיגע וואָרט: פארביסען, ניט איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען.

זייער איינפלוס אויף זייערע צייטגענאָסען האָט זיך גענומען פון זייער טאלאנט, ווייל טאלאנט איז א מכשף, וועלכער קען אויפ־האלטען ביים לעבען אבי וואָס פאר א זאך פאר א שטיק צייט. שאטאבריאן איז געווען דער מאלער, דער קאלאריסט פון דער שול; דע־מעסטר, מיט זיין שטארקען כאראקטער, מיט זיין וויץ און מיט זיינע בלענדענדע פאראדאָקסען, איז געווען איהר פיהרער, און באָנאלד מיט זיינע כללים פאר אלץ אין דער וועלט, איז געווען איהר לעהרער. די באגאבטעסטע יונגע פּאָעטען פון יענער צייט האָבען אָנגעהויבען זייער קאריערע אונטער איהר איינפלוס, און הגם זיי האָבען זיך לאנג ניט געהאלטען אין דער שול, האָט די לעצטע אָבער צוליעב זיי געוואונען פּאָפּולאריטעט, און דאָס, צו־

זאמען מיט דעם אויטאָריטאַטיווען טאָן פון איהרע דענקער, איז גענוג געווען צו שאפען דעם איינדרוק פאר א קורצע צייט, אז דער זיעג איז איהרס. בפרט, ווען די רעסטאַווראַציע פון די בור־באָנען האָט רעאַליזירט איהרע פּאָליטישע אידעאַלען.

אָבער עס זיינען אריבער נאָך א פּאָר יאָהר, און איהרע בעסטע מענשען האָבען זי פארלאָזען. אין פולען פאראַד, מיט די פּאָנען און פויקען, זיינען זיי אריבער אין לאַגער פון די געגנער. די שול איז צופאַלען צוליעב איהר אינערליכער אומנאַטירליכקייט. דער פּרינציפּ, וואָס האָט זי צוזאַמענגעהאַלטען, דער פּרינציפּ פון טראַ־דיציע און אויטאָריטעט, וואָס האָט איהר געגעבען דעם אויסזעהן פון אַן אומבאַזיעגבארער פעסטונג — דער דאָזיגער פּרינציפּ האָט זיך ארויסגעשטעלט פאר פּוסט און הויל און געמינעוועט דערצו. אַן עקספּלאָזיאָנס־שטאָף איז אין איהם באַהאַלטען געווען, וואָס דאָס אין פלוג איז גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלען, אָבער אזוי גיך ווי די מענשען האָבען אנטדעקט, אז זיי האָבען אויסגעקליבען א פּאָזיציע אויף א פּולווער־קעלער, האָבען זיי זיך געאיילט צו אַנט־לויפען, איידער עס האָט אויפגעריסען.

סילווען מארעשאַל שרייבט אין א בוך, וואָס ער האָט פאר־עפענטליכט אין יאָהר 1800 („פאר און געגען דער ביבעל"): „א שארף אויסגעשפּראָכענע רעליגיעזע רעאַקציע באַצייכענט דעם ערשטען יאָהר פון 19טען יאָהרהונדערט". זי האָט באַצייכענט די ערשטע צוואַנציג יאָהר פון דעם יאָהרהונדערט. און אין די לענדער מיט לאַנגזאַמער אנטוויקלונג, און אין די לענדער, געניגט צו אָפּגעשטאַנענקייט, האָט די רעאַקציע אָנגעהאַלטען גאַנצע 70 יאָהר.

די ליטערארישע רעאַקציע געגען דעם גייסט פון 18טען יאָהרהונדערט האָט ניט אָנגענומען גלייך פון אָנהויב א רעליגיע־זען כאראַקטער. מיר האָבען געזעהן, אז אין דער גרופּע ווערק, וואָס איך האָב באַצייכענט אַלס די „עמיגראַנטען־ליטעראַטור", איז די רעאַקציע נאָך ניט געווען „אַן אונטערווארפונג צו אויטאָ־ריטעט, נאָר א נאַטירליכע און בארעכטיגטע פארטיידיגונג פון געפיהל, נשמה, ליידענשאַפט, פּאָעזיע געגען דער פארפראָרענער שכל'דיגקייט, פּינקטליכער אויסגערעכענטקייט און א ליטעראַטור

פון שטייפע כללים און פארגליווערטע טראדיציעס". וועגן דעם ערשטען שריט פון דער רעאקציאָנערער באוועגונג האָב איך גע־שריבען: „דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרען דערמיט, וואָס מען האָט גענומען רוסאָ'ס וואפען און זיי אָנגעשטעלט געגען זיין געגנער וואָלטער"*). די מענשען זיינען מעהר ניט צור־פרידען געווען מיט וואָלטער'ס קאלטען דעאיזם; וואָלטער'ס קאלט־קייט האָבען זיי אנטקעגענגעשטעלט רוסאָ'ס איבערדרייכע, צונאָ־סענע סענטימענטאליטעט; זיי זיינען נעגאנגען אין רוסאָ'ס פוס־טריט און האָבען געבויט אויף דעם פונדאמענט פון זיין געפיהל־פולקייט און פאנטאסטישקייט.

די ערשטע סענטימענטאלע מדרגה פון דער רעאקציע האָט שוין געהאָט איהר פאָרשפּיעל אין דער רעוואָלוציע גופא. אונזער איבערבליק איבער די פארשיעדענע מאָמענטען פון דער רעוואָלו־ציע ווייזט אונז, אז סאַמע אין מיטען פון דער גרויסער איבער־קעהרעניש האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אַן אקט, וואָס האָט געקענט דיענען פאר אַן אָנווייזונג און ווארנונג: מיר מיינען ראָבעספּיער'ס פארזוך צו פארשטעלען מיט רוסאָ דעם וועג צו פאָלשטענדיגער אויסראָטונג פון סענטימענט, פון געפיהלס־לעבען. עס האָט אוים־געזעהן, אז דער סענטימענט צוליעב זיין צו לאנגען מחותנות־שאפט מיט דער טראדיציע און מיט דער אויטאָריטעט פון קירך וועט אומקומען צוזאמען מיט דער קירך.

אלזאָ, די גרויסע רעליגיעזע רעאקציע, אויף איהר ערשטער שטופע, איז געווען אַ פּראָטעסט, אַ בונט פון געפיהל געגען פאר־שטאנד; די רעאקציע איז געבאָרען געוואָרען פון אַ טונקעלער, אומבאשטימטער שטרעבונג צו פיהלען און צו געבען אויסדרוק דעם טונקעלען אומבאשטימטען פיהלען. און די געשיכטע פון דער בא־וועגונג איז אַ טרויעריגע געשיכטע וועגן דעם, ווי אזוי די דאָ־זיגע שטרעבונג איז פארפיהרט געוואָרען אויף קרומע וועגען.

דער ערשטער שריט פון דער רעאקציע איז געווען צו מאכען רוסאָ פאר דעם אָנפיהרער פון בונט; דער צווייטער שריט — אַ בונט געגען רוסאָ גופא. וואָס פאר אַ בוך מיר זאָלען ניט עפענען

*) „די פראנצויזישע עמיגראנטען־ליטעראטור", ז. 311. אידישע אויסגאבע, מייזעל'ס פארלאג, ניו יאָרק, 1918.

פון באַנאַלד, דע־מעסטר אָדער לאַמענע, געפינען מיר, אַז זייער אויסגאַנגס־פּונקט, זייער ערשטער ליידענשאַפטליכער אימפּולס איז אָפּצולייקענען רוסאָ, אָדער גיכער צו פאַרלאַכען איהם, צו דערטרינקען איהם אין שפּאָט. אויף דער ערשטער שטופע פון דער רעאַקציע ווערט דער פּרינציפּ פון סענטימענט אַנטקעגענגעשטעלט דער הערשאַפט פון פאַרנונפט; אויף דער צווייטער שטופע ווערט דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט דערהויבען איבער אַלע פריהעריגע פּרינציפּען, דעם פּרינציפּ פון סענטימענט איינגעשלאָסען. און דער איבערגאַנג פון איין שטופע צו דער אַנדערער צייכענט זיך אויס דערמיט, וואָס מען זוכט צו באַרעכטיגען און אויפצוריכטען די אויטאָריטעט, רופענדיג צו הילף דעם סענטימענט. דאָס איז דער ציעל פון באַלאַנש׳ס בוך: „וועגען געפיהל, און זיין שייכות צו ליטעראַטור און צו די קונסטען“ (1801) און דאָס איז דער הויפּטציעל פון שאַטאָבריאַן׳ס „דער זשעני פון קריסטענטום“ (1802).

רוסאָ ווערט איצט באַטראַכט אַלס דער געפעהרליכסטער מליץ יושר פאַר די אידעען פון 18טען יאָהרהונדערט. אַ קורצע באַשרייבונג פון די אַטאַקעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען נעגען איהם, וועט ווייזען, וויפיעל עס איז דאָ אמת אין דעם און וויפיעל ליגען.

צוערשט די פּאָליטישע אַטאַקע. אין 19טען יאָהרהונדערט איז וויפיעל מאָל אָנגעוויזען געוואָרען אויף דעם פאַקט — און דער פאַקט איז אַ פאַקט, וואָס מען טאָר איהם ניט פאַרגעסען — אַז דעם 18טען יאָהרהונדערט האָט געפעהלט דער היסטאָרישער חוש, דער היסטאָרישער בליק אויף זאַכען. איינער פון זיינע באַריהמטעסטע פאָרשטעהער — דאַלאַמבער — האָט איינמאָל אויסגעדריקט אַ וואונש: הלואי וואָלט די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט אָפּגעמעקט ווערען פון מענשען׳ס זכרון! אָט דער נאַאיווער גלויבען פון רוסאָ און זיין צייטאַלטער, אַז דער הוילער געדאַנק, אָהן שום שייכות צו געשיכטע אוןווירקליכקייט, קאָן איבעראַנדערשען די גאַנצע עקזיסטירענדע אָרדנונג, איז איצט אָנגעגריפען געוואָרען פון אַלע זייטען. דער דור פריהער האָט געגלויבט, אַז אַלץ וועט זיין גוט און וואויל, ווען מען וועט זיך נאָר באַוואָרענען מיט אַ

געשריבענער קאָנסטיטוציע, וואָס זאָל אָפּשאַפן וואָס זיי באַ־
טראַכטען פאַר אומרעכט, און וועט איינפיהרען וואָס זיי באַטראַכ־
טען פאַר רעכט. פאַר די טוער פון יענער צייט איז דאָס שטיק
באַשריבענע פאַפּיער, אָדער לויט זייער פראַזעאָלאָגיע, די לוחות
פון געזעץ, געווען די אמת'ע, ווירקליכע קאָנסטיטוציע. אַט געגען
דעם באַגריף טרעט ארויס דע־מעסטר מיט זיין גרונדזאַץ: „אַ מענש
קען ניט מאַכען קיין קאָנסטיטוציע, און אַ געזעצליכע קאָנסטי־
טוציע קען ניט זיין קיין געשריבענע". ער איז צוגלייך אי גע־
רעכט, אי געוואַלדיג אומגערעכט.

ער האָט פאַראויסגעפיהלט דעם גרויסען אמת, וואָס קען גע־
רעכענט ווערען פאַר פעסטגעשטעלט אין דער מאָדערנער פּאָליטיק,
אַז די אמת'ע קאָנסטיטוציע פון אַ לאַנד איז די מאַכט־פאַרטיילונג,
ווי זי עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט, אַ מאַכט־פאַרטיילונג,
וואָס קען ניט געענדערט ווערען דורך דעם, וואָס אַ דילעטאַנט־
פּאָליטיקער וועט דאָרט אָנשרייבען אויף אַ בויגעלע פּאַפּיער. פון
דע־מעסטר'ס שטאַנדפּונקט האָט די עקזיסטירענדע מאַכט אַלעמאָל
דאָס רעכט אויף איהר זייט. יעדע מרידה איז פאַר איהם אַ פאַר־
ברעכען. און מיט זיין שאַרפען חוש פאַר דער ווירקליכקייט, האָט
ער ניט געגלויבט אין אַ געשריבענע קאָנסטיטוציע, אלס אַ באַוואָ־
רעניש געגען דעם. שרייבענדיג וועגען באַוואָרענישען געגען פאַר־
ברעכענס, ערקלעהרט ער: „דאָס קען זיין דער מנהג, דער גע־
וויסען, די פּאַפּסטליכע קרוין, דער שווערד, אָבער אַלעמאָל עפּעס".
די געשריבענע קאָנסטיטוציע אליין איז פאַר איהם גאָרנישט.

זיין הויפּט־טעות ליגט אין דער אַרגומענטאַציע, אין דעם, ווי
ער פאַרענטפערט זיין שנאה צו דער געשריבענער קאָסטיטוציע.
ער האַלט, אַז אַלץ, וואָס די מענשליכע חכמה באַשטימט, באַוואָ־
רענט און פאַרשרייבט, איז אַן איינבראָך אין געביעט פון דער געט־
ליכער השגחה.

„עס איז אַ חוצפּה געגען גאָט ניט צו האָבען קיין צוטרוי אין
זיינע אומפאַראויסגעזעהענע וועגען; און ווען אַ רעגירונג וויל זיך
דוקא שטיצען אויף פעסט־געשטעלטע געזעצען, אוזורפּירט זי דאָס
אויבער־רעכט פון געטליכען געזעצגעבער."

און פאַרקערט, די אמת'ע ניט־געשריבענע קאָנסטיטוציע, לויט

וועלכער די פעלקער לעבען, איז פון א געטליכער נאַטור, ווייל, לויט זיין מיינונג, זיינען די פעלקער דאָס וואָס זיי זיינען דורך דעם, וואָס גאָט האָט זיי אַזוי געמאַכט. דער סאָוועריניטעט פון פאָלק שטעלט ער אַנטקעגען פונקט ווי באַנאַלד און לאַמענע, די סאָוועריניטעט פון גאָט. סוף כל סוף פאַרוואַרפט ער זיין אַנקער אין טעאָקראַטיע, אין דער מלוכה פון גאָט.

רוסאָ'ס פּאָליטישע טעאָריען זיינען, אָהן ספק, געווען אומ־פּאָלקאָם ביז'ן העכסטען גראַד, און עס איז לייכט געווען צו מער־קען, וואָסערע געפאַהרען עס לויערען הינטער זיי. זיין פּרינציפּ, אַז קיינער איז ניט מחויב צו פאָלגען די געזעצען, צו וועלכע ער האָט זיין הסכמה ניט געגעבען, טרעפט ניט נאָר די אויטאָריטעט פון מאַכט, נאָר אויך די אויטאָריטעט פון פאַרנונפט, און מאַכט דערמיט אוממעגליך רעגירונג בכלל. זיין צווייטער פּרינציפּ, אַז די סאָוועריניטעט באַלאַנגט צום פאָלק, קען פיהרען צו דער טי־ראַניי פון דער מאַיאָריטעט, ווען דער באַגריף „פאָלק" זאָל צו איינזייטיג אויסגעטייטשט ווערען, און דערמיט מאַכען יעדע פריי־הייט אוממעגליך. זיין דריטער גרויסער פּרינציפּ, אַז „אַלע מענ־שען זיינען גלייך", קען פיהרען צו אַלגעמיינער ניוועלירונג, אַנ־שטאָט צו גערעכטיגקייט.

דאָ זיינען גענוג אַטאַקירבאַרע פונקטען, ווען אַ קריטיקער זאָל צוגעהן צו זיי פון אַ מאָדערנעם שטאַנדפּונקט. העגעל אין זיין צייט, קריטיקירענדיג רוסאָ, האָט געגעבען אַ נייעם פּירוש אויף דער סאָוועריניטעט פון פאָלק: די סאָוועריניטעט פון פאָלק מיינט ביי איהם די סאָוועריניטעט פון שטאַאַט. הייבערג, וועל־כער האָט זיך געפוילט צו דערפיהרען די העגעל'שע טעאָריען ביז צום עקסטרעם, פּרעזענטירט אונז די אויבען־דערמאָנטע העגעל'שע אידעע (אין זיין אַרטיקעל „וועגען אויטאָריטעט") אין אַ משונה־דיג רעאַקציאָנערער פאָרמע: „עס מאַכט ניט אויס, צו די ביי־נערס אינטערעסען ווערען יאָ אָדער ניט געהאָלפען דורך דער ענט־וויקלונג פון שטאַאַט, ווייל ניט דער שטאַאַט עקזיסטירט צוליעב די בירגער, נאָר די בירגער עקזיסטירען צוליעב דעם שטאַאַט.*)

*) העגעל: „ווערק", 8, "פילאָזאָפיע דאָס רעכטס", 369; הייבערג, „פּראָז. שריפטען", 10 ב., 335.

הגם היינט צו טאָג פארהאַלטען מיר זיך מיט אויסגעשפּראָ־כענער אַנטיפּאַטיע צו אַזעלכע רייד, מוזען מיר פונדעסטוועגען אויסהערען די דאָזיגע פּראָטעסטען געגען רוסאָ'ס טעאָריען מיט פּונקט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, ווי יעדע אַנדערע ריכטונג פון מאָ־דערנעם געדאַנק.

אָבער די פּראָטעסטען אין דע־מעסטר'ס צייט זיינען באַגרינ־דעט געווען ניט אויף אַ אידעע און ניט אויף פאַרנונפט בכלל, נאָר אויסשליסליך אויף דעם גלויבען אין אויטאָריטעט; און נאָך מעהר: די אָפּאָזיציע איז אומעהרליך אין איהרע מעטאָדען; די אַטאַקי־רער רייסען אַלעמאָל ארויס פון גאַנצען צוזאַמענהאַנג אַזאַ אָדער אַן אַנדער זאַץ ביי רוסאָ, וואָס ווען מיר לייענען איהם מיט אַ גוטער כונה, איז ער גאַנץ פאַרשטענדליך; וואָס קאָן אָבער לייכט פאַרגעשטעלט ווערען אַלס ווילדער אומזין צוליעב זיין אויסערליך פּאַראַדאָקסאַלער פאָרמע.

באָנאַלד, צום ביישפּיעל, מאַכט חוזק איבער רוסאָ פאַר יע־נעמ'ס אויסדריקען זיך: „אַ פאָלק האָט אַלעמאָל דאָס רעכט צו ענדערען זיינע געזעצען, אפילו די בעסטע; ווארים אויב ער וויל זיך אַליין שעדיגען, ווער האָט אַ רעכט איהם צו שטערען?“ דאָס זיינען געווים איבעראייַלטע ווערטער, אָבער זיי באַרעכטיגען בשום אופן ניט אַ טריט צוריק אין רעאַקציע; די ווערטער לייקענען נאָר דאָס רעכט פון פרעמדע ארייַנצומישען זיך אונטער דעם אויסרייד, אַז דאָס פאָלק וויל זיך אַליין שעדיגען; און דער לעזער וועט זיין אומאַנגענעהם איבעררואַשט, ווען ער וועט זיך דערוויסען דעם טעם, פאַר וואָס באָנאַלד'ען געפעלען אַזוי ניט רוסאָ'ס רייד: מחמת, זאָגט ער, דאָס רעכט אויף געזעצגעבונג געהערט ניט דעם פאָלק, נאָר גאָט.

און נאָך שאַרפער זיינען אָנגעגריפען געוואָרען רוסאָ'ס סאָ־ציאַלע טעאָריען. עס איז לייכט צו פאַרשטעהן, ווארום רוסאָ, האָבענדיג פאַר זיינע אויגען די געזעלשאַפט פון זיין צייט, האָט געקענט קומען צום שלום, אַז מען וואָלט זיך גאַנץ גוט געקענט באַגעהן אָהן אַ געזעלשאַפט בכלל. אָבער דער טעות זיינער, צוזאַ־מען מיט זיין פאַנטאַזיע וועגען דעם פאַרלאָרענעם גליקליכען נאַ־טור־צושטאַנד, האָבען איהם געבראַכט צו אַזעלכע באַהויפּטונגען,

ווי: „דער מענש איז געבאָרען געוואָרען אַ גוטער, נאָר די געזעלשאַפט האָט איהם פאַרדאָרבען“. זיי האָבען איהם פאַרפיהרט צו נאָך קאָמישערע פּאַראַדאָקסען, וואָס זיינען אָבער און ווידער אויפגעבאַפּט געוואָרען אין די פּאָלעמישע ווערק פון דער עפּאָכע פון דער רעסטאַווראַציע, און זיינען דורכגעלעכערט געוואָרען מיט אַזוי פיעל שטעכווערטלעך, ווי אַ קישעלע מיט שפּילקעס. „דער מענש, וואָס דענקט, איז אַ דעגענערירטע חיה“, זאָגט איינמאָל רוסאָ. אַזאַ שפּרוך לאָזט זיך, נאַטירליך, לייכט אַטאַקירען.

אין זיין ענטריסטונג מיט דער געזעלשאַפט, ערלויבט זיך רוסאָ צו ערקלעהרען: „געזעלשאַפט איז גאָר ניט קיין נויטינגער פּועל יוצא פון דער מענשליכער נאַטור. און אַלץ, וואָס וואָרצעלט ניט אין דער נאַטור פון די זאַכען, האָט חסרונות, און די געזעלשאַפט איז הוילע חסרונות“. „געזעלשאַפט!“ — שרייט אויס באָנאַלד, ניט אָהן בארעדזאַמקייט — „ווי די געזעלשאַפט וואָלט באַשטאַנען פון די ווענד פון אונזער הויז, פון דער מויער ארום אונזער שטאָדט! ווי אומעטום, וואו דער מענש ווערט געבאָרען, וואָלט שוין פון פריהער ניט געוועזען אַ פאָטער, אַ מוטער, אַ קינד, אַ שפּראַך, הימעל, ערד, גאָט און געזעלשאַפט!“.

די אידעע, וואָס באָנאַלד וויל איינקריצען אין די מוחות פון זיינע צייטגענאָסען, איז, אַז די אורשפּרינגליכע געזעלשאַפט איז די פאַמיליע און אַז די אויטאָריטעט פון דער פאַמיליע שטאַמט ניט פון וועהלען, נאָר איז פאַרבונדען מיט דער עצם נאַטור פון דער פאַמיליע. אנטקעגען רוסאָ'ס לעהרע, אַז די געזעלשאַפט איז אַ רעזולטאַט פון אַ פרייוויליגען אָפּמאַך, פון אַ קאָנטראַקט, שטעלט ער ארויס זיין אייגענע לעהרע, אַז די געזעלשאַפט איז אַן ארויפגעצוואונגענע זאַך, אַ פּראָדוקט פון מאַכט — אָדער פון דער מאַכט פון איבערצייגונג אָדער פון וואַפען. אנטקעגען דער טעאָריע, אַז מאַכט, אויטאָריטעט האָט לכתחילה באַקומען דאָס געזעץ פון די הענד פון פאָלק, מאַכט ער אַ באַהויפּטונג, אַז עס קען גאָר קיין פאָלק ניט זיין, איידער עס איז ניטאָ מאַכט. דעם רעוואָלוציאָנערען פּרינציפּ, אַז געזעלשאַפט איז **גלייכהייט** און **ברידערליכקייט** שטעלט ער אנטקעגען דעם פּרינציפּ פון פּאַטריאַרכאַלען אַבסאָלוטיזם, אַז געזעלשאַפט איז **פאָטער**־

ליכקייט און אָפּהענגיגקייט. מאַכט קומט פון גאָט, און ער קאָמוניקירט זי צו די ערדישע הערשער.

דער היסטאָרישער אַרגומענט, דאָס באַרופען זיך אויף די ווירקליכע פאַקטען פון דער געשיכטע, האָט אויך דאָ אַ געוואַל־דיגע איבערצייגונגס־קראַפט. אָבער וואָס פאַר אַ געברויך מאַכט באָנאַלד פון אונזער רעספּעקט פאַר געשיכטע און ווירקליכקייט? ער באַנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט, כדי פון הינטען אַרום אויסצופּלפּול׳ן, אַז די איין און איינציגע געזעצליכע סואווערעני־טעט איז די סואווערעניטעט דורך גאָטעס גנאַדען.

און כדי נאָך טיכטיגער צו צוקלאַפּען רוסאָ׳ס באַגריף וועגען שטאַאַט אַלס קאָנטראַקט, האָט מען געזוכט דעם באַגריף פאַרצו־שטעלען ניט נאָר אַלס אומזין, נאָר אויך אַלס פאַרברעכערישען אומזין. אָבער אין פּלוג איז דאָך דאָס דער נאַטירליכער, אומ־פאַרמיידליכער פועל יוצא פון דער איבערשאַצונג פון דער באַ־וואוסטזיניגער זייט אין מענשליכען לעבען, וואָס איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַר׳ן גאַנצען 18טען יאָהרהונדערט. דעם יאָהרהונדערט האָט געפעהלט דאָס פאַרשטענדניס פאַר דאָס אומבאַוואוסטזיניגע, אינסטינקטיווע. ווי וויט גערעכטער, מיט וויפיעל מעהר איינ־זעהעניש העגעל האָט באַהאַנדעלט רוסאָ! ער גיט אָפּ רוסאָ דעם לויב, וואָס איהם קומט. רוסאָ׳ס פאַרדיענסט איז, זאָגט העגעל, וואָס ער האָט אוועקגעשטעלט אַ פּרינציפּ, וואָס זיין תוך איז גע־דאַנק, אידעע — גענויער: ווילען — אַלס דעם פּרינציפּ פון שטאַאַט. און העגעל באַמערקט דערביי, אַז רוסאָ׳ס טעות איז, וואָס אונטער ווילען פאַרשטעהט ער דעם באַוואוסטזיניגען ווילען פון יחיד, די פרייע בחירה; און דאָס איז אַ מיספאַרשטענדניס, וואָס פיהרט צו „אַנדערע, ריין געדאַנקליכע שלוסען, וואָס געהען להיפוך צו דעם אַבסאָלוט געטליכען, צו דער געטליכער אויטאָ־ריטעט און מאַיעסטעט" *).

אין „געזעלשאַפטליכען קאָנטראַקט" מאַכט זשאַן זשאַק רוסאָ אַ פאַרזוך צו געפינען דעם יסוד פון שטאַאַט און געזעצען אין דער נאַטור פון מענשען און דער געזעלשאַפט, אָבער „מענש" און „גע־

*) העגעל: „ווערק", ב. 8, ז. 314.

זעלשאַפט״ נעהמט ער ריין אַבסטראַקט, אויסגעטאָן פון יעדער רעאַליטעט. אָבער שוין מאַנטעסקיע, שרייבענדיג אַ סך פריהער פאַר רוסאָ, האָט שוין בעסער פאַרשטאַנען: „איך האָב קיינמאָל ניט געהערט מען זאָל דיסקוטירען וועגען געזעץ, ניט אריינלאָזענ־דיג זיך פריהער אין אַ לענגערער אונטערזוכונג וועגען דעם אור־שפּרונג פון דער געזעלשאַפט, און דאָס קומט מיר פאַר זעהר קאָ־מיש. ווען מענשליכע באַשעפענישען וואָלטען ניט געבילדעט קיין געזעלשאַפטען, וואָלטען אויסגעמידען און אַנטלאָפען איינער פון אַנדערען, וואָלט געווען אין פּלאַץ צו פרעגען און צו פּרוּאווען אויס־צוגעפינען די סבה, וואָס האַלט זיי אָפּגעזונדערט; אָבער דער פאַקט איז, אַז זיי ווערען אַלע געבאָרען און פיהלען זיך צוגעבונ־דענע איינער צום אַנדערען; אַ זוהן ווערט געבאָרען אין זיין טאַ־טען׳ס הויז און האַלט זיך ביי איהם — דאָס איז די געזעלשאַפט און איהר אורשפּרונג״.

ווען אָנשטאָט דעם פאַרהעלטניס צווישען קינד און פאָטער וועלען מיר נעהמען דאָס פאַרהעלטניס צווישען קינד און מוטער, וואָס איז אַ סך אינטימער, וועט מאַנטעסקיע׳ס ארגומענטאַציע זיין פאָלשטענדיג קאָרעקט. אָבער רוסאָ האָט אין גאַנצען פאַרזעהן אָט די לייזונג פון דער פראַגע. ער האָט געוואָלט וויסען, וואָס פאַר אַ פיהרענדע אידעע האָט די מענשען צוזאַמענגעבראַכט, וואָס פאַר אַ ציעל זיי האָבען זיך דערביי געשטעלט און וואָס זיינען די בעסטע מיטלען צו דערגרייכען דעם ציעל. איז די זאַך אַזוי: טאַקע אמת, אַז די געזעלשאַפט עקזיסטירט דורך דער געגענזייטי־גער הסכמה פון איהרע מיטגלידער; און די הסכמה, אָדער דער קאָנטראַקט, איז דער גייסטיגער יסוד, אויף וועלכען די געזעל־שאַפט רוהט. אָבער דער קאָנטראַקט איז געשלאָסען געוואָרען אָהן ווערטער, שוויגענדיגערהייד; עס איז אַ זאַך וואָס פאַרשטעהט זיך במילא; האָט אַלעמאָל עקזיסטירט, און פאָלגליך איז דער קאָנטראַקט קיינמאָל ניט געווען קיין אויסערליכער פאַקט. פּונקט אויף דעם זעלביגען אופן נעהמען מיר אָן די דעפיניציע, וואָס די געאָמעטריע גיט וועגען דעם אורשפּרונג פון אַ קויל: אַ קויל, אָדער אַ ספערע, באַקומט זיך דורך אַ האַלב־קרייז, וואָס דרעהט זיך ארום זיין אַקס. די דעפיניציע איז דורכאויס קאָרעקט. אָבער זי האָט

קיין שום שייכות ניט צו די פאַקטישע עקזיסטענץ־באַדינגונגען פון וועלכער עס איז קויל. נאָך קיינמאָל ניט איז אַ קויל באַשאַפען געוואָרען דורך אַ האַלב־קרייז, וואָס דרעהט זיך אַרום זיין אַקס.

דערזעלבינער משל קען אונז דיענען צו כאַראַקטעריזירען די לאָגיק פון 18טען יאָהרהונדערט בנוגע צו סאָציאַלע פראַגען בכלל; און נאָך מעהר: ער גיט אַ גענויעם באַגריף וועגען דעם גאַנצען געדאַנקען־גאַנג פון יאָהרהונדערט. דאָס איז אַ טענדענץ, וואָס צורייסט די ערשיינונגען, און באַטראַכט יעדע איינצעלנע ערשיינונג באַזונדער; דאָס איז אַ טענדענץ אין דער ריכטונג פון געאָמעטריע און אַלגעבראַ. די מענשען האָבען געזוכט צו פאַרשטעהן די ווירקליכקייט מיט איהרע שווערסטע און קאָמפּליצירטעסטע פּראָבלעמען, טאַשענדיג אַבסטראַקטע באַגריפען. די דאָזיגע שוואַכקייט האָט געהאָלפען באָנאַלד'ען צו געווינען אַ לייכטען זיעג מיט דער הילף פון אויטאָריטעט־פּרינציפּ. ער באַגעגענט רוסאָ'ס האַפּטלאָזע, צוזעצענדע טעאָריען מיט דער סאָלידער סינטעזירענדער דאָקטרינע פון אַמאָל, פון דער צייט פון אַלטען אַבסאָלוטען קעניגטום: גאָט איז די סואווערענע מ א כ ט, וואָס רעגיערט אַלע באַשעפענישען; גאָט־מענש איז די מ א כ ט, וואָס רעגיערט די מענשהייט, דער הויפּט פון שטאַאַט איז די מ א כ ט, וואָס רעגיערט אַלע זיינע אונטערטאַנען, דער הויפּט פון דער פאַמיליע איז די מ א כ ט אין הויז. אַזוי ווי יעדע מאַכט איז באַשאַפען לויט גאָט'ס מוסטער און שטאַמט פון גאָט, איז זי דערפאַר אַבסאָלוט"*).

הריטענס, ווערט רוסאָ אַטאַקירט אויף אויפ'ן געביעט פון מאָראַל. ער האָט געמיהט זיך צו ווייזען, אַז דער „אינערליכער, ניט געשריבענער געזעץ", פון וועלכען אַנטיגאָן רעדט, איז דער קוואַל פון יעדען אויסערליכען געזעץ. ער זאָגט נעמליך: „וואָס גאָט וויל דער מענש זאָל טאָן, לאָזט ער עס איהם ניט וויסען דורך אַן אַנדער מענשען; ער דערצעהלט עס איהם אליין, ער שרייבט

---

*) האַלער, אין זיין באַרימטער „רעסטאַווראַציע פון דער שטאַאַטס־וויסענשאַפט", לאָזט זיך אויך אַרויס פון זעלבען אויסגאַנגס־פּונקט, ווי באָנאַלד — פון אַן אַטאַקע אויף רוסאָ'ס „געזעלשאַפטליכער קאָנטראַקט".

עס אָן אויף די לוחות פון זיין הארצען". אויב אזוי, וואו קומט אהין טראדיציע, אויטאָריטעט און אָפּענבארונג דורך א צווייטע פּערזאָן? און באַנאַלד ענטפערט איהם אויף זיין שטייגער: „ווען א מענש וואָלט געמוזט פאָלגען זיין אינערליכען געזעץ, וואָלט ער געווען פונקט אזוי ווילענלאָז, ווי א שטיין, וואָס איז אונטערוואָרפען דעם געזעץ פון גראַוויטאַציאָן; ווען, פאַרקעהרט, ער האָט די פרייהייט ניט צו פאָלגען, איז נויטיג אַן אויטאָריטעט, וואָס זאָל איהם אָנווייזען אויף דעם געזעץ און אויסלערנען איהם פאָלגען". אלזאָ, אויך אין מאָראַל איז די דיריגירענדע מאַכט אריבערגעטראָגען פון מענשען'ס אינערליכען געפיהל צו דער אויסערליכער אויטאָריטעט.

די שנאה צו רוסאָ איז אזוי שטאַרק, אז באַנאַלד, צום ביישפּיעל, שרייבט זייטען נאָך זייטען דעקלאַמאַציעס געגען דעם פילאָזאָף'ס אויפרוף צו די מוטערס זיי זאָלען אליין זויגען זייערע קינדער. דאַכט זיך, אז אין דעם פאַל וועניגסטענס האָט רוסאָ'ס מיינונג געדאַרפט אויסנעהמען ביי די שטרענגע פרעדיגער פון פליכט. הויבט זיך ניט אָן! דער דאָזיגער רוף ווייזט ניט מעהר און ניט וועניגער, אז רוסאָ האָט געקוקט אויף מענשען, ווי אויף איינפאַכע חיות. „זשאַן זשאַק רוסאָ ערקלעהרט אין נאָמען פון דער נאַטור, אז עס איז די פליכט פון די פרויען צו זויגען זייערע עופה'לעך, פונקט ווי די חיות טוען און אויס דעמזעלביגען טעם. פאָטערס און מוטערס, וואָס ווערען באַטראַכט פון די פילאָזאָפען אלס איינפאַכע זי'ס און ער'ס, דאַרפען פון זייער זייט באַטראַכטען זייערע קינדער אלס קלייניגקע חיה'לעך"*).

און וואָרום איז באַנאַלד אזוי אין כעס? עס איז קלאָר וואָרום. ער האָט מורא, אז רוסאָ פּראָקלאַמירענדיג א מצוה פון פאַרנונפט, וואָס איז ניט פאַרשריבען אויף די לוחות פון דער רעליגיע, זאָל חס וחלילה ניט פאַרמינערען א ביסעל איהר קרעדיט. „רוסאָ — זאָגט ער ווייטער — האָט מסתמא געגלויבט, אז ער האָט דאָ געכאַפּט די רעליגיע ביי א פאַרנאַכלעסיגונג פון א פליכט. און

*) באַנאַלד, „וועגען גט אין 19טען יאָהרהונדערט פון שטאַנדפּונקט פון דער פאַמיליע און געזעלשאַפטליכער פּאָליטיק". אויסגאַבע 1817, זייטען 29 און 31.

דאָס פאַלט איהם ניט איין, אַז אפשר האָט די רעליגיע, וואָס איז פיעל וויטזיכטיגער פון איהם, מורא געהאַט, אַז יונג פאַרהייראַטע פּאַרלעך וועלען זיך באַנוצען מיט דעם אויסרייד און זיך אָפּזונדערען איינס פון אַנדערען, זאָל זיין אפילו פאַר אַ ווייל.

די מוסרליכע זאָרג פון דער קאַטוילישער קירך וועגען דעם גליק פון מאַן און ווייב און וועגען דער פאַרמעהרונג פון דער מענשליכער ראַסע — דאָס אַלזאָ איז באָנאַלד'ס כונה געווען אַרויסצורוקען אין פאָדערגרונד. די אַטאַקע אויף רוסאָ דיענט איהם נאָר פאַר העלער באַלייכטונג.

מיר האָבען געזעהן, צו וואָס פאַר אַ פאַלשער אויפפאַסונג פון דער געזעלשאַפט דער אומהיסטאָרישער, מאַטעמאַטישער גערדאַנקען־גאַנג פון 18טען יאָהרהונדערט האָט געבראַכט. אַן עהנליכער געדאַנקען־גאַנג האָט געבראַכט צו עהנליכע טעות'ן אויפ'ן געביעט פון פּאָעזיע. אין זייער התפעלות פאַר מאַטעמאַטישער שכל'דיגקייט, פאַר דער זיכערהייט, מיט וועלכער מאַטעמאַטישע באַווייז־פיהרונג ברענגט צו אַלגעמיינע אמת'ען, האָבען די מענשען פון 18טען יאָהר־הונדערט זיך געסטאַרעט מיט אַלע כחות צו צוגעבען אויך דער שפּראַך די מעלה פון מאַטעמאַטישער פּינקטליכקייט. קאָנדיליאַק האָט דעפינירט די וויסענשאַפט אַלס פּערפעקט קלאָרע, פּערפעקט גענויע שפּראַך. זיי האָבען ניט גענוג אָפּגעשעצט דעם פאַקט, אַז איינדרוקען לאָזען זיך ניט איבערגעבען אבי־ווי: איינדרוקען זיינען ביי פאַרשיידען פאַרשיידענע פּערזאָנען, און אפילו ביי איין און דער זעלביגער פּערזאָן זיינען זיי פאַרשיידען צו פאַרשיידענע מאָמענטען. דערפאַר, אום זיי איבערצוגעבען אין ווערטער פאָדערט זי אַ בייגיגע, עמפּפענגליכע שפּראַך, וואָס זאָל פעהיג זיין איבערצונעהמען דעם גייסט, די פולע קוואַליטעט פון דער פּערזאָן, וואָס באַנוצט זי.

וויסענשאַפטליכע האָבען גענומען אויסלאַכען דאָס, וואָס זיי האָבען גערופען פּאָעזיע און סטיל, און האָבען באַהויפּטעט, אַז אין שרייבען איז דער געדאַנק אַלץ און די פאָרמע גאָרנישט. באַראַנט, וועלכער איז געווען דער ערשטער צו פּראָטעסטירען געגען די דאָזיגע אידעען אין אַ קריטישען ווערק, פאַרעפענטליכט פון איהם אין אָנהויב פון נייעם יאָהרהונדערט, אַרגומענטירט זעהר געשיקט:

„ווען שימען זאָגט צו ראדריג: גנעה! איך האָב דיך פיינט! — איז קלאָר, אַז די ווערטער, ווען מען זאָל זיך בעסער איינהערען, מיינען דאָסזעלביגע, ווי זי וואָלט געזאָגט: גנעה! איך האָב דיך ליעב! דאָך, ווען זי וואָלט אוים „פּינקטליכקייט" זיך באַנוצט מיט'ן לעצטען אויסדרוק, וואָלט אַרויסגעקומען אַ גאַנץ אַנדער זאַך: ערשטענס וואָלט פּאַרלאָרען געגאַנגען איהר איינזעהעניש מיט'ן פאָטער, און אויך איהר צניעות און איהר חן".

די פּאָעטען, וועלכע זיינען אייגענטליך צוזאַמען מיט די וויסענשאַפטסלייט באאיינפלוסט געווען פון דיזעלביגע אידעען און זיינען פונקט אזוי ווי יענע ווייט געווען צו באגרייפען סטיל אַלס דער אוממיטעלבארער אויסדרוק פון דער פּערזענליכקייט, האָבען זיך אריינגעוואָרפען אין דער ארבייט פון פאבריצירען סטיל, און זיי האָבען גערעדט וועגען דעם, ווי מען רעדט וועגען פארפאסען און צופּאַסען מוזיק צו אַ באשטימטער ליברעטאָ. זיי האָבען געהאלטען די קונסט פון שרייבען פאר אַן אויסשליסליך דרויסענדיגע קונסט, און — די „באשרייבענדע שול", מיט דעליל בראש, פלעגען מיט אַ כיון אויסקלייבען אומפּאָעטישע טעמען — פּיזיקע, באָטאַניקע, אַסטראָנאָמיע, ים־רייזען — און פון דעם מאטעריאל פלעגען זיי פּראָדוצירען פּאָעזיע. (זעה די פּאָעטישע ווערק פון בואזשאַלען, גודען, עמע מארטען און עמענאר). קורנאַן איז געגאנגען נאָך ווייטער: ער האָט אָנגעשריבען אַ פּאָעמע אין פיער געזאנגען וועגען סטיל גופא און זיינע פארשיעדענע מינים. אויף פּאָעזיע האָט מען גענומען קוקען ווי אויף אַ קינסטליכע פאָרמע אויף צו פארקליידען אין איהר פארטיגע, רייפע געדאנקען. אין דער דאָזיגער אידעע האָט דאָס בופאָן געצילעוועט מיט זיין שארפען, באַריהמטען שפּרוך: דער סטיל איז דער מענש — אַ שפּרוך, וואָס איז שפּעטער געוואָרען אַ גאנגבארע אָפּגעריבענע פראזע, וואָס ווערט ציטירט אויף טריט און שריט, ווען נאָר דאָס וואָרט „סטיל" ווערט דערמאָנט — און עפטער פון אַלעמען באנוצען זיך מיט דער פראזע אַזעלכע מענשען, פון וועלכע עס לאָזט זיך בשום אופן ניט זאָגען, אַז זיי זיינען מענשען, אָדער אַז זיי האָבען סטיל" *).

---

*) מאַדאַם דע־זשיראַרדען האָבען מיר צו פאַרדאַנקען דאָס איינציג וויציגע וואָרט, וואָס איז געזאָגט געוואָרען אין פארבינדונג מיט בופאָנ'ס

די פּאָעטען פון 18טען יאָהרהונדערט האָבען זייער באַגריף וועגען פּאָעזיע אָפּגעלערענט פון זייער אייגענער פּראַקטיק. אַזוי ווי זייער אייגענע פּאָעזיע, זייער אייגענע שפּראַך איז ניט קיין נאַטירליכער פּראָדוקט, נאָר דער רעזולטאַט פון שווערער מיה און האָרעוואַניע, פון פּינקטליכער אָפּהיטונג פון געוויסע כללים וועגען עלעגאַנץ פון אויסדרוק און פון קינסטליכען אָפּקלייבען פון פאַר־גלייכען, בילדער און מיטאָלאָגישע סימבאָלען — האָבען זיי דערפון גאַנץ נאַטירליך געדרונגען, אַז שפּראַך און געדאַנק זיינען צוויי באַזונדערע זאַכען, וואָס ווערען געבאָרען און ענטוויקלען זיך גאַנץ אומאָפּהענגיג איינס פון אַנדערען.

ווען באָנאַלד, צילעוועדיג אין דער דאָזיגער טעאָריע, שטעלט אַוועק זיין אייגענעם זאַץ, אַז שפּראַך און געדאַנק קענען ניט אָפּ־געטיילט ווערען — דער זאַץ, אויף וועלכען ער בויט זיין גאַנץ סיסטעם (אין זיין הויפּט־ווערק: „די אורשפּרינגליכע געזעצגע־בונג“) — איז ער אָהן ספק גערעכט. אָבער מיט דער דאָזיגער לעהרע פּאַסירט דערזעלביגער אומגליק, וואָס מיט אַלע לעהרען פון די רעסטאַוראַטאָרס פון דער פאַרגאַנגענהייט; די אָרטאָדאָק־סישע חולאת, פון וועלכער דער פּאַרפּאַסער ליידט, לאָזט איהם ניט וואויל באַקומען קיין איין אמת׳ן געדאַנק; ער דרעהט איהם און קריפּעלט איהם אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט פון איהם אַ משונה׳דיגע פאַרזעהעניש. „דער ענטפער אויף דער גרונד־פראַגע פון מענ־שען׳ס גייסטיגען לעבען — זאָגט באָנאַלד — קען געגעבען ווערען אין דער פאָלגענדער פאָרמע: „אַ מענש מוז טראַכטען זיינע ווער־טער, איידער ער רעדט ארויס זיין געדאַנק. מיט אַנדערע ווער־טער: אַ מענש מוז וויסען דאָס וואָרט, איידער ער רעדט איהם ארויס, און דער דאָזיגער זעלבסטפאַרשטענדליכער פאַקט שליסט

שפּרוך. זי זוכט צו באַווייזען, אַז אין יעדער נאָוועלע פון זשאָרזש זאַנד מערקט זיך דער איינפלוס פון אַ לעבעדיגער פּערזאָן, פון וועלכער די פּאַרפּאַסערין האָט גראַד צו יענער צייט געכאַפּט התפּעלות, און זי באַרופט זיך אויף אַ געוויסען ווינצלינג, וועלכער זאָל זיך האָבען אויס־געדריקט: „ערשט ווען מיר קריטיקירען די ווערק פון פרויען־שריי־בערינס, מוזען מיר אָפט אויסשרייען צוזאַמען מיט בופאָן: דער סטיל איז... דער מאַן!“ וויקאַנט דע־לאַנע, „פּאַריזער בריעף“ 1, 89.

אוים די מעגליכקייט, אַז דער מענש זאָל אַליין האָבען ערפונדען זיין שפּראַך". אַזוי קומט באַנאַלד צו דער טעאָריע, וואָס איז אַזוי באַליעבט ביי די רעאַקציאָנערען פון 19טען יאָהרהונדערט, אַז די שפּראַך איז אורשפּרינגליך געגעבען געוואָרען דעם מענשען פון גאָט. קיערקעגאַארד דריקט אוים דעמזעלביגען געדאַנק, ווען ער ערקלעהרט, אַז עס קען ניט געמאָלט זיין, דער מענש זאָל אַליין האָבען ערפונדען די שפּראַך („וועגען דער אידעע פון שרעק"). וואָרום? ווייל די שפּראַך איז צו איהם אַ פאַרטיגע אַנטפּלעקט געוואָרען פון גאָט.

אַנטקעגען לאָק'ס און קאָנדיליאַק'ס פאַרנינפטיגער טעאָריע וועגען דער לאַנגזאַמער עוואָלוציע פון שפּראַך און אידעען טרעט דאָס באַנאַלד ארוים מיט זיין גרונד־זאַץ, אַז שפּראַך און אידעען האָבען אַנדערש ניט געקאָנט ווי קומען צום מענשען פאַרטיגערהייד דורך אַפּענבאַרונג. אויף דיעס דאָזיגען גלויבען זיינעם בויט ער ניט מעהר און ניט וועניגער ווי די דאָגמאַ פון גאָט'ס עקזיסטענץ, פון וועלכער אַלע איבעריגע דאָגמען נעהמען זיך שוין במילא ארוים. וואו מיר זאָלען זיך ניט אַ קעהר טאָן, שטויסען מיר זיך אַלץ אָן אויף איינס און דאָסזעלביגע. אַזוי ווי קיין איינער פון די רעאַקציאָנערען האָט קיין באַגריף ניט געהאַט וועגען וויסענשאַפט — זיי האָבען אַלע געהאַט גוטע קעפּ, אָבער מיט אַזוי וועניג בילדונג, וויפיעל מען האָט געקענט קריגען אין די יעזואיטישע שולען — איז ניטאָ קיין איין וויסענשאַפטליכער אומזין, וואָס זיי זאָלען ניט האָבען גערעדט אָדער געשריבען. די שפּראַך־וויסענשאַפט האָבען זיי פּונקט ווי די פּאָליטישע און סאָציאַלע וויסענשאַפטען מקריב געווען אויפ'ן מזבח פון טעאָקראַטיע.

אַלס מערקווירדיגער ביישפּיעל פון דער סאָלידאַריטעט, וואָס האָט פאַרקניפּט די רעאַקציאָנערען, קען דאָ דערמאָנט ווערען, אַז אין יאָהר 1814 האָט באַנאַלד ארויסגעלאָזען אַ צווייטע אויסגאַבע פון דע־מעסטר'ס ווערק „דער שעפּערישער פּרינציפּ פון פּאָליטישע קאָנסטיטוציעס", דאָס הייסט, ער האָט געלאָזט צירקולירען אַ בוך, אין וועלכע אַלע געשריבענע קאָנסטיטוציעס ווערען שאַרף פאַרדאַמט, — הגם ער אַליין, ארויסגעהענדיג פון זיין שטאַנדפּונקט וועגען דער דירעקטער אַפּענבאַרונג פון שפּראַך, איז געקומען צום

שלום, אַז אַלע מצוות, אָנהויבענדיג פון די עשרת הדברות, זיינען לכתחילה פאַרשריבען געוועזן, האָבען פון אָנהויב אָן געמוזט עק־זיסטירען שוואַרץ אויף ווייס. אָבער פאַר איהם, ווי פאַר דע־מעסטר׳ען, איז דער עיקר געווען, אַז די קאָנסטיטוציע טאָר ניט מאַכען קיין הנחות צום גייסט פון דער צייט, אַז אויטאָריטעט מוז שטעהן פעסט, ניט געבויגען פון די פרייהייטס־ווינטען; דערפאַר האָט ער ניט פיעל קלערענדיג זיך באַנוצט מיט דער הילף פון אַ מיט־ברודער אין רעליגיע, הגם ער איז זיך מיט איהם פאַנאַנדער־געגאַנגען אין אַ וויכטיגען פונקט.

פאַר די דאָזיגע רעאַקציאָנערען איז ניט גענוג געווען, וואָס זיי אַליין האָבען זיך אויפגעצויגען אין יעזואיטישע שולען; זיי האָבען גריילין געוואָלט אַוועקזעצען אהין די גאַנצע יוגענד פון דער נאַציאָן. דע־מעסטר איז אַלע זיינע יאָהרען געווען אַ הייסער שיצער און שטיצער פון די יעזואיטען. ער איז בדאי גרייט געווען אויסצושטעהן גאַנץ ערנסטע אומאַנגענעמליכקייטען פון פעטערבור־גער הויף, אבי ניט צו פאַרלאָזען זיי מיט זיין הילף.

דער דריטער טייל פון באָנאַלד׳ס „אורשפּרינגליכע געזעצ־געבונג״, וואָס באַהאַנדעלט הויפּטזעכליך די פראַגע פון ערציהונג, איז געציעלט געגען רוסאָ׳ס „עמיל״; ער קאָן ניט מוחל זיין דעם בוך זיין אויספיהר, אַז רעליגיאָן דאַרף ניט געלערנט ווערען מיט קינדער, אַז זי דאַרף ניט האָבען קיין פּלאַץ אין זייער ער־ציהונג, און מיט פולען ערנסט דערצעהלט ער אייך, כדי צו באַ־ווייזען צו וואָסערע אומגליקליכע רעזולטאַטען עס ברענגען רוסאָ׳ס ערציהונגס־פּרינציפּען, אַז פאַר די לעצטע פינף חדשים זיינען 75 קינדער באַשטראָפט געוואָרען אין געריכטען פאַר פאַרשיידענע פאַרברעכענס. און דאָ קומט ער ארויס מיט זיינע אייגענע פּרינ־ציפּען. זיינע פּרינציפּען, ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען, דאַר־פען פיהרען צו דער פאַלשטענדיגער אונטערדריקונג פון דער פּער־זענליכקייט.

„מיר נויטיגען זיך אין אַ שטענדיגען, גלייכמעסיגען און איינפאָרמיגען אונטערריכט און פאָלגליך — אין אַ שטענדיגען, גלייכמעסיגען און איינפאָרמיגען לעהרער; דערפאַר דאַרפען מיר האָבען אַ קאָרפּוס פון לעהרער, ווייל אָהן אַ קאָרפּוס קענען מיר ניט

דערגרייכען ניט קיין שטענדיגקייט און ניט קיין גלייכמעסיגקייט און ניט קיין איינפארמיגקייט".

ער באהויפטעט, אז פון פארהייראטע לעהרער קען מען ניט ערווארטען, זיי זאלען זיך מקריב זיין פאר זייער בארוף, און אומפארהייראטע טויגען אויך ניט צום דיענסט, סיידען זיי זיי־נען אונטער דעם צוואנג פון א רעליגיעזען נדר. „ווארום וועלט־ליכע לעהרער אפילו, ווען זיי זיינען אומפארהייראט, קענען ניט בילדען קיין אמת'ן קארפוס, זיי וועלען אין איהם אריין און וועלען פון איהם ארויס לויט וואונש און קאפריז; א חוץ אלעמען, קיין פאמיליען־פאטער וועט ניט ריזיקירען אנצוטרויען זיינע קינדער צו אן אומפארהייראטען מאן, וועמעס מאראל איז ניט געזיכערט דורך א רעליגיעזער שבועה און א רעליגיעזער דיסציפלין". מיט אזעלכע ארגומענטען קומט ער צום שלום, אז די גאנצע ערציהונג פון פאלק דארף אנפארטרויט ווערען צו די גלחים און דארף טרא־גען אן אויסגעשפראכען רעליגיעזען כאראקטער, כדי די קינדער זאלען באצייטענס צוגעוואוינט ווערען צו עהרפורכט פאר דער אויטאריטעט, וועלכער זיי וועלען דארפען געהארכען זייער לעבען לאנג.

דאס צוריקפיהרען אויף דעם פרינציפ פון אויטאריטעט, דאס טייטלען כסדר צו איהם, דאס דרינגען פון איהם — דאס איז דער בולט'סטער שטריך פון דער דאזיגער ליטערארישער גרופע. די פראנצויזישע רעסטאווראטארס פראקלאמירען דעם פרינציפ מיט א סך מעהר ברען, ווי די דייטשע. טיילווייז ערקלערט זיך דאס מיט זייער ראסען־כאראקטער, טיילווייז מיט זייער קאטוילישער ערציהונג. די רעאקציאנערע באוועגונג אין דייטשלאנד, ווי מיר האבען געזעהן, האט איהר אורשפרונג אין דעם הפקר־ווילען פון יחיד, וואס וויל פון קיין געזעץ ניט וויסען.*) און הגם זי האט געהאט א שוואכקייט פאר קאטוליציזם און האט זיך ליעב געהאט צו פוצען אין קאטוליציזם, דאך איז דער דייטשער ראמאנטיקער קיינמאל ניט געווארען אזוי דורך און דורך קאטויליש, אזוי אפ־געטעריש אין זיין דיענסט צו אויטאריטעט, ווי די פראנצויזישע רעאקציע. דער דייטש־פראטעסטאנטישער אייגען־ווילען, וואס

*) „די ראמאנטישע שול אין פראנקרייך", ז. 42.

זוכט זיך כסדר צו באַהויפּטען, האָט ניט דערלאָזען דערצו. דער פראַנצויזישער גייסט איז ווייכער, נאָכגיביגער. און עס מוז צו־געגעבען ווערען, אַז עס איז פאַראַן אַ געוויסער רייץ אין דער פולער, אויסגעהאַלטענער, ניט־געמילדערטער רעאַקציע, וואָס דאָס פעהלט אינגאַנצען דער אומאַנטשלאָסענער, דער צוקראָכענער רעאַקציע.

אפילו ווען די שטימונג האָט זיך שוין געהאַט געביטען, און די איבערקערעניש איז געווען נאָהענט און די שול האָט געהאַלטען אָט אָט ביים צעפאַלען ווערען — הערען מיר נאָך אַלץ די באַ־הויפּטונג (לאַמענע, אין זיין בוך „וועגען רעליגיעזער גלייכגילטיג־קייט“), אַז ניט געפיהל און ניט וויסענס־דורשט, נאָר אויטאָריטעט איז דער הויפּט־סימן פון אמת'ער רעליגיע; אַז אמת'ע רעליגיע איז אָהן ספק די יעניגע, וואָס שטיצט זיך אויף דער שטאַרקסטער זיכטבאַרער אויטאָריטעט. און פון סאַמע אָנ־הויב פון דער באַוועגונג הערען מיר אַלע איהרע פאָרשטעהער זיך אַרויסזאָגען אין דעמזעלביגען גייסט. פאַר באָנאַלדען איז די רע־ליגיע געווען אַ סאָרט פּאָליציי פאַר אויפהאַלטען אָרדנונג. איי־ניגע ציטאַטען פון זיינע ווערק וועלען עס באַשטעטיגען.

„רעליגיע איז דער שטריק, וואָס בינדט צענויף יעדע געזעל־שאַפט, און נאָך מעהר דיענט זי צו פאַרפעסטיגען דעם קנופּ פון דער פּאָליטישער געזעלשאַפט; דאָס וואָרט רעליגיע גופא (פון לאַטיינישען „רעליגאַרע“ — פאַרבינדען) ווייזט גענוג דייטליך, אַז זי איז די נאַטירליכע און גויטיגע צוזאַמענהאַלטענדע קראַפט פון דער געזעלשאַפט בכלל, און פון דער פאַמיליע, און פון שטאַאַט. רעליגיע פיהרט איין אָרדנונג אין דער געזעלשאַפט, ווייל זי לערנט די מענשען פון וואַנען מאַכט און פליכטען קומען. דער פּרינציפּ פון אָרדנונג איז דער הויפּט־וויכטיגער טייל פון רע־ליגיע. — רעליגיע וועט טריאומפירען, ווייל, ווי מאַלעבראַנש דריקט זיך אויס, אָרדנונג איז דער איניגסטער, אומ־באַריהרליכער געזעץ פון גייסט“.

אין זיין פרייד איבער דער שטייגענדער רעאַקציע, דריקט ער זיך אויס:

„מיר זעהען שוין, אַז אַלע אייראָפּעאישע שרייבער, וועלכע האָבען וויפיעל עס איז רעכט אויף רוהם, אַנערקענען, פאַרטיידי־

גען די נויטיגקייט פון דער קריסטליכער רעליגיע, און שטעמפּלען דערמיט זייערע ווערק מיט דעם זיגעל פון אומשטערבליכקייט; ווייל — זאָלען די שרייבער עס גוט נעהמען אין אכט — אלע ווערק, וואו דער גרונד־פּרינציפּ פון אָרדנונג ווערט פארלייקענט, אָדער ווידערשפּראָכען, וועלען פארשווינדען; בלויז יענע, וואו דער פּרינציפּ ווערט אנערקענט און פארהערליכט, וועלען אין עהרע זיך איבערגעבען צו די שפּעטערדיגע דורות".

מערקט, אז דאָ איז קיין פראגע ניט וועגען גאָטספאָרכטיג־קייט, פרומען גלויבען און הייסען געפיהל. רעליגיע איז דער קנופּ, אָרדנונג, דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט. וואָס פאר אן אונטערשייד פון דייטשלאנד, וואו אפילו לבנה־שיין־סענטימענ־טאַליטעט ווערט פארוואנדעלט אין רעליגיע!

ווי מאָדנע, באנאלד'ס התלהבות פאר רעליגיע, אלס אָרדנונג, גיט איהם א געוויסע עהנליכקייט (ער אליין וואָלט עס מיט צאָרן געלייקענט) צו דעם מאן, וועמען ער האָט געהאסט מעהר פון אַלעמען — איך מיין, ראָבעספּיער'ן. ראָבעספּיער איז אויך געווען א ליידענשאפטליכער ליעבהאָבער פון אָרדנונג, און צוליעב דעם טאקי האָט ער געזוכט איינצופיהרען א שטאאטס־רעליגיע. די נפקא מינא איז נאָר, וואָס ראָבעספּיער האָט געוואָלט אזא אָרדנונג, וואָס זאָל באוואָרענען די געווינסען פון דער רעוואָלוציע, און פאר באנאלד'ען האָט דאָס וואָרט געמיינט דער סך הכל פון אלע באַ־יאָהרענטע טראדיציעס.

באנאלד און דע־מעסטר זיינען איינס אין דעם פּונקט. דע־מעסטר זאָגט: „אָהן א פּאפּסט איז ניטאָ קיין סואווערעניטעט, אָהן סואווערעניטעט איז ניטאָ קיין איינהייט, אָהן איינהייט איז ניטאָ קיין א ו י ט א ר י ט ע ט, און אָהן אויטאָריטעט איז ניטאָ קיין גלויבען". ער ערקלערט מאַנארכיע פאר א נס, וואָס איז העכער פון יעדער קריטיק, העכער פון וויסענשאפט און פאָר־שונג. ער ריהמט ברוטאלע געוואלט צוליעב געוואלט. אין זיינע ביכער אונטערוואַרפט ער די מיליטערישע גוזעלשאפט אונטער דער דיסציפּלין פון קאפּראַל'ס שטעקען, און די קירכערליכע גזעל־שאפט אונטער דעם הענקער'ס האַק. דעם לעצטען מיטעל האָט ראָבעספּיער געמאכט פאר א פאקט פון דער גרויזאמער ווירק־

ליכקייט, הגם ניט פריהער ביז ער האָט קיין אַנדער רעטונג ניט געזעהן פאַר דער רעוואָלוציע, ווי אין דיקטאַטור. אַזוי האָט אויך דע־מעסטר פונקטען, וואו ער באַגעגענט זיך מיט ראָבעספּיער'ען. און ער קרוינט זיין טעטיגקייט מיט אַ לויב־געזאַנג פאַר דער אינקוויזיציע.

וואָס, אַלזאָ, איז אַלע די דאָזיגע שרייבער אַם נעהענטסטען געלעגען צום הארצען, איז אויטאָריטעט, מאַכט. אין שטאַאַט ווערט אויטאָריטעט אונטערגעבראָכען פון די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, וואָס ברייינגען מיט זיך געצוואונגענע אָפּוועקסלונג פון מיניסטעריומס; אין רעליגיע ווערט זי געשטעלט אין סכנה, ווען די גייסטליכקייט באַקומט פאַרהעלטניסמעסיגע אומאָפּהענגיגקייט פון רוים (דערפאַר דע־מעסטר'ס בוך געגען „גאַליקאַניזם"), אָדער נאָך ערגער: פאַלשטענדיגע אומאָפּהענגיגקייט (לויט באָנאַלד'ען, דורך דעם „פּרעסביטעריאַניזם"); אין דער פאַמיליע ווערט אויטאָריטעט געשטירצט פון דער רגע אָן, ווען דער געזעץ ערלויבט גט'ען, עס מאַכט ניט אונטער וועלכע אומשטענדען. קעניג, מיניסטער, אונטערטאַן; פּאַפּסט, גלח, קירכען־געמיינדע; הויז, ווייב, קינד — דאָס זיינען פאַר באָנאַלד'ען אומצעטיילבאַרע דרייןלינגען, געשאַפען לויט דעם געשטאַלט פון דער געטליכער דרייאייניגקייט. און אין זייער אומצעטיילבאַרקייט באַשיצען און באַשירמען זיי די גרויסע גרונד־פּרינציפּען פון אויטאָריטעט און אָרדנונג.

זוכענדיג דאָ און דאָרט, אָנשטויסענדיג זיך אומעטום אויף דעם זעלביגען גרונד־געדאַנק, האָבען מיר אַנטדעקט די הערשענדע אידעע פון דער נייער עפּאָכע. מען קאָן זי אָנרופען מיט פאַרשיידענע נעמען. דאָס איז דער גרויסער פּרינציפּ פון ד ר ו י ס ע נ ־ ד י נ ק י י ט אין געגענזאַץ צום פּערזענליכען זעלבסט־געפיהל און אינדיווידועלער פאָרשונג; דאָס איז דער גרויסער פּרינציפּ פון ט ע אָ ק ר אַ ט י ע, פון גאָט'ס אויבער־הערשאַפט און סואווערעניטעט אין געגענזאַץ צו דער סואווערעניטעט פון פאָלק; דאָס איז דער פּרינציפּ פון א ו י ט אָ ר י ט ע ט און מ אַ כ ט, אין געגענזאַץ צו די פּרינציפּען פון פרייהייט, פון מענשליכע רעכט און פון מענשליכער סאָלידאַריטעט. וואו מיר זאָלען זיך ניט ווענ־

דען, עקזאַמענירענדיג די פאַרשיידענע געביטען פון מענשליכען לעבען, געפינען מיר אומעטום דעמזעלביגען לאָזונג און דיזעלביגע ווייסע פאָן. די גרונד־אידעע לעגט איהר שטעמפעל אויף אַלץ.

אין שטאַאט ברענגט זי דערצו, אַז דער פּרינציפּ פון רעכט זאָל פאַרביטען ווערען מיט דעם פּרינציפּ פון מאַכט — וואָס געהט אונטער׳ן נאָמען פון געטליכער מאַכט און ווערט קעניגטום פון גאָטעס גנאַדען. אין דער געזעלשאַפט פּרעסט זי אַרויס די אי־דעע פון ברידערליכקייט, פאַרבייטענדיג זי מיט האַלב־פּאַטרי־אַרכאַלישער, האַלב־טיראַנישער פּאַטערליכקייט; די אידעע פון גלייכהייט טרעט גלייכצייטיג אָפּ איהר פּלאַץ דער אידעע פון אָפּ־הענגיגקייט. אויפ׳ן געביעט פון מאָראַל מעקט זי אָפּ דעם אינע־ווענינגסטען געזעץ, און לאָזט פּאָפּסטליכע בולעס און קירכען־ראַ־טען פאַרנעהמען זיין אָרט. רעליגיע איז פאַר איהר ניט גלויבען, נאָר שטריק, פּענטעס, אמת׳ע „פּאָליטישע קייטען", געגען וועלכע די רעוואָלוציאָנערען שרייען אַזוי פיעל. זי דעקרעטירט די אומצע־רייסבאַרקייט פון הייראַט, פון שטאַט. זי לערענט, אַז שפּראַך איז אַ דירעקטע מתנה פון גאָט צום מענשען, און דערשטיקט דערמיט די שפּראַך־וויסענשאַפט אין איהר סאַמע געבורט, כדי אויפצושטעלען אויף איהר קערפּער אַ טעאָלאָגישע פּיראַמידע. זי מאַכט אמת׳ן וויסענשאַפטליכען פּאָרטשריט אוממעגליך; אונטערזוכונג און פּאָרשונג דאַרפען געפיהרט ווערן אויף געה־בענדער פון דער מעכ־טיגער אויסערליכער מאַכט. זי פאַרטעמפּט די מוחות פון וואַק־סענדען דור, אַנטרויענדיג זיין בילדונג צו אַ קאָרפּוס פון פּאָלירטע, איידעל־ערצויגענע האַלבע מאַנסבילען, וואָס האָבען געשוואָרען אַ שבועה פון בלינדער געהאָרכזאַמקייט צום גענעראַל פון יעזואי־טישען אָרדען.

און דיזעלביגע אידעע, גלייך נאָך איהר ערשטען קרעפטיגען אויפטריט, פאַרכאַפּט די ליטעראַטור און לעגט אַוועק איהר זיגעל אויף בעלעטריסטיק, לירישער פּאָעזיע, אָנהויבענדיג פון ליעד און באַלאַדע ביז צו אָדע און הימנע, און אפילו אויך אויף דער דראַמע. די ליליע ווערט די קעניגליכע בלום פון דער ליטעראַטור. די נייע פּאָעטישע שול גיט זיך אַ נאָמען די סעראַפיסטישע (שרפים־שול).

איהרע העלדען, איהרע טיפּישע כאַראַקטערע זיינען מאַרטי־

רער, ווי אין שאַטאָבריאַן׳ס שריפטען, אָדער נביאים, ווי ביי הוגאָ און דע־ווינֿי. איהרע פּאָעטען זוכען באַגייסטערונג און טעמען אין דער ביבעל און ביי מילטאָנ׳ען. פאַרפאַסערינס, ווי מאַדאַם דע־קרידענער, שפּיעלען די ראָלע פון נביאה׳טעס און באַאיינפלוסען גאַנץ שטאַרק דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען פון זייער צייט. די זאַלבונג פון קעניג, די געבורט פון יורש עצר, רופען ארויס פייער־ליכע אָדעס און פאַרקלערטע עלעגיעס פון אַזעלכע פּאָעטען, ווי הוגאָ און לאַמאַרטין. די געבורט פון גראַף שאַמבאָר איז כמעט אַ נס מן השמים און ווערט באַזונגען איבער׳ן גאַנצען לאַנד. שאַטאָב־ריאַן מיט אַ צלם אין האַנד פאַריאָגט די מיטהאָלאָגישע געצען פון ראָמאַן; און לאַמאַרטין און הוגאָ מיט צלמים אין די הענד פאַר־יאָגען זיי פון דער פּאָעזיע. אויף דער ביהנע באַווייזען זיך די טעמפּעל־ריטער און די מאַקאַבעער (מיט וועלכע מיר האָבען זיך שוין באַקענט אין זכריה ווערנער׳ס „די זיהן פון טהאָל” און „די מוטער פון די מאַקאַבעער”); די טעמפּעל־ריטער ווערען ארויס־געבראַכט פון ריינואַר און די מאַקאַבעער פון גיראַ. און עס איז ניטאָ קיין געפיהל אין מענשליכען האַרץ, קיין ווינקעל אין מענש־ליכען גייסט, קיין צווייג אין דער ליטעראַטור, אויף וועלכע די רעסטאַווירטע אַלטע אָרדנונג האָט ניט ארויפגעדריקט איהר סימן, פאַר דער צייט פון איהר הערשאַפט *).

*) באַנאַלד, „די טעאָריע פון מאַכט”, ב. 1—3; „די אורשפּרינג־ליכע געזעצגעבונג”, „אַנאַליז פון די נאַטירליכע געזעצען”, „וועגען גט”; באַראַנט, „אַ בילד פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אין 18טען יאָהרהונדערט”; לאַמענע, „וועגען גלייכגילטיגקייט אין רע־ליגיעזע ענינים”; לאָראַן, „די געשיכטע פון מענשען־רעכט”, ב. 16.

4.

„דער זשעני פון קריסטענטום".

פון אַ מאַטעריאַליסט פאַרוואַנדעלט זיך שאַטאָבריאַן אין אַ פאַרהערליכער פון קריסטליכע דאָגמען און ריטואַל. — פאַרבלייבט טריי זיין מוטער'ס צוואה. — וואָס שטעלען מיט זיך פאָר די קריסטליכע ראָמאַנטיקער? — שאַטאָבריאַן'ס סטיל; זיין אַרטיסטישע נאַטור. — „אָה, ווי שעהן איז קריסטענטום!" — „קריסטליכע רעליגיע, די גינסטיגסטע פאַר פרייהייט, קונסט און ליטעראַטור". וואָס איז מעהר פּאַטעטיש: קריסטליכע לעגענדען אָדער היידנישע מיטאָלאָגיע? — „זשעני פון קריסטענטום" געשריבען בשותפות מיט מאַדאַם דע־באָמאָן. — שאַטאָבריאַן העצט געגען פאַרהייראַטע גלחים זייענדיג אַליין פאַרהייראַט אָהן „חופּה וקדושין".

שאטאבריאַן'ס בוך „דער זשעני פון קריסטענטום", וואָס האָט לכתחילה געטראָגען דעם כאַראַקטעריסטישען נאָמען: „די שעהנקייטען פון דער קריסטליכער רעליגיע", באַצייכענט דעם איבערגאַנג פון דער ערשטער שטופע צו דער צווייטער שטופע פון דער רעאַקציע, ווייל דאָס איז אַ פּארזוך צו פאַרענטפערן און צו רעאַבּילי־טירען אויטאָריטעט מיט דער הילף פון געפיהל און פאַנטאַזיע, הנם פון ווערק גופא ווהעט מיט קעלט און פאַרפראָרענעם געפיהל.

דאָס איז געווען אַ פאַרהערליכונג פון קריסטענטום גאָר פון אַ נייעם מין; עס אַפּעלירט צו דער פאַנטאַזיע, ניט צום גלויבען; צום געפיהל, ניט צו דער פאַרנונפט. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי דאָס ווערק איז געשריבען אין דער איבערצייגונג, אַז פאַרנונפט איז איצט פיינדליך צום קריסטענטום און אַז גלויבען איז פאַר־שוואונדען.

מיט איניגע יאָהר צוריק, פאַר'ן שרייבען דאָס ווערק, איז דער אויטאָר געווען אַ פריידענקער, און נאָך מעהר ווי אַ פריידענקער — אַ מאַטעריאַליסט. אַ באַווייז דערפאַר האָבען מיר אין איניגע נאָטיצען, פון זיין האַנדשריפט, אויף די ברעגען פון אַ בוך, וואָס האָט באַלאַנגט צו איהם און וואָס סענט־בעוו האָט געפונען. נעבען די ווערטער: „גאָט, מאַטעריע און שיקזאַל זיינען איינס" — האָט

שאטאבריאן צוגעשריבען: „דאס איז מיין סיסטעם, און אין דעם גלויב איך". נעבען די פאלגענדע זאצען: „איהר זאגט, גאט האט אייך באשאפען מיט א פרייען ווילען. אבער דאס איז ניט די פראגע. האט ער פאראויסגעזעהן, אז איך וועל פאלען, און איך וועל דארפען אפקומען אין דער אייביגקייט? יא, זיכער. אויב אזוי, איז אייער גאט א גרויזאמער, אומפארנינפטיגער טיראן" — לייענען מיר אין די נאטיצען: „די טענה לאזט זיך ניט אפפרעגען און שטירצט די גאנצע געביידע פון דער קריסטליכער לעהרע. אבער סיי־ווי גלויבט היינט צו טאג קיינער ניט אין איהר".

דאס איז געווען דער שטאנדפונקט פון יונגען שאטאבריאן, אבער ער איז לאנג ביי איהם ניט געבליבען. ער איז געווען צו־פיעל געבארענער צווייפלער, אום צו קענען זיך לאנג האלטען אפילו מיט א נעגאטיווער איבערצייגונג. אויף וויפיעל די פילאזאפיע פון 18טען יאהר־הונדערט איז געווען גלויבען—גלויבען אין דעם שטענ־דיגען פארווערטס־מארש פון דער מענשהייט—דאס האט ער אודאי פריהער פון אלץ געמוזט פארווארפען, און ווען אט די איבערצייגונג איז אוועק, האט זי מיטגענומען אלע איבריגע. ער אליין האט צו־געשריבען זיין באקעהרונג צו דעם איינפלוס פון זיין מוטער, וועל־כע האט אויפ'ן טויטען־בעט איהם געבעטען, טריי צו בלייבען צו איהר אמונה. „איך האב געוויינט און געגלויבט" — דערצעהלט ער.

אליין באקעהרט, אדער האלב־באקעהרט, דורך דעם געפיהל, האט ער זיך איצט געמיהט צו באאיינפלוסען אנדערע מיט דעם־זעלביגען מיטעל. עס איז אפשר מעהר ניט געווען צו ערווארטען, אז די פארנונפט זאל זיך לאזען איבעררעדען פאר די עיקרים פון קריסטענטום, אבער עס איז זיכער נאך געווען א מעגליכקייט אויפצואוועקען סימפאטיע צו איהר ריהרענדער, נאבעלער פאעזיע. די אידעע איזווירקליך אריגינעל — כאראקטעריסטיש סיי פאר דעם מאן און סיי פאר זיין צייט — צו מאכען פון דער פארטיי־דיגונג פון קריסטענטום א טראקטאט וועגען שעהנקייט. א גאנצען קאפיטעל גיט ער אפ צו דער זיסער מעלאדישער מוזיק פון די קיר־כען־גלאקען. ער באשרייבט די איינפאכע דארפס־קירך; מיט איהר אומשולד, מיט איהר פרידען. ער איז אונז מכבד מיט ביל־

דער און סימבאָלען, וואו מיר ריכטען זיך אויף באַווייזען. באַנאַלד באַמערקט אין אַ פּלאַץ, אַז אין ביכער, וואו דער ארגומענט פיהרט די פּאַרנונפּט, אַזעלכע ווי זיינע, טרעט דער אמת אויף ווי אַ קעניג אין פראַנט פון זיין אַרמעע אין טאָג פון שלאַכט, בעת אין אַזעלכע ביכער, ווי שאַטאָבריאַנ'ס „דער זשעני פון קריסטענטום", איז דער אמת גיכער עהנליך צו אַ קעניגין, וועלכע ווייזט זיך אין טאָג פון איהר קרוינונג, אַרומגערינגעלט מיט דער גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ, וואָס מען קען נור צוזאַמענקריגען. ער מיינט צו זאָגען, אַז שאַטאָבריאַן'ס כונה איז גיכער צו באַוועגען די הערצער פון די מענ־שען, איידער זיי צו איבערצייגען. אין אַ פּריוואַטען געשפּרעך האָט באַנאַלד זיך אויסגעדריקט אַ סך פּראָסטער: „איך האָב גע־געבען מיינע פּילען אַזוי ווי זיי זיינען; שאַטאָבריאַן האָט זיי פּאַר צוקערט".

עס איז ניטאָ קיין שטאַרקערער באַוויז, ווי שאַטאָבריאַן'ס בוך, ווי ווייניג ערנסט עס זיינען די רייד וועגען רעליגיעזער ווי־דערגעבורט אין היינטיגער צייט. זיין שטאַנדפּונקט איז דאָס, וואָס מען רופט דער ראָמאַנטישער שטאַנדפּונקט. ער איז געווענדט צו דער פאַרגאַנגענהייט, און אַזוי ווי דער ראָמאַנטיקער איז אַ מענש מיט איינבילדונג, זעהט ער די פאַרגאַנגענהייט אין אַ פאַנטאַסטישען ליכט. די רעליגיע פון ראָמאַנטיקער איז די רעליגיע פון פּאַראַד, אַ ווערקצייג פאַר דעם פּאָליטיקער, אַ לירע פאַר דעם פּאָעט, אַ סימבאָל פאַר דעם פילאָזאָף און אַ מאָדע־זאַך פאַר דעם סאַלאָן־הער.

פּונקט ווי די דייטשע, דענישע און די שפּעטערדיגע פראַנ־צויזישע ראָמאַנטיקער, איז אויך שאַטאָבריאַן פאַרליעבט געווען אין דאָס מיסטעריעזע. ער הויבט אָן זיין פאַרטיידיגונג פון גלוי־בען און אויטאָריטעט מיט אַן אָנווייזונג אויף דאָס מיסטעריעזע אין לעבען בכלל. „אַלץ, וואָס איז שעהן, איידעל און גרוים אין לעבען, איז אויך געהיימניספול. די וואונדערבאַרסטע געפיהלען זיינען די יעניגע, וואָס ריהרען און צעטומלען אונז צוגלייך. שעמע־דיגקייט, צניעות, ריינע פריינדשאַפט — אַלץ סודות, סודות... איז דען אומשולד, וואָס איז אין עצם נור הייליגע אומוויסענהייט, אַן אייביג ניט געטראָפענער סוד? די מעהר באַוואונדערטע העלפט פון דער מענשהייט, די פרויען, זיי קענען אָהן סודות ניט לעבען".

דער שפּרונג פון דאַנטען צו די דאָגמען פון דער אַזוי גערו־פענער אָפּענבאַרונגס־רעליגיאָן איבערראַשט מיט זיין פּלעצליכ־קייט.

דע־מעסטר מאַכט אַן עטוואָס ענגליכען געברויך פון דאָס מיס־טעריעזע. ווען ער האָט אונז באַוויזען, אַז אַזאַ און אַזאַ געזעלשאַפט־ליכע אינסטיטוציע איז אומערקלערליך, גלויבט ער, אַז ער האָט באַוויזען, אַז זי איז פון געטליכען אורשפּרונג. עס איז, נאָך זיין מיינונג, ניטאָ קיין פאַרנינפטיגע ערקלערונג פאַר גע'ירש'ענטען קעניגטום, פאַר גע'ירש'ענטען אַדעל — וואָס דאָס איז פאַר איהם אַ גענוגענדער באַוויז, אַז זיי עקזיסטירען דורך גאָטעס גנאַדען. וואָס קען מען זאָגען לטובת מלחמה? כמעט גאָרנישט, מיינט דע־מעסטר; פּאָלגליך איז מלחמה אויך אַ מיסטעריע.

נור אַ מינוט קלערען, און עס ווערט קלאָר, צו וואָס דער אַר־גומענט איז זיי אַזוי נויטיג. די אויטאָריטעט מוז האָבען דעם סוד, אַלס איהר באַגלייטער. מערקט, וואָס מישאַ זאָגט אין דער ווידמונג צו זיין פּאָעמע „דער פריהלינג פון אַ נע'ונד'ניק" (1803): „די געזעלשאַפט מוז האָבען איהר מיסטעריעזע צייט, אַזוי ווי די רעליגיע; איך האָב אַלע מאָל געטראַכט, אַז מיר דאַרפען צייט־טענווייז גלויבען אין די געזעצען פון אונזער לאַנד, ווי מיר גלויבען אין די מצוות פון גאָט. אין פּריוואַטען, אַזוי גוט ווי אין עפענט־ליכען לעבען, זיינען פאַראַן זאַכען, וואָס טוען זיך אַ סך לייכטער, ווען מען פרעגט ניט דעם טעם דערפון".

שאַטאָבריאַן'ס סטיל בלענדעט מיט זיין גלאַנץ. אָהן דעם וואָלט דאָס ווערק ניט אַרויסגערופען אַזאַ סענסאַציע. איהר גע־פינט דאָרט נאַטור־באַשרייבונגען, געפיהלס־אויסגוסען און אַ גאַנץ קליינע צאָהל פון צוואָרפענע געדאַנקען פון אמת'ן ווערט.. וואָס איז עכט און ווערטפול פון ליטעראַרישען און פּאָעטישען שטאַנד־פּונקט דאַרף מען זוכען ביי שאַטאַבריאַנ'ען אין זיינע נאָוועלען „אַטאַלאַ" און „רענע", וואָס לויט שאַטאַבריאַנ'ס פּלאַן האָבען זיי לכתחילה געדאַרפט אַריינגעהן אַלס קאַפּיטלען אין דעם איצטיגען ווערק, וואו זיי וואָלטען פאַרנומען אַ זעהר קוריעזע פּאָזיציע צווי־שען מיסיאָנערען און באַרמהערציגע שוועסטער. זיי זיינען אַרויס־געשיקט געוואָרען פאַראויס, אַ צייט פריהער פאַר'ן הויפּט ווערק,

ווי אויסשפּירענדע באַלאַנען; זיי אינטערעסירען אונז ניט דאָ; מיר האָבען זיי באַהאַנדעלט לויט זייער היסטאָרישען ווערט אויפ'ן געהעריגען פּלאַץ *).

אין „זשעני פון קריסטענטום" זוכט שאַטאָבריאַן צו באַווייזען, ווי ער אַליין דערצעהלט אונז, ניט אַז קריסטענטום איז דערפאַר אויסגעצייכענט, ווייל עס קומט פון גאָט, נור ווייל עס איז אויסגעצייכענט, קומט עס פון גאָט.

ער צייגט, אַז די לייט זיינען געווען אומגערעכט מיט זייער פאַראַכטונג פון קריסטענטום. קריסטענטום פאַרמאָגט שעהנקייט, איידעלקייט און אָהן אַ שיער פּאָעטישע מעלות. ער זעהט ניט איין, אַז ווען אפילו איהם געלינגט פיעל מאָל צו באַווייזען, ווי שמאָל עס איז געווען דער בליק פון די ענציקלאָפּעדיסטען — ווע־מען אגב אורחא ער האַלט אין איין אַטאַקירען — איז דאָך אָלץ קיין באַווייז ניט, אַז רעליגיע שטאַמט פון גאָט.

דאָס גאַנצע ווערק איז אייגענטליך די פרוכט פון אַנטיפּאַטיע און גרינגשעצונג, וואָס האָבען ביסלעכווייז זיך ביי איהם אַנטוויקעלט בנוגע דער פילאָזאָפיע און ליטעראַטור פון 18טען יאָהר-הונדערט. דער גייסט פון יענע פילאָזאָפיע און ליטעראַטור, קומט איהם איצט פאָר, דערשטיקט אַלע העכערע שטרעבונגען און אימ־פּולסען פון דער מענשליכער נשמה. דער 18טער יאָהרהונדערט האָט ניט אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, וואָס געפיהל איז און וואָס פּאָעזיע איז. דערפאַר, וואָס ער האָט געגלויבט מוז פאַרדאַמט ווערען, און אויף וואָס ער האָט געוואגט צו קוקען פון אויבען אַראָפּ, מוז דערהויבען ווערען. און וואָס נאָך איז ביי איהם געווען אַזוי פאַראַכטעט, ווי דאָס קריסטענטום!

שאַטאָבריאַן איז ניט געווען אַ פרומע, נור אַן אַרטיסטישע נאַטור; און איהם איז איינגעפאַלען אַ פרוכטבאַרע אַרטיסטישע אידעע. עס איז איהם קלאָר געוואָרען, אַז די „קלאַסישע" ריכטונג אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור — וואָס איז באַשטאַנען אין נאָכאַהמען די ווערק פון קלאַסישען פאַרציימען, פון געצענדינע־רישען אַלטערטום — יענע ריכטונג האָט אויסגעלעבט איהר פולע

*) „די פראַנצויזישע עמיגראַנטען־ליטעראַטור", זייטען 38, 75, אוי־דישע אויסגאַבע, מייזעל'ס פאַרלאַג, ניו יאָרק, 1918.

צאָהל יאָהרען; די נאָכאַהמונג מוז אויפהערען. שוין צייט. די נאָכאַהמונגס־פּעריאָדע האָט אָנגעהאַלטען — פון אויבען אויף ווע־ניגסטענס — ניט ווייניגער פון 250 יאָהר. פּאָעטען האָבען פאַר־נאַכלעסיגט נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע טעמען מחמת זייער פאַר־ליעבע פאַר דער פאַרצייטיגער מיטהאָלאָגיע; צום סוף פון 18טען יאָהרהונדערט האָבען זיי שוין אפילו ניט נאָכגעמאַכט דעם אַלטער־טום, זיי האָבען נאָכגעשריבען די פראַנצויזישע אויטאָרען פון 17טען יאָהרהונדערט. גענוג דערמיט; שוין צייט, אז פראַנקרייך זאָל זיך געזעגענען מיט דער מיטהאָלאָגיע; זאָלען די פראַנצויזען שעפּען באַגייסטערונג פון זייער אייגענער געשיכטע און רעליגיע.

אויף אַזאַ אומוועג איז שאַטאָבריאַן געקומען צו דער פאַרטיידיגונג פון קריסטענטום, — פון דער שעהנקייט פון קריסטענטום, פון איהר העכערען ווערט אין ארטיסטישען זין אין פאַרגלייך מיט אַלע געצענדיענערישע רעליגיעס.

די מעטאָדע פון דער פאַרטיידיגונג ווייזט שוין אָן אויף דעם כאַראַקטער פון דער גאַנצער באַוועגונג, צו וועלכער דאָס דאָזיגע ווערק האָט געגעבען דעם אָנשטויס. אויך די איינלייטונג, וואָס געהט פאָראויס דעם עסטעטישען טייל, איז אויסגעהאַלטען אין זעלביגען טאָן און זוכט צו באַווייזען די שעהנקייט פון די קריסט־ליכע דאָגמען.

איך גיב דאָ אַ פּאָר ביישפּיעלען פון דעם ווילדען אומזין, צו וועלכען דער ארגומענט פון „אַה, ווי שעהן!“ קען פיהרען.

וועגען דעם סאַקראַמענט פון „אבענד־מאָהל“ שרייבט שאַטאָ־בריאַן: „מיר ווייסען ניט, וואָס מען קען דאָ אויסזעצען געגען אַ גנאַדען־מיטעל, וואָס רופט ארויס אַזאַ לאַנגע קייט פון פּאָעטישע, מאָראַלישע, היסטאָרישע און איבערנאַטירליכע אידעען, אַ גנאַדען־מיטעל, וואָס הויבט זיך אָן מיט בלומען, יוגענד און גראַציע און ענדיגט זיך מיט דעם אראָפּקומען פון גאָט אויף דער ערד, כדי אָפּ־צוגעבען זיך אַלס גייסטיגע שפּייז פאַר'ן מענשען“.

און טאַקי, וואָס קען מען דאָ אויסזעצען? אבסאָלוט גאָר־נישט, אויב דאָס זאָל נור אמת זיין!

טראָץ דעם, וואָס ער איז אזוי גענייגט צו עסטעטיזם, פאַר־ווענדט שאַטאָבריאַן אין זיין ארבייט אַ היבשע פּאָרציע געלעהרטען

פּלפּול. די בחור'שאַפט, וואָס איז אַרויסגעצוואָונגען אויפ'ן קאַ־טויל־ישען פּריסטערטום, באַטראַכט ער צוערשט פון מאָראַלישען שטאַנדפּונקט, און ער באַצייכענט זי אַלס די מאָראַלישסטע אינ־סטיטוציע; פאַר דעמזעלביגער פראַגע גיט ער אָפּ דעם גאַנצען צווייטען קאַפּיטעל, וואָס טראָגט אַן עטוואָס קאָמישען קאָפּ: „נזירות, באַטראַכט פון פּאָעטישען שטאַנדפּונקט". דער קאַפּיטעל ענדיגט זיך מיט פאָלגענדען דעקלאַמאַטאָרישען אויסדרוק: „דער־פון זעהען מיר, אַז נזירות, אָנהויבענדיג זיך פון אונטערשטען רינג פון דער קייט פון בריאות (איהר באַדייטונג צווישען די חיות אַריינגערעכענט), שטייגט אַרויף צום מענשען, פון מענשען צו די מלאכים, פון די מלאכים צו גאָט, ביז זי פאַרלירט זיך אין איהם". און ווי דאָס וואָלט ניט געווען גענוג, איז אין דער ערשטער אויפ־לאַגע נאָך געווען צוגעגעבען: „גאָט איז דער גרויסער נזיר, דער אייביגער בחור פון וועלט־אַל".

עס איז אינטערעסאַנט, אַז דאָ דערמאָהנט ער ניט זיין פאָ־טערשאַפט צו דער צווייטער פּערזאָן פון דער דריי־איינציגקייט. אָבער דאָס ניט דערמאָהנען דיענט אַ געוויסען צוועק; דאָס העלפט נאָך שאַרפער אַרויסצוברייגען די בחור'שאַפט פון ערלייזער. שאַ־טאָבריאַן זאָגט: „דער געזעצגעבער פון קריסטענטום איז געבאָרען געוואָרען פון אַ בתולה און געשטאָרבען אַ בחור". און ער גיט נאָך צו:

„האָט ער ניט בדעה געהאַט דערמיט צו ווייזען, אַז די ערד, צוליעב פּאָליטישע און נאַטירליכע טעמים, איז שוין איבערגענוג באַזעצט מיט מענשען, און אַז מיר דאַרפען זיך איצט זאָרגען ניט וועגען פאַרגרעסערן דעם מענשליכען מין, נור ווי די מענשען־צאָהל צו באַשרענקען".

מיר שטעהען דאָ געפּלעפּטע ביי דער אַנטדעקונג, אַז מאַל־טוס'עס טעאָריע וועגען דער באַפעלקערונג איז גאָר אַ פּועל־יוצא פון דער קריסטליכער ראָמאַנטיק. ווער וואָלט זיך דאָס געריכט, אַז אין עוואַנגעליזם שטעקט אַזוי פיעל פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

וועגען דעם ענין פון דער דרייאיינציגקייט לייענען מיר:

„אין דער נאַטור איז די צאָהל, משמעות, די סאַמע העכסטע צאָהל; זי קאָן זיך ניט באַקומען אַלס רעזולטאַט פון כפל'ען;

דערפאר רופט זי פיטהאגאר די צאָהל אַחן אַ מוטער. אפילו אין פיעל-געטעריי געפינען מיר אַ טונקעלע אַנדייטונג אויף דריי־איינינקייט. די גראַציען האָבען זיך די צאָהל אויסגעקליבען אלס זייערס".

אין שאַטאָבריאַנ'ס פאַנטאַזיע האלט זיך „אלזאָ, די דרייאיי־ניגקייט אויף די דריי גראַציען ווי אויף קאַריאַטידען *). פון דעם זעלביגען כאַראַקטער איז זיין פארזוך צו באַווייזען דעם געטליכען אורשפרונג פון קרייץ דורך דער אָנווייזונג אויפ'ן מזל קרייץ אין דרום־הימעל.

זיין פאַרטיידיגונג פון קריסטליכען ריטואל האַרמאָנירט מיט זיין פאַרטיידיגונג פון די קריסטליכע דאָגמען. ער שרייבט: „בכלל גערעדט, קאָנען מיר ענטפערען, אז דער ריטואל פון קריסטענ־טום איז מאָראַליש ביז'ן העכסטען גראַד, ווען ניט צוליעב קיין אַנדער טעם, איז צוליעב דעם, וואָס דער דאָזיגער ריטואל איז פּראַקטיצירט געוואָרען פון אונזערע פאָטערס; וואָס אונזערע מו־טערס האָבען זיך געבויגען איבער אונזערע וויגעלאך אלס קריסט־ליכע פרויען; וואָס די קריסטליכע רעליגיע האָט געזונגען פסאל־מען איבער די ארונים פון אונזערע עלטערן און געוואונשען זיי פרידען אין די קברים".

אויב עס איז נור נויטיג אַן ארגומענט, ווען עס איז דאָך סיי ווי קלאָר, אז דיזעלביגע פאַרטיידיגונג קען אָנגעווענדט ווערן פאַר יעדער אַנדערער רעליגיע, וואָלטען מיר דאָ אָנגעוויזען, אז שאַ־טאָבריאַנ'ס „באַווייז" איז העכסט ניט קיין גערעטענער אין דעם ספּעציעלען פאַל: שאַטאָבריאַן וויל דאָך באַוועגען די קינדער, זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען פון די אַנטי־קריסטליכע אנשויאונגען פון זיי־ערע פאָטערס!

ניט וועניגער קאָמיש זיינען זיינע ביישפּיעלען פון דער נאַ־טור, וואָס דארפען איבערצייגען, אז ליעבע הערשט אין סדר העולם: „האָט דען דער קראָקאָדיל, די שלאַנג, דער טיגער וועניגער ליב זיינע עופה'לאך ווי די נאַכטיגאַל, די הון און אפילו די פרוי?... איז דאָס ניט וואונדערבאר, ניט ריהרענד, ווען אַ קראָקאָ־דיל בויט אַ נעסט און לעגט אייער, ווי אַ הון, און פון שאָלעכץ

*) זיילען אין דער פאָרמע פון מענשען־געשטאַלטען.

פּיקט זיך ארויס א פּאַרזעהעניש על, פּונקט ווי א הינדעלע? ווי־פיעל ריהרענדע אמת'ן דער דאָזיגער קאָנטראַסט ברייגגט אונז ארויף אויפ'ן זינען! ווי טיעף מיר דארפען בויגען אונזערע קעפּ אין עהרפורכט פאר גאָט'ס גנאד!"

שאַטאָבריאַן איז פּאָזיטיוו לעכערליך, ווען ער נעהמט זיך באַווייזען, אז א געטליכע כוונה איז קענטיג אין יעדער ערשיי־נונג פון דער נאַטור. ער באַהויפּטעט, צום ביישפּיעל, אז די וואַנ־דער־פויגעל קומען צו אונז פּונקט צום סעזאָן, ווען די ערד ברייגגט קיין פרוכט ניט ארויס, כדי מיר זאָלען זיי אויפעסען; און ווייטער פאַרזיכערט ער, אז די הויז־חיות ווערען געבאָרען פּונקט מיט אזוי פיעל אינסטינקט, וויפיעל עס איז נויטיג, מיר זאָלען זיי קענען צאַהמען.

ווען נור די ניי־קאַטוילישע שרייבער באַריהרען אַן ענין פון נאַטור־וויסענשאַפט, ווערן זיי געשטראָפט מיט לעכערליכקייט. ווער עס איז א בעלן, זאָל לייענען (אין זיין איבערזיכט איבער באנאלד'ס „די אורשפרינגליכע געזעצגעבונג") שאַטאָבריאַנ'ס גרויל איבער דעם, וואָס א אינגעלע אויף דער פראַגע פון לעהרער: וואָס איז א מענש? — האָט אָפּגעענטפערט: א זויג־טיער. אין זעלביגען גייסט האלט אויך דע־מעסטר אין איין טענה'ן, אז די כעמישע וויסענשאַפט דארף איבערגעבויט ווערן אויף גאָר אַנ־דערע, רעליגיעזע יסודות; אָדער ער דריקט אויס זיין איבערציי־גונג, אז אַן עהרליכער געלעהרטער וועט גאַנץ באַשטימט נאָך דער־ווייזען, אז ניט די לבנה, נור גאָט איז די סבה פון צופלוס און אָפּ־פלוס, און אויך אז וואסער איז אַן עלעמענט פאר זיך און קען ניט אויפגעלייזט ווערן אין זויער־שטאָף און וואסער־שטאָף. ער איז אויך מיט דער מיינונג, אז פויגלען זיינען א לעבעדיגער באַ־ווייז פון דער פאַלשקייט פון גראַוויטאַציאָנס־געזעץ. איינער פון די העלדען פון זיינע „סאַנקט־פּעטערסבורג אבענדען" באַמערקט דערצו, אז פויגלען זיינען בכלל איבערנאַטירליכער פון אלע אַנ־דערע חיות, און אז דערויף זאָגט עדות דער גרויסער כבוד, וואָס מען האָט אָנגעטאָן דער טויב, אַנטרויענדיג איהר צו סימבאָלי־זירען דעם הייליגען גייסט. אז א קראָקאָדיל לעגט אייער און אז פויגלען פליהען — אלץ איז א נס אין די אויגען פון די ניי־קאַטוילִיקען.

נאָך דעם דאָגמאַטישען טייל פון ווערק קומט דער עסטעטי־שער, דער וויכטיגערער. דאָ מיהט זיך שאַטאָבריאַן צו באַווייזען, אַז „פון אַלע רעליגיעס, וואָס האָבען אַמאָל עקזיסטירט, איז די קריסטליכע די פּאָעטישסטע, די מענשליכסטע און די גינסטיגסטע פאַר פרייהייט, קונסט און ליטעראַטור; אַז די מאָדערנע וועלט האָט אַלץ איהר צו פאַרדאַנקען, פון אַגריקולטור ביז די אַבסטראַקטע וויסענשאַפטען, פון הקדשים פאַר אָרימע־לייט ביז קירכען, גע־בויט פון מיקעל־אַנדזשעלאָ און דעקאָרירט פון ראַפאַעל; אַז עס איז ניטאָ קיין געטליכערע זאַך, ווי איהר מאָראַל, קיין שעהנערע, פאַרנעהמערע זאַך, ווי איהרע דאָגמען און ריטואַל; אַז זי איז א ברכה פאַר'ן זשעני; אַז זי רייניגט דעם געשמאַק, סטימולירט טוגענדהאַפטע ליידענשאַפטען, קרעפטיגט דעם געדאַנק און באַ־זאָרגט פּאָעטען און אַרטיסטען מיט די נאָבעלסטע טעמען א. ז. וו., א. ז. וו."

פאַר צוויי הונדערט יאָהר איז אָנגעגאַנגען דער גרויסער ויכוח וועגען דעם, וועלכער ליטעראַטור געהערט דער אויבען־אָן, דער פאַרצייטיגער אָדער דער מאָדערנער? די פראַגע האָט באַ־שעפטיגט די מוחות פון קאָרנעל און ראַסין; זי האָט געגעבען דעם אָנשטויס צו די ערשטע איבערזעצונגען פון גריכישער און רוימישער פּאָעזיע. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז דער מאָדערנער גייסט געקומען צו זיך, צוריקגעוואונען זיין זעלבסט־צוטרויען, נאָכדעם ווי דער ערשטער מעכטיגער איינדרוק פון דער הערליכקייט פון דער פאַרצייטיגער ליטעראַטור האָט זיך אָפּגעווישט. אָט דעם צוויי הונדערט יעהריגען ויכוח האָט שאַטאָבריאַן צוריק אויפגע־לעבט אונטער אַ שפּאָגעל־נייער פאָרמע — פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס האָט מעהר ווערט פאַר פּאָעזיע און קונסט: די קריסטליכע רעליגיע אָדער די אַלטע מיטהאָלאָגיע? און מאָדנע, ווי ער פאַר־געסט דערביי, אַז די עיקר־פּראָבע בנוגע צו רעליגיע איז ניט, צי איז זי פּאָעטיש און אין וועלכען גראַד — נור צי איז זי אמת אָדער ניט. און מאָדנע אויך, מיט וועלכע מיטלען ער באַהעלפט זיך צו באַגרינדען זיינע באַהויפּטונגען! ער ריהמט, צום ביישפּיעל, די פּאָעטישע שעהנקייט פון קריסטליכען גיהנום אויפ'ן חשבון פון גריכישען טאַרטאַר (שאול). „איז דער קריסטליכער גיהנום ניט

אומענדליך הערליכער! די פּאָעזיע פון פּייניגונגען, די הימנע פון פלייש און בלוט!"

ער קלינגעלט פּאַטעטיש מיט די מאַטער־געצייג פון גיהנום, געברויכט זיי אַלס עסטעטישע קאַלאַקאַטקעס פאַר די אַלטע, עובר־בטל׳דיגע קינדער פון 19טען יאָהר־הונדערט און ברייננט אריין אין דער מאָדע אַ מין סאַלאָן קריסטענטום, ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר די אָפּגעלעבטע אויבערשטע קלאַסען פון פראַנקרייך. אין 17טען יאָהרהונדערט האָבען מענשען געגלויבט אין קריסטענטום; אין 18טען האָבען זיי קריסטענטום געלייקענט און געטיליגט, און איצט, אין 19טען, איז קריסטענטום געוואָרען אַ מין פרומער מנהג; מען האָט געקוקט אויף קריסטענטום מיט נייגיריגער, פרומער סענטימענטאַליטעט, ווי מען קוקט אויף פאַרצייטיגע זאַכען אין אַ מוזעאום און מען זאָגט דערביי: ווי פּאָעטיש! ווי פּרעכטיג! ווי ריהרענד! מען האָט צוזאַמענגעשלעפּט אין די גערטנער רעש־טען פון חרוב׳ע קלויסטערס און איבער זיי געשטעלט אַלס היטער פיגורען פון מאָנאַכען; אַ גאָלדערנער קרייץ איז ווידער געוואָרען אַ פראַנטעוואַטע ציערונג פאַר אַן עלעגאַנטער דאַמע; און אויף רעליגיעזע קאָנצערטען האָט מען פאַרגאָסען טרעהרען, געריהרט פון געדאַנק, וואָס פאַר אַ טרייסט די רעליגיע איז פאַר אָרימע און אומגליקליכע! מען האָט פאַרלאָרען דעם פּראָסט־האַרציגען גלויבען פון די גוטע אַלטע צייטען און מען האָט זיך געקלאַמערט אָן אויסערליכקייטען — די וויכטיגקייט פון דער קאַטוילישער קירך פאַר דער ליטעראַטור און קונסט, איהר גוואַלדיגער איינפלוס אויף דער געזעלשאַפט, אויפ׳ן שטאַאַט. כדי דער אויסגעוועפּטער פּרינ־ציפּ פון אויטאָריטעט זאָל קוקען יונג און שעהן, האָט מען איהם אָפּגעפאַרבען מיט סענטימענטאַלע און ראָמאַנטישע פאַרבען. וואָס אָבער האָבען זיי דערגרייכט! דער פּרינציפּ, וואָס האָט אַמאָל אַזוי געשראָקען, איז געוואָרען צו שאַנד און צו שפּאָט.

קאָנסטאַן האָט געשריבען זיין בוך וועגען רעליגיע אין הויז פון זיין פריינדין, מאַדאַם דע שאַריער; שאַטאָבריאַן האָט זיין „זשעני פון קריסטענטום" געשריבען בשותפות מיט זיין געט־רייער, אינטימער פריינדין מאַדאַם דע־באָמאָן. זיין גייסט, קענ־טיג, איז ניט געווען אַזוי פאַרטאָן אין דער אַרבייט, עס זאָל קיין פּלאַץ ניט בלייבען פאַר זייטיגע, וועלטליכע אינטערעסען.

מיר ווייסען, ווי פייערליך שאַטאָבריאַן האָט שפּעטער, אונ־טער לואי דעם 18טען, גע׳מוסר׳ט די פאַרהייראַטע גייסטליכע, ווי בייז ער האָט געהעצט געגען זיי די ראָיאַליסטישע און קירכליכע פּאַרטייִ, ווי פאַרביסען ער האָט געפאָדערט, מען זאָל ביי זיי אוועק־נעהמען זייער געהאַלט, ביז׳ן לעצטען סו, אַלס שטראָף דערפאַר, וואָס זיי האָבען חתונה געהאַט ווי געוועהנליכע בשר־ודם׳ס, זיך באַנוצענדיג מיט די געזעצען פון דער רעפּובליק. אָבער איז ער דען אַליין, אַלס אויטאָר פון „זשעני פון קריסטענטום“ (אין פאַר־וואָרט רופט ער זיך „אומווירדיגער לוי“), ניט געוועז אַ מין גייסט־ליכער און נאָך מעהר ווי אַ געוועהנליכער גייסטליכער? און האָט ער דען אַליין ניט חתונה געהאַט און דערצו נאָך אָהן דער ברכה פון קירך? איך ציה די אויפמערקזאַמקייט פון לעזער צו דעם שטריך, ווייל דאָס איז איינער פון טויזענד סמנים, וואָס דאָס אויג אַנטדעקט אומעטום דורך דער גאַנצער רעסטאַוראַציע —סמנים פון עפּעס, וואָס איך פיהל מיך בארעכטיגט אָנצורופען, ווי עקעלהאַפט דאָס וואָרט זאָל ניט קלינגען — „צביעות“.

דאָס איז דאָס בוך און דאָס זיינען די אומשטענדען, אונטער וועלכע דאָס בוך איז געשאַפען געוואָרען. זיין אומערהערטער ער־פאָלג, זיין געוואַלדיגער איינפלוס גיבען דעם בוך צו מעהר באַ־דייטונג, וויפיעל ער פאַרדיענט. דאָס איז געווען אַ בוך פון מאָמענט און פאַר׳ן מאָמענט; דאָס בוך האָט אריינגעשמוגעלט, פאָרזיכטיג פאַרוויקעלט אין סענטימענטאַליטעט, דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, וואָס האָט אין גיכען געזאָלט ארויף אויפ׳ן טראָהן.

5.

זשאָזעף דע־מעסטר.

זיין דיפּלאָמאַטישע קאַריערע. — אַלס פאַרטרעטער ביים פּעטערבורגער הויף איז ער נושא־חן ביי אַלעקסאַנדער דעם 1טען. — יעדע נאַציע האָט איהר מיסיע. — שטאַט איז אַן איינהייטליכער אָרגאַניזם און זיין נשמה איז די ליבע פון פאָלק צו זיינע נאציאָנאַלע זכרונות. — זינגענדיג לויב־געזאַנגען צום שייטערהויפען פאַר־בלייבט ער צערטליך אין פּריוואַט־לעבען. — אַ פרוי טאָר זיך ניט באשעפטיגען מיט פילאָזאָפיע. — לעבענס־פארניכטונג אַ נאַטור־געזעץ. — „דער אויבערמענש, דער ווינקעלשטיין פון דער געזעלשאַפט, איז דער תליון". — דער מענש איז בטבע אַ שקלאַף, קריסטענטום זיין באפרייאונג. — מאָנאַרכיע איז אַ נס. — פאַר־טיידיגט די „גרויסע מיספארשטאַנענע" אינקוויזיציע. — קען פאַררעכענט ווערען אַלס גרויסער גייסט פון דער אוניווערסאלער רעאַקציע.

ארויפגעזעצט אויפ'ן טראָהן דעם פרינציפּ פון אויטאָריטעט האָט א מאן פון א גאנץ אנדער שניט.

גראף זשאזעף דע־מעסטר איז געבארען געווארען אין שאמ־בערי, אין סאוואָי, אין יאהר 1754. די דע־מעסטר פאמיליע, וואס האָט באלאנגט צו דער העכערער ביוראָקראטיע, האָט עמיגרירט פון פראַנקרייך אין אָנהויב פון 17טען יאָהר־הונדערט. אין הויז פון זיינע עלטערען האָט געהערשט א שטרענגער, געביטערישער גייסט, דורכ־געזאַפט מיט אַלט־מאָדישער פרומקייט. זשאָזעף, וועלכער איז געוועזן דער עלטסטער פון צעהן קינדער, האָט זיך דערצויגען אין אזא אבסאָלוטער געהארכזאמקייט, אז אפילו אלס סטודענט אי'ן אוניווערזיטעט פון טורין, האָט ער זיך קיינמאָל ניט דערלויבט צו לייענען א בוך, ניט אנפרעגענדיג פריהער שריפטליך ביים פאטער. פון דער סאמע פריהסטער קינדהייט האָט ער זיך אפגעגעבען מיט ערנסטע שטודיען. ער האָט געקאָנט זיבען שפראַכען, וואָס דאָס איז א זעלטענהייט ביי פראנצויזען אפילו איצט, בפרט אין יענער צייט. ער איז אריין אין ציווילען דינסט און פונקט ווי זיין פאָטער האָט ער פארנומען א שטעלע אין דער מאגיסטראַט פון זיין געבורטס־שטאָדט, איז דערנאך געווארען סענאטאר, און האָט חתונה געהאט צו 32 יאהר.

ער איז שוין געווען א פאטער פון צוויי קינדער, ווען די פראנצויזשע רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכען. די רעוואָלוציע האָט געמאכט א פאָלשטענדיגע איבערקעהרעניש אין זיין לעבען. סאוואָי איז איינגעשלאָסען געוואָרען אין פראנקרייך, און אויס טרייהייט צו זיין קעניג, האָט דע־מעסטר פארלאָזען זיין היים. ער האָט געהאט די ברירה: אדער צו ווערען א בירגער פון דער פראנצויזישער רעפובליק, אדער צו פארלירען זיין גאנץ פארמעגען, און גאר ניט קלערענדיג האָט ער אויסגעקליבען דאס לעצטע. א פאָר יאהר האָט ער געלעבט אין דער שווייץ. דאָרט האָט ער אנגעשריבען זיין ערשט ווערק „באטראכטונגען וועגען פראנקרייך“, (וואָס איז פארעפענטליכט געוואָרען אנאָנים אין לאָנדאָן אין יאָהר 1797), און דאָרט האָט ער אויך געמאכט די באקאנטשאפט מיט מאדאם דע־סטאל. הגם ער האָט געהאלטען, אז די מאָדערנע פילאזאפיע האָט איהר פארדרעהט דעם קאָפּ, וואס דאס איז, לויט זיין מיינונג, געווען אומפארמיידליך, („א פרוי טאָר דאָס ניט טהאָן“), האָט ער דאָך זי אנערקענט פאר א מערקווירדיג גייסטרייכער פרוי, באזאנדערס ווען זי האָט זיך ניט געפלייסט צו זיין וויציג. זיי האָבען זיך געגענזייטיג מכבד געווען מיט גיפטיגע שטעכווערטלאך, זיי זיינען אָבער פאָרט פארבליבען גוטע פריינד.

אין 1797, ווען דער קעניג פון סארדיניען איז געצוואונגען געווען זיך אפּצוזאגען פון זיין טעריטאריע אויפ'ן קאנטינענט, און צו זוכען באהעלטעניש אויף זיין פעלזיגען אינזעל, האָט דע־מעסטר גראדע דאמאָלסט זיך געפונען אין טורין. ער איז אנטלאָפען מיט סכנות נפשות קיין ווענעדיג, וואו איהם און זיין פאמיליע איז אויסגעקומען צו ליידען גרויס נויט. פון 1800 ביז 1802 האָט דע־מעסטר פארנומען דעם פאָסטען פון אויבער־מאגיסטראט פון סארדיניען און האָט געארבייט שווער און ביטער צוריק אויפצוריכטען די יוסטיץ פון דער אינזעל מלוכה, וואו רעכט און געריכט זיינען שטארק געפאלען געווען. אין 1802 האָט דער פארלאָזענער און בארויבטער קעניג איהם געשיקט אלס עקסטרא־ארדינערען שליח און פולמעכטיגען פארטרעטער ביים פעטערבורגער הויף. נעהמענדיג אויף זיך די שליחות, האָט דע־מעסטר זיך געמוזט שיידען מיט זיין פאמיליע, צו וועלכער ער איז געווען איבערגעגעבען מיט לייב

און לעבען. זיין נישטיגער געהאַלט האָט קוים געקלעקט אויף זיין אייגענער הוצאה, — ער האָט אפילו ניט געקענט זיך איינשאַפען א פעלץ . אבער אין רוסלאַנד, וואס האָט דאַמאָלסט דורכגעמאַכט די גליקליכע ערשטע יאהרען פון אלעקסאַנדער דעם ערשטענס הער־שאַפט, האָבען דע מעסטר'ס פעהיגקייטען זיך אַנטוויקעלט אין פולען גלאַנץ. דעם אָרימען געזאַנדטען פון דער אומבאַדייטענדער מלוכה'לע איז באַלד געלונגען צו געווינען דעם קייזער'ס פאַלשטענ־דיגען צוטרויען. זיין פעסטער, ריינער כאַראַקטער, זיינע שאַרף אויסגעשפּראָכענע מאָנאַרכיסטישע און קאָנסערוואַטיווע אנשוי־אונגען, זיין וויסען, חריפות און חכמה האָבען איהם געשאַפען גרויס אָנזעהן ביים הויף, וואָס זיין סואַווערען האָט געוואוסט ווי צו שע־צען כאַראַקטער און טאַלאַנט.

הגם לויט זיין געבורט א פּיעמאָנטינער און לויט זיין געזעל־שאַפטליכער לאַגע, אלס דיפּלאָמאַט, ביז א געוויסען גראַד א קאָס־מאָפּאָליט, געהערט דאָך דע־מעסטר לויט זיין שפּראַך — און ניט נאָר מיט דעם אליין — אויסשליסליך צו דער פראַנצויזישער לי־טעראַטור. אלע זיינע ליטעראַרישע טעאָריען זיינען פראַנצויזיש און לאָזען דערקענען אהן א שיער עכט־פראַנצויזישע אייגענטימ־ליכקייטען. ניט נאָר איז פראַנקרייך געווען אין זיינע אויגען די ערשטע מדינה פון אייראָפּא, און דער פראַנצויזישער קעניג, דער „קריסטליכסטער" קעניג, דער הויפּט־זייל פון מאָנאַרכיע און קרים־טענטום, נאָר ער איז אויך אין הארצען געווען מיט פראַנקרייך, ווען אפילו איהרע שונאים האָבען אין נאָמען פון זיינע אידעען גע־קעמפּפט געגען איהר. אויף צו להכעיס אלע און אלעמען, האָט ער זיך געפרעהט, ווען די רעפּובליקאַנישע פראַנקרייך האָט געשלאָגען די אַרמעען פון די פאַראייניגטע מאָנאַרכען ; ווייל די לעצטע האָ־בען געוואָלט די צוטיילונג פון פראַנקרייך, די פאַרניכטונג פון איהר מאַכט און איינפלוס.

„וואָרים אונזערע אייניקלאַך וועט ווענינ אַנגעהן אונזער ליי־דען, דאָס טאַנצען אויף אונזערע קברים, און זיי וועלען זיך לייכט טרייסטען איבער די רציחות, וואָס מיר האָבען צוגעזעהן, ווייל די רציחות האָבען פאַרהיט די גאַנצקייט פון דעם שעהנסטען רייך נאָכ'ן הימעל־רייך".

ער האָט געוואָלט די מפּלה פון יאַקאָבינערטום, אָבער ניט דעם חורבן פון פראַנקרייך, ווארים דאס וואָלט באַדייט די אומפאַרמיידליכע פאַרטעמפּונג פון גאנצען מענשליכען מין.

ער האָט זיך געפיהלט ביז א געוויסען גראַד אַן עכטער פראַנצויז. זיין לעבענלאַנג האָט ער זיך גערופען טרייער אונטערטאַן און דיענער פון סאַרדינישען קעניג, און ער האָט עס אויך באַוויזען מיט זיינע טאַטען; אָבער ווען פאַר זיין גאַנצען דינסט באַקומט ער אַ לוין, וואָס איז נאָך ערגער פון שלעכט, פאַלט איהם איין אַ געדאַנק, אַז אייגענטליך האָט די נאַטור געמאַכט אַ טעות, וואָס זי האָט איהם ניט באַשאַפען פאַר אַ פראַנצויז. אין איינעם פון זיינע אָפיציעלע בריעף (דיפּלאָמאַטישע קאָרעספּאָנדענץ, 1, 197) שרייבט ער:

„איך קאָן מיך ניט באַפרייען פון דעם געפיהל, אַז טראָץ מיין מיהען זיך, בין איך ניט דער פּאַסיגער מאַן פאַר אייער מאַיעסטעט. מאַנכעסמאָל, אין מיינע פּאָעטישע פאַנטאַזיעס, דוכט זיך מיר, אַז ווען די נאַטור האָט מיך געטראַגען אין איהר פאַרטוך פון ניצצא קיין פראַנקרייך, איז זי געשטרויכעלט געוואָרען איבער די אַלפּען (אויף אַזאַ אַלטער דאַמע שיקט זיך דאָס) און האָט מיך אַראָפּגעלאָזען אין שאַמבערי. זי האָט זיך געדאַרפט לאָזען גלייך קיין פּאַריז, אדער ווענינסטענס זיך אָפּשטעלען אין טורין, וואו איך וואָלט זיך געקענט אַנטוויקלען ווי געהעריג; אָבער די נאַרישקייט איז אָפּגעטאָן געוואָרען דעם ערשטען אַפּריל, 1751, און עס איז פאַרפאַלען. איך געפין אין זיך אַ געוויסען גאַלישען עלעמענט, צו וועלכען איך פאַרהאַלט זיך, זאָל דאָ זיין באַמערקט, מיט פולען רעספּעקט“.

אַלזאָ, ניט נאַר מען מעג, נאַר מען מוז אוועקשטעלען דע מעסטר'ס נאָמען צווישען די ערשטע אויף דער ליסטע פון די פראַנצויזישע טוער, וועלכע האָבען געבראַכט צו דער מעכטיגער רעאַקציע געגען די גרונד־אידעען פון 18טען יאהרהונדערט.

שוין זיין ערשט ווערק פון יאהר 1796 איז שוין געשטעמפּעלט מיט דעם גייסט פון רעאַקציע; ניט נאַר דריקט ער אויס אידעען פון רעאַקציע, נאַר ער פיהרט זיי דורך מיט דורכדרינגענדער קאָנזעקווענטער לאָגיק. ווען די רעוואָלוציע איז נאָך אַנגע־

גאַנגען, אָבער די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט זיך שוין גענומען לאָזען פיהלען, שטעלט זיך דע מעסטר איין פאַר די צוויי הויפּט־כּוחות, וואָס דער יאָהר־הונדערט האָט פאַרשטויסען — דעם גלויבען אין איבערנאַטירליכעס און דער עהרפורכט פאַר דער פּאָליטישער טראַדיציע.

ער פּראָקלאַמירט דעם געדאַנק, אַז יעדע נאַציאָן, ווי יעדער יחיד, האָט אַ מיסיע צו ערפילען, און אַז פראַנקרייך האָט מיט פולער פאַרברעכערישער כּוונה זיך פאַרזינדיגט געגען דער בּכורה, וואָס איז איהר געגעבען געוואָרען איבער אייראָפּאַ. זי איז געשטאַנען בּראש פון אַ רעליגיעזען סיסטעם, און איהרע קעניגע האָבען ניט אָהן גרונד זיך גערופען די „קריסטליכסטע“. אַזוי ווי זי האָט זיך באַנוצט מיט איהר מאַכט צו האַנדלען אין דירעקטען ווידערשפּרוך מיט איהר מיסיע, דאַרף קיינעם ניט איבעררעשען, וואָס זי ווערט געבראַכט צוריק אויפ'ן דרך הישר דורך די שרעקליכסטע ליידען. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע טראָגט אויף זיך בולט'ע סימנים פון שטן, וואָס אונטערשיידט זי פון אַלע, וואָס עס איז ווען עס איז געזעהן געוואָרען און אויך אפשר, וואָס וועט ווען עס איז אויסקומען צו זעהן. איהרע אַזוי גערופענע געזעצגעבער האָבען אַרויסגערעדט אַזעלכע ווערטער: „דאָס פאָלק שטיצט קיין רעליגיע ניט“ — ווערטער, וואָס לאָזען הערען כּמעט שנאה צום אַלערהעכסטען וועזען.

אפילו רוסאָ, וועלכער איז געווען „דער גרעסטער בעל טעות צווישען אַלע מענשען“, האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז בלויז אַ פּרעבע שמאָל־קעפּיגע פילאָזאָפיע האָט זיך געקענט איינרעדען, אַז די גרינדער פון אַזעלכע רעליגיעס, ווי די אידישע און מחמד'אַנישע, זיינען געווען ערפאָלגרייכע שווינדלער. פילאָזאָפיע איז אַ צעזעצענדע קראַפט; די רעליגיע אַליין איז אַן אָרגאַניזירענדע קראַפט. אָבער קיין רעליגיע אין דער וועלט קען זיך ניט פאַרגלייכען מיט דער קריסטליכער. זי אַליין, הגם זי שטיצט זיך אויף איבערנאַטירליכע ערשיינונגען און איז אַן אָפענבאַרונג פון אומבאַגרייפליכע עיקרים, האָט פאַר 18 הונדערט יאָהר געהאַט צווישען איהרע אַנהענגער און פאַרטיידיגער די גרעסטע מענער פון אַלע צייטען, פון אָריגען ביז פּאַסקאַל. איצט איז זי אַראָפּגעזעצט געוואָרען פון טראָהן, און איהרע מזבחות זיינען געשטירצט געוואָרען; די פילאָזאָפיע

פייערט איהר נצחון. אבער קריסטענטום וועט ארויס פון דער פּרופונג רייגער און שטאַרקער, ווי עס איז ווען געוועזן, און דאָן, פּראַנצויזען, מאַכט פּלאַץ פאַר דעם קריסטליכסטען קעניג, זעצט איהם צוריק ארויף אויף'ן אלטען טראָהן, הויבט אויף זיין פלאַמענדע פאָהן און רופט אויס: קריסטוס באפעהלט, הערשט און זיעגט!

עס איז גיטאָ קיין רעגיערונג אויסער אַ טעאָקראַטישער, און יעדע קאָנסטיטוציע קומט פון גאָט. אַ קאָנסטיטוציע איז קיינמאָל ניט דער רעזולטאַט פון אַ קאָנטראַקט, און די געזעצען, וואָס רעגירען נאַציאָנען, זיינען קיינמאָל ניט קיין געשריבענע געזעצען, וואָרים די קאָנסטיטוציעס, וואָס ווערען געשריבען, זיינען אלע מאָל ניט מעהר ווי די באַנייטע אויסגאַבען פון די אלטע געזעצען, וועגען וועלכע אלע, וואָס קען געזאָגט ווערען איז, אז זיי עקזיסטירען, ווייל זיי עקזיסטירען. די קאָנסטיטוציע פון יאהר 1795, ווי אלע פריהערדיגע רעוואָלוציאָנערע קאָנסטיטוציעס, זיינען געמאַכט פאַר'ן מענשען. אָבער עס איז ניטאָ אזא זאַך, ווי אַ מענש. „איך האָב אויף מיין לעבען געזעהן פראַנצויזען, איטאַליענער, רוסען א. ז. וו., איך ווייס אויך, אַ דאַנק מאָנטעסקיע, אז עס זיינען דאָ פּערזער; אָבער גלאַט אַ מענשען האָב איך קיינמאָל ניט באַגעגענט; אויב ער איז דאָ, האָב איך ווענינגסטענס פון איהם ניט געהערט". ווען מען ווייס די גרויס, די מנהגים, די רעליגיע, די געאָגראַפישע לאַגע, די עקזיסטירענדע פּאָליטישע באַדינגונגען, די גוטע און שלעכטע מדות פון אַ נאַציאָן, דאַמאָלס איז די קאָנסטיטוציע די לייזונג פון פּראָבלעם, ווי צו געפינען געזעצען, וואָס זאָלען זיין ספּעציעל פּאַסיג פאַר יענער נאַציאָן.

ער פאַרשט דעם וואהרשיינליכען פאַרלויף פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. שאַרפזיניג ווייזט ער אן דערויף, אז עס איז אן אומזין צו דענקען, אז די קאָנטר־רעוואָלוציע וועט זיין דער אויסדרוק פון פאָלקס ווילען. זעהר מעגליך, אז אַ מינאָריטעט פון פיער־פינף פּערזאָן, זאָגט ער, וועט געבען פראַנקרייך אַ קעניג. בריעף פון פּאַריז וועלען אנזאָגען די פּראָנצויזען, אז פראַנקרייך האָט אַ קעניג, און די פראַנצויזען וועלען אויסשרייען: זאָל לעבען דער קעניג! מיט זיין אומדערשיטערטען גלויבען אין דער השגחה, זאָגט ער פאַראויס (מיט די מינדסטע איינצעלהייטען) די רעסטאַוראַציע —

אין א צייט, ווען אלע האָפנונגען אויף דעם האָבען געשיינט צו זיין געבויט אויף זאמד. מאָהלענדיג דעם קינפטיגען גאנג פון די נעשעהענישען, ווייזט דע־מעסטר ארוים א מערקווירדיגע קאָמבינאַציע פון איבערפלייצענדען ענטוזיאזם פאר דער פאר־רעוואָלוציאָנערער ארדנונג מיט א פּראקטיש־פּאליטישען חוש פאר דער איצטיגער ווירקליכקייט. ער היט זיך צופיעל צו איבערטרייבען זיין רעאקציאנערען פּרינציפּ, וואס דאס וואלט אוממעגליך געמאכט דעם אומקעהר צו די אלטע קאנדיציעס. וועגען דער דעליקאטער פראגע, צו די רעסטאווראציע פון דער מאנארכיע מיינט אויך, אז דאָס נאציאָנאלע אייגענטום וועט אומגעקעהרט ווערען צו די אמאָליגע באזיצער, דריקט ער זיך אוים מיט א פארזיכטיגקייט, וואס שטימט זעהר ניט מיט דעם בכלל זיכערן, דרייסטען טאָן פון בוך. ער ערקלערט, אז א רעוואלוציאנערע רעגירונג איז לויט איהר עצם נאטור א ניט געשטעלטע רעגירונג. אונטער אזא רעגיערונג איז קיין זאך ניט זיכער. אזוי ווי דער באזיץ פון נאציאָנאלען אייגענטום איז אין די אויגען פון פּובליקום נאָך ניט פריי פון פלעק פון קאָנפיסקאציע, וועט די רעגירונג, וואָס זשענירט זיך בשום אופן ניט צו מאכען צו גאר ניט וואס זי האָט אליין געטאָן, וועט זי העכסט וואהרשיינליך ביי דער ערשטער געלעגענהייט לעגען איהרע הענד אויף דאס דאזיגע אייגענטום. „אבער אונטער א פעסטער, פּערמאנענטער רעגיערונג איז אלץ פעסט און פּערמאנענט, אזוי אז אפילו פאר די קויפער פון נאציאָנאלען אייגענטום איז אויך וויכטיג, אז די מאָנארכיע זאל צוריק אויפגעשטעלט ווערען; זיי וועלען לכל הפּחות וויסען, וואס זיי האָבען צו ערווארטען“.

מיט אנדערע ווערטער: ער האָט וועניגסטענס אזוי פיעל אָפּשיי פאר די נייע פארהעלטניסען, אז ער האלט ניט פאר מעגליך, אז די רעסטאווירטע רעגירונג זאל נאָך דער רעוואלוציע האנדלען פּונקט אזוי ווי פאר דער רעוואלוציע.

זיין פּאליטישער גרונד־געדאנק איז, אז דער שטאאט איז אן ארגאניזם, און אלס ארגאניזם באזיצט ער ווירקליכע איינהייט; דער שטאאט לעבט היינט דורך זיין ווייטער פארגאנגענהייט, דורך אן אינעווייניגסטען, געהיימען לעבענס־קוואל. דער שטאאט קומט ניט אלס רעזולטאט פון אן אפּמאך, פון אן איינארדנונג, נאר

געהמט זיך ארויס פון א סוד, וואס איז ניט צו דערגרונטעווען. דער־פאר האָט א געשריבענע קאנסטיטוציע קיין באדייטונג ניט. דאס אין די נשמה פון פאָלק, וואס גיט איהם איינהייט און קיום, און די נשמה איז די ליעבע פון פאלק צו זיך אליין, צו זיינע נאציאָ־נאַלע זכרונות. פראַנקרייך איז ניט די דרייסיג מיליאן מענשליכע באַשעפענישען, וואָס לעבען צווישען די פירענעיען און רהיין, נאָר די טויזענד מיליאן, וואס האָבען דארט ביז אהער געלעבט. פאַ־טערלאנד מיינט די איינהייט פון די וואס לעבען, וואס האָבען גע־לעבט און וואס וועלען לעבען אין אלע קומענדע צייטען אויף איין און דעמזעלביגען שטח פון ערד־קוגעל. און דאס, וואס איין פאַ־מיליע ווערט דער סימבאָל פון דעם אומאויפהערליכען קיום פון דער נאציאָן, פיהרט דע־מעסטר'ן צו מאָנארכיע.

סואווערניטעט קען ניט געטיילט ווערען. און דערפאר טיילט ניט דער קעניג זיין מאכט מיט די שררות פון לאַנד. די לעצטע האָבען קיין פריווילעגיעס ניט, נאָר פליכטען. זיי זיינען די ראטגע־בער פון קעניג, די וועכטער פון דער נאציאָנאַלער איינהייט, ווייל זיי פאַראייניגען דאָס פאָלק מיט'ן טראָן, די ווי־ ער פון נאציאָ־נאַלען קיום, ווייל זיי האַלטען אויף די טראדיציעס. עס איז זייער פליכט כסדר אנצואווייזען דעם פאלק אויף דער ברכה פון אויטאָ־ריטעט, און דעם קעניג אויף דער ברכה פון פרייהייט. דער געזעץ אלס געזעץ איז איינער פאַר אַלעמען; עס איז ניטאָ אין איהם די בויגיגקייט, וואס איז א נויטווענדיגקייט, ווען פרייהייט זאל יעדען איינעם באַוויליגט און גאראנטירט ווערען. געגענזייטיגער צוטרויען — דאָס איז די איינציגע גאראנטיע פאַר פרייהייט.

ווען אויף דער סצענע האָט זיך באוויזען באָנאפארט און איז באלד אויסגעוואקסען צו נאפאָלעאָן, איז זשאָזעף דע־מעסטר, נאַ־טירליך, זיין ביטערער שונא. פונדעסטוועגען, דערקענט ער אין איהם דעם אויטאָקראט. ער פיהלט, אַז די איינהייט פון פראנ־צויזישען פאָלק איז אין איהם פארקערפערט, הגם ער באטראכט איהם פאר דעם „טייוועל פון דרום־לאַנד" („דיפּלאָמאַטישע קאָ־רעספּאָנדענץ", ב. 2, ז. 65). אין יולי 1807 שרייבט ער: „אין די צייטונגען, וואָס זיינען זיינע אָרגאַנען, לאָזט זיך באָנאפארט רופען דער שליח פון גאָט. קיין גרעסערען אמת האָט ער ניט

געקענט זאָגען. ער קומט גלייך פון הימעל... ווי א בליץ". מיט אַנדערע ווערטער, דע־מעסטר האָט געזעהן אין די אומגליקען, וואָס נאפּאָלעאָן האָט געבראכט אויף אייראָפּא, ווי בכלל אין אומגליקען, וואָס דער „הימעל שיקט", א פּאַרדיענטע, גערעכטע שטראָף, וואָס איהר גערעכטיגקייט אָבער פאַרמינערט ניט די שולד פון דעם שטראָף־ברענגער.

אין יאָהר 1808 האָט ער אוים ליעבע צו זיין געבורטס־לאַנד זיך אָנגעטאָן א כח און געזוכט צו קריגען אַן אודיענץ ביי נאפּאָלעאָנען, כדי זיך משתדל צו זיין ביי איהם פאַר סאַרדיניען. ער האָט עס געטאָן ניט אַלס געזאַנדטער, נאָר אַלס פּריוואַטער מענש, אויף זיין אייגענער אחריות. נאפּאָלעאָן האָט אפילו ניט געענט־פערט אויף דע־מעסטר'ס בריעף (געשריבען פון פּעטערבורג), אָבער דער כאַראַקטער פון דעם מאַן האָט קענטיג געמאכט אויף איהם אַן איינדרוק, און ער האָט דורך זיין אַמבאַסאַדאָר ביים רוסישען הויף געגעבען איהם צו פיהלען זיין גנאָד. ער האָט ניט אויסגע־טייטשט דע־מעסטר'ס דרייסטקייט צום שלעכטען. אָבער דע־מעסטר'ס אייגענעם הויף איז עס דוקא ניט געפעלען געוואָרען.

מען האָט איהם געלאָזט וויסען, אַז דער קאַבינעט, צו וועל־כען ער האָט גלייך געמאָלדען וועגען זיין שריט, איז זעהר אומאַנ־גענעהם איבערראַשט. דערויף האָט דע־מעסטר געענטפערט מיט שטאָלצער איראָניע:

„דער קאַבינעט איז געווען איבערראַשט! ווען דער הימעל זאָל שטירצען, וועט עס אונז ניט אַרען, אָבער גאָט זאָל אונז אויס־היטען פון אומערוואַרטעטע אידעען! איך בין איצט מעהר ווי אַלעמאָל איבערצייגט, אַז איך בין ניט דער פּאַסיגער מענש פאַר אייך. איך קען אייך צוזאָגען צו באַזאָרגען זיין מאַיעסטעט'ס ענינים, פּונקט אזוי גוט ווי יעדער איינער, אָבער איך קען אייך ניט צוזאָגען קיינמאָל אייך ניט צו איבערראַשען. דאָס איז די שוואַכקייט פון מיין כאַראַקטער, פון וועלכער איך וועל זיך קיינ־מאָל ניט אויסהיילען".

ער האָט אויף זיך אויסגעפּרואווט דעם אמת פון א שפּרוך זיינעם, וואָס ער זאָגט ערגעץ, אַז „פּאַרלאָזען זיך אויף דער גונסט

פון אַ הויף איז פונקט ווי צו לעגען זיך רוהיג שלאָפען אויף דעם פלינעל פון אַ ווינד־מיהל".

פארטיידיגענדיג זיך שרייבט ער: „איך ווייס אלץ וואָס קען געזאָגט ווערען געגען באָנאַפּאַרט'ען; ער איז אַן אוזורפּאַטאָר; ער איז אַ מערדער; אָבער נאָך אַלעמען איז ער ווענינער אוזורפּאַטאָר פון ווילהעלם פון אָראַנזש און ווענינער מערדער פון עליזאַבעט פון ענגלאַנד... דערווייל זיינען מיר נאָך ניט שטאַרקער פון גאָט, און מיר זיינען געצוואונגען צו פיהרען פאַרהאַנדלונגען מיט די יעניגע, וועמען גאָט איז געפעלען אָנצוטרויען מאַכט". („בריעף און עסעים", ב. 1, ז. 114).

זשאָזעף דע־מעסטר האָט פערצעהן יאָהר פאַרבראַכט אין פּעטערבורג. די צושיידונג מיט די פרויען־מיטגליעדער פון זיין פאַמיליע איז געווען זעהר פיינליך פאַר איהם און די פּאָטערליכע זאָרג האָט אָפּט שווער געדריקט אויף זיין הארצען. זיין אינגסטע טאָכטער האָט ער קיינמאָל ניט געזעהן, און עס איז ריהרענד צו לייענען אין איינעם פון זיינע בריעף, אַז ווען ער ליגט ביינאַכט אין בעט, אַ וואַכענדיגער נאָך דער איבער־אָנשטרענגונג פון בייטאָג, דוכט זיך איהם אָפּט, אַז ער הערט זיין קליין טעכטערעל וויינען אין טורין.

אלס באַווייז פון זיין גונסט און רעספּעקט, האָט דער צאַר געמאַכט דע־מעסטר'ס זוהן און ברודער פאַר אָפיצירען פון זיין אַרמעע. זיין ברודער איז פאַרוואונדעט געוואָרען אין דער קאַמפּאַניע אויף קאַווקאַז. דער זוהן האָט זיך געשלאָגען אין דער מלחמה געגען נאַפּאָלעאָנען. קיינער — שרייבט דער פאָטער — ווייס ניט, וואָס מלחמה איז, „סיידען ער האָט אַ זוהן אין דער מלחמה. איך טו וואָס איך קען צו פאַרטרייבען די מאַטערענדע געדאַנקען וועגען אָפּגעהאַקטע הענד און צושמעטערטע שאַרבענס; דאָך עס איך מיין מאָלצייט אין אָוועגד, ווי אַ יונג בחור'ל, שלאָף ווי אַ קינד און כאַפּ זיך אויף ווי אַ מאַן, דאָס הייסט, באַגינען".

ער, וואָס האָט געזונגען אַ לויב־געזאַנג אויפ'ן תליון און שייטערהויפען, איז אין פּריוואַטען לעבען געווען זעהר צערטליך.

פון זיינע פּריוואַטע בריעף טראָגט אַזאַ גוטסקייט, פּונקט דער היפוך פון דער גאַליגער ביטערקייט פון זיינע עפענטליכע שריפטען.

אַם סימפּאַטישסטען אפשר ווייזט ער זיך אַרויס אין זיינע בריעף צו דער טאָכטער:

„דו פרעגסט מיך, ליעב קינד, וואַרום זיינען די פרויען פאַר־משפט צו מיטעלמעסיגקייט. עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. זיי קענען אויך ווערען גרויס, אָבער אויף זייער ווייבליכען שטייגער. יעדע באַשעפעניש דאַרף זיך האַלטען אויף איהר פּלאַץ און ניט זוכען צו גלענצען מיט מעלות, וואָס געהערען ניט צו איהר נאַטור. איך האָב אַ הונד מיט׳ן נאָמען בירִיבי, וואָס אַמוזירט אונז אַלע־מען מיט זיינע שטיפעריי'ען. ווען ער זאָל זיך אַריינגעהמען אין קאָפּ, אַז ער דאַרף געהן געזאָטעלט און אין צאַם, און איך זאָל פאָהרען רייטענדיג אויף איהם אויפ׳ן לאַנד, וואָלט ער מיר פּונקט אַזוי ווייניג נחת פאַרשאַפט, ווי ווען דיין ברודער׳ס ענגלישע שקאַפע זאָל איינפאַלען צו שפּרינגען מיר אויף די קניע און צו זעצען זיך צוזאַמען מיט מיר צו פריהשטיק. דער טעות, וואָס מאַנכע פרויען מאַכען, קומט פון זייער איינרעדעניש, אַז כדי אויפצוהויבען זיך איבער דער מיטעלמעסיגקייט דאַרפען זיי טאָן אַלץ, ווי מענער טוען... ווען מיט צוואַנציג יאָהר צוריק וואָלט אַ שעהנע דאַמע מיך געפרעגט: „גלויבט איהר ניט, אַז אַ פרוי קען פּונקט אַזוי זיין אַ גרויסער גענעראַל, ווי אַ מאַן?" וואָלט איך איהר געענט־פערט: „גאַנץ געוויס, מאַדאַם. ווען איהר וואָלט קאָמאַנדירט מיט אַן אַרמעע, וואָלט דער שונא געפאַלען צו אייערע פיס, פּונקט ווי איך טו דאָס איצט, און איהר וואָלט מיט פּויקען און טרומייטען און מיט פלאַטערנדע פאָהנען אַריינגעמאַרשירט אין זיין הויפּט־שטאָדט". ווען זי וואָלט צו מיר געזאָגט: „וואָס קען שטערען אַ פרוי, זי זאָל זיין פּונקט אַזוי געלערענט אין אַסטראָנאָמיע, ווי ניוטאָן?" וואָלט איך איהר מיט דערזעלבינער אויפריכטיגקייט אָפּגעענטפערט: „קיין זאַך אין דער וועלט, מיין געטליכע שעהנ־הייט! ווען איהר וואָלט נאָר איין קוק געגעבען אין טעלעסקאָפּ, וואָלטען די שטערען עס באַטראַכט פאַר אַ כבוד, וואָס איהר שיינט אויף זיי מיט אייערע ליכטיגע אויגען און זיי וואָלטען אויפ׳ן שטעל אַנטפּלעקט פאַר אייך אַלע זייערע סודות". דאָס זיינען די

זאכען, וואס מיר זאגען צו די פרויען, אין פראזא און פאעזיע; אבער א פרוי דארף זיין משונה'דיג נאריש צו נעהמען אזעלכע רייד ערנסט".

ער ענטוויקעלט ווייטער דעם געדאנק, אז דער פרוי'ס בארוף איז צו געבעהרען און ערציהען מענער און גיט צו:

„אבער, ליעב קינד, איך בין פאר מעסיגקייט אין אלץ. איך האלט, אז בכלל גערעדט, דארפען פרויען זיך ניט פארמעסטען אויף זאכען, וואס שטימען ניט מיט זייערע פליכטען, אבער איך בין ווייט פון דעם געדאנק, אז זיי דארפען פארבלייבען פאלשטענ־דיג אומוויסענד. איך וויל ניט, זיי זאלען גלויבען, אז פעקין איז אין פראנקרייך, אדער אז אלעקסאנדער מוקדן האט געבעטען די האנד פון לואי דעם 14טען'ס טאכטער".

און אין א צווייטען בריעף שרייבט ער:

„איך זעה, אז דו ביזט בייז אויף מיר פאר מיין אומהעפ־ליכער אטאקע אויף די געלערענטע פרויען. עס איז אומבאדינגט נויטיג מיר זאלען מאכען שלום נאך פאר פסח. און אזוי ווי דו האסט מיך ניט פארשטאנען, וועט עס ניט געפאלען שווער. איך האב קיינמאל ניט געזאגט, אז פרויען זיינען מאלפעס; איך שווער דיר ביי אלץ, וואס איז הייליג, אז איך האב זיי אלעמאל געהאלטען פאר א סך שעהנער, א סך ליעבליכער און א סך ניצליכער, נאר איך האב געזאגט, און ביי דעם בלייב איך, אז פרויען, וואס ווילען זיין מענער, זיינען מאלפעס; ווארים וועלען זיין געלערנט הייסט וועלען זיין א מאן. איך דענק, אז דער הייליגער גייסט האט ארויס־געוויזען גרויסע חכמה, אראנזשירענדיג די זאכען אזוי, ווי זיי זיי־נען, ווי אומגערעכט דאס מעג אונז פארקומען. איך בויג מיין קאפ פאר דער פרייליין, וועגען וועלכער דו דערצעהלסט מיר, אז זי שרייבט אן עפישע פאעמא, אבער גאט זאל מיך אויסהיטען פון ווערען איהר מאן; איך וואלט געלעבט אין שטענדיגען שרעק, זי זאל מיר ניט אפשפיעלען אין הויז א טראגעדיע, אדער גאר חלילה א פארס, — ווארום ווען טאלאנט האט איינמאל א שאס געטאן, איז אוממעגליך צו זאגען ווען ער וועט זיך אפשטעלען".

„דאס בעסטע און איבערצייגענדסטע אין דיין בריעף איז דיין באמערקונג וועגען דעם רויה־מאטעריאל, פון וועלכען דער מענש

איז באשאפען געווארען. שטרענג גערעדט, איז בלויז דער מאַן באַ־
שאַפען געווארען פון אש און שטויב, ריכטיגער, אום ניט צו רעדען
מיט א האלבען מויל, פון שמוץ, בעת די פרוי איז באשאפען געוואַ־
רען פון בלאָטע, וואס איז שוין איבערגעארבייט געווארען און דער־
הויבען צו'ר ווירדע פון א ריפ. Corpo di Bacco! questo vuol dir molto.

„דו קענסט ניט, מיין טייער קינד, זאגען צו פיעל, נאָך מיין
מיינונג, וועגען דער איידעלקייט פון פרויען; דו קענסט ניט גע־
נוג ליבען אפילו די פרויען פון דער בורזשואזיע; פאר א מאַן
איז ניטא א נאָבעלערע זאַך, ווי א פרוי, פונקט ווי פאר דער פרוי
איז ניטא קיין נאָבעלערע א. ז. וו.; אבער דוקא צוליעב מיין
התפעלות פאר די נאָבעלע ריפען, ווער איך אזוי אנגעצונדען, ווען
איך זעה, אז זיי ווילען זיך צוריק פארוואנדלען אין דער אור־בלאָטע.
און איצט, דוכט זיך מיר, איז די פראגע פאלשטענדיג ערלעדיגט".
(בריעף און עסיעס, 1, 145; 156).

וואונדערסט זיך, ווי אזא שטרענג־אָרטאָדאָקסישער קאַטוי־
ליק שפּיעלט זיך אזוי לייכט מיט דער פרומער לעגענדע; אָבער
אפילו אין זיינע וויצען און בליצען בלייבט דע־מעסטר געטריי צו
זיינע רעאקציאנערע פּרינציפּען. זיין אריגינאליטעט איז בכלל
אין דעם, וואס דער פּיקאנטער וויץ געהט ביי איהם האנד אין האנד
מיט דער ווילדער דעמאָנישער ענערגיע פון זיינע אטאקעס — אַן
ענערגיע, וואס צייגט זיך ארוים אפילו אין אזא קליינינקייט, ווי
זיין באַליעבטער אויסדרוק „בריהל פור פואנט", וואס דאס מיינט
„שיסען מיט'ן ביקס הארט צום געגנער'ס ראָק".

אין זיינע „סאנקט־פּעטערבורגער אבענדען", וואו מען זעהט
שוין סימנים פון זיין פיינדשאפט צו בעקאנ'ען — א פיינדשאפט,
וואס האָט שפּעטער געפונען איהר פולען אויסדרוק אין א גרויסען
געלערנטען ווערק — מאכט ער אזא שפּאסיגע באמערקונג, וואס
שטימט אגב מיט דעם גייסטען בליק פון דער וויסענשאפט: „בע־
קאַן איז געווען דער באראָמעטער, וואס האָט אנגעזאגט שעהנעם
וועטער, און ווייל ער האָט עס אָנגעזאָגט, גלויבען מענשען, אז ער
האָט דעם שעהנעם וועטער באשאפען".

און אין אַ בריעף שרייבט ער:

„איך ווייס ניט, ווי עס איז געקומען צו מלחמה אויף לעבען און טויט צווישען מיר און דעם פאַרשטאַרבענעם לאָרד־קאַנצלער בעקאָן. מיר האָבען זיך געבאָקסט, ווי צוויי באָקסערס אויף פליט סטריט, און אויב ער האָט אויסגעריסען ביי מיר אַ פּאָר האָר, גלויב איך אבער, אַז זיין פּאַריק זיצט אויך ניט אויף זיין פריהעריגען אָרט".

ווען דע־מעסטר קומט אַרויף אויף זיינע באַליעבטע טעאָריען, ווערט זיין הומאָר אָפט גאַליג־סאַרקאַסטיש, ווי צום ביישפּיעל אין צווייטען טייל פון זיינע „אָבענדען", וואו ער רעדט וועגען די מיט־לען, ווי אויפצוהאַלטען דיסציפּלין. וויפיעל ציניזם עס הערט זיך אין פאָלגענדען שפּאַס: „ווען עס האַנדעלט זיך וועגען שאַפען דיסציפּלין און עהרענגעפיהל אין אַ קערפּערשאַפט אדער געזעל־שאַפט, איז דאַס רעכט אויף באַלוינונג ניט אַזוי ווירקזאַם, ווי דאַס רעכט אויף באַשטראַפונג". ער ווייזט אונז, ווי אַזוי די רוימער האָט געקענט איינפאַלען צו מאַכען פון מיליטערישער שטראַף אַ פּריווילעגיע. בלויז סאָלדאַטען האָבען געהאַט דאָס רעכט געשמי־סען צו ווערען מיט ריטער פון וויינשטאָקען. קיינער, וואָס איז ניט געוועזען קיין סאָלדאַט, האָט ניט געטאָרט געשמיסען ווערען מיט אַזאַ רוט, און קיין אַנדער סאָרט רוט האָט ניט געטאָרט באַנוצט ווערען פאַר שמייסען סאָלדאַטען. „איך פאַרשטעה ניט, וואָרום אַזאַ אידעע איז ניט איינגעפאַלען קיינעם פון די מאָדערנע הערשער. ווען מען וואָלט ביי מיר געפרעגט מיין מיינונג, וואָלט איך ניט גע־ראַטען אומצוקעהרען זיך צוריק צום וויין־רוט; שקלאַפּישע נאַכ־אַהמונג האָט קיין זין ניט; איך וואָלט רעקאָמענדירט לאָרבער־ריטער".

און ער אַנטוויקעלט ווייטער אַ פּלאַן, אַז אין דער הויפּט־שטאָדט זאָל אויפגעשטעלט ווערען אַ ריעזיג טרייב־הויז, אויס־שליעסליך פאַר דעם צוועק צוצושטעלען גענוג לאָרבער־צווייגען, מיט וועלכע די אונטער־אָפיציערען זאָלען באַאַרבייטען די רוקענס פון דער רוסישער אַרמעע. דאָס טרייב־הויז זאָל שטעהן אונטער דער השגחה פון אַ גענעראַל, וועלכער מוז זיין אַ געאָרגיען־קאַוואַ־לער, לכל הפּחות פון צווייטען קלאַס און וועמעס טיטעל זאָל זיין

„איבער־אינספעקטאר איבער דעם לאָרבערן טרייב־הויז". אויף די בוימער זאלען אכטונג געבען אלטע אינוואלידען פון אומבאַ־פלעקטען כאראַקטער; מוסטערן פון די ריטער, וועלבע דארפען זיין אלע גלייך, זאלען געהאלטען ווערען אין רויטע שיידלאך אין קריגס־מיניסטעריום; יעדער אונטער־אָפיציער זאָל טראגען א רוט אויף זיין געארגיען־בענדעל, און דער פאסאד פון טרייב־הויז זאָל טראַ־גען די אויפשריפט: „דאָס איז מ י י ן בוים, וואָס טראָגט מ י י נ ע פרוכטען".

דע־מעסטר האָט געלעבט אין פעטערבורג אין גרויס ארימ־קייט, וואס האָט אבער ניט געמינדערט זיין שטאָלץ. זיין אומ־דאנקבארער הויף האָט איהם שטענדיג געהאלטען אונטער א חשד און פלעגט איהם אָפט שטעלען אין דער גרעסטער פארלעגענהייט, ניט אויסצאָהלענדיג איהם אפילו די סומען, מיט וועלכע ער, פון זיינע אייגענע באשרענקטע מיטלען, פלעגט אויסהעלפען נויט־באַ־דערפטיגע לאנדסלייט, וואָס זיינען פארוואָגעלט געוואָרען קיין רוסלאנד.

מיט די יאָהרען זיינען טעאָריען רייף געוואָרען, און זיין גייסטיגע פיזיאָנאָמיע איז געוואָרען שארף און באשטימט. זיינע פריוואטע, אזוי גוט, ווי די דיפּלאָמאטישע בריעף, וואס ער האָט געשריבען צו יענער צייט, גיבען אונז אן אויסגעצייכענטען באַגריף וועגען דעם גייסט און אלגעמיינעם צושטאַנד פון אלעקסאנדער דעם ערשטענס הויף. ספּעציעל אינטערעסאנט זיינען די בריעף, וואָס זיינען געשריבען פאר דער נאפּאָלעאָנישער קאמפּאַניע אין רוסלאַנד און דורך דער קאמפּאַניע גופא. זיי מאָהלען א לעבעדיג בילד פון די שרעקען, האָפנונגען, בהלות און שמחות, וואס די מלחמה־נייעס, אמת'ע אדער פאלשע, פלעגען ארויסרופען איבער גאַנץ רוסלאַנד. פון אנפאנג איז דע־מעסטר געווען שטארק באַזאָרגט וועגען דעם אויסגאנג פון דער מלחמה. ער האָט קלאָר געזעהן די אומפעהיג־קייט פון די גענעראלען, וועלכע זיינען ארויסגעשטעלט געווארען נעגען אזא קריעגס־העלד, ווי דער קייזער פון פראנקרייך. אבער פון דער רגע, וואו עס איז באַקאַנט געוואָרען, אַז די פראַנצויזישע ארמעע איז ניט צוגעגרייט פאר'ן רוסישען הערבסט, בפרט פאר'ן רוסישען ווינטער, איז שוין ביי איהם קיין ספק ניט געווען. ער

האט פאראויסגעזעהן נאפאלעאנ'ס נאהענטען פאל און דאס צו־נישט ווערען פון אלע זיינע נצחונות — געשעהעניסען, וואס ער איז אגב אלע מאל געווען זיכער, אז זיי וועלען קומען פריהער אדער שפעטער.

זעקס פון דע־מעסטר'ס ווערק זיינען געשריבען געווארען אין פעטערבורג. די וויכטיגסטע און באזונדערס כאראקטעריסטישע פאר'ן אויטאר זיינען: „וועגען פאפסט", „די גאליקאנישע קירך", „און אונטערזוכונג וועגען בעקאנ'ס פילאזאפיע", און די „סאנקט־פעטערבורגער אבענדען". די „אבענדען" ענטהאלטען די אידעען וועגען גאט און וועלט, אויף וועלכע עס שטיצט זיך זיין טעאריע פון שטאאט. ער פארלויפט דעם וועג דער טענה, אז זיין אבסא־לוטער מאנארך האט קיין בארעכטיגונג ניט פאר זיין מאכט, אז ער טראגט פאר איהר קיין פאראנטווארטליכקייט ניט, אז, מיט איין ווארט, אויטאקראטיע איז אומגערעכט — דער טענה פארלויפט ער דעם וועג מיט אן אלגעמיינעם ענטפער, אז אומגערעכטיגקייט איז דער גרונד־געזעץ פאר אלע געזעלשאפטען, ווייל דאס איז דער געזעץ פון גאנצען לעבען אויף דער ערד. אין דער נאטור גופא איז מאכט — רעכט, מיט דעם רעכט פון שטארקערען פארניכטען כסדר איינע די אנדערע די פלאנצען און חיות. און דער דאזיגער געזעץ: מאכט איז רעכט, איז ווייט פון פארלירען זיין גילטיגקייט אין מענשליכען לעבען; דא הערשט ער, אלס דער געזעץ פון מלחמה. מלחמה איז אן אייביגער צושטאנד אין לעבען פון דער מענשהייט. מיט דער אויסנאהם פון עטליכע יאהר אין יעדען יאהרהונדערט, האבען מלחמות געבושעוועט פון די עלטסטע צייטען ביז די סאמע לעצטע, און וועלען נאך ווייטער בושעווען. מענשליך בלוט וועט זיך אלעמאל גיסען אויף דער ערד. ווייל די שטראף פון הימעל רוהט אויפ'ן מענשען. דערפאר דער רעספעקט, וואס מען צאהלט און מען האט אלע מאל געצאהלט דעם מיליטער־שטאנד. קיין פראפעסיע ווערט ניט געהאלטען אין אזא עהרע, ווי די פראפעסיע פון סאלדאט. די מענשליכע ראסע, אלס גאנצע, איז שולדיג און פארדיענט די קללה פון מלחמה, ווי אומפארדיענט די שטראף מעג אויסווייזען אין איינצעלנע פאלען.

און אלס פארטרעטער פון גאט אויף דער ערד איז דער מא־

נאָרך דערפאר, פריהער פון אַלץ, דער האר פון מלחמה, און צוויי־טענס, דער באזיצער פון א שרעקליכער און געטליכער פריווילעגיע — צו באשטראפען די שולדיגע. און די פריווי־לעגיע מאכט נויטיג די עקזיסטענץ פון א מאן, וועמעס פראפעסיע עס איז אויסצופיהרען די שטראף, וואָס די מענשליכע גערעכטיג־קייט פסקענט צו. און אזא מאן געפינט זיך אלעמאל — זעהר א מאָדנער און אומדערקלערליכער פאקט, וואָרים אונזער פארשטאנד קען עס גאר ניט באגרייפען, וואָס פאר א מאָטיוו קען פיהרען א מענשען אויסצוקלייבען אזא פראפעסיע. און דער העלד פון די „אבענדען“, אין וועמעס מויל דע־מעסטר לעגט אריין זיינע מיינונ־גען, פיהלט טיעפען רעספעקט און עהרפורכט פאר'ן תליון, וועמען מען בארעדט אזוי פיעל.

דער אַלגעמיינער און פון דע־מעסטר'ס שטאנדפונקט פאָל־שטענדיג ריכטיגער אורטייל איז, אז יעדער סאָלדאט, אלס אזעל־כער, איז אזוי איידעל, אז ער פאראיידעלט אפילו די האנדלונגען, וואָס ווערן געוועהנליך באטראכט פאר די נידריגסטע. ער קען טאָן די פליכטען פון א תליון אָהן שום אומכבוד פאר זיך, בתנאי ער זאָל דעם טויט־אורטייל דורכפיהרען איבער די מיטגליעדער פון זיין פראָפעסיע און זאָל דערביי מיט קיין אנדערע אינסטרומענ־טען זיך ניט באנוצען, ווי בלויז מיט זיינע וואפען. עס איז ניט אָהן א טעם, וואָס אויף יעדען בלאט פון אַלטען טעסטאמענט ווערט דערמאָנט „ה' צבאות“ — דער האר פון די חילות. און פאר דעם מענשליכען באגריף איז ניטאָ קיין עהרענהאפטערע זאך, ווי פאר־גיסען אין אומשולדיגען מוט אומשולדיג בלוט. די ווילדע רציחה פון סאָלדאט, זיין לוסט צו שחיטות, רופט ארוים דע־מעסטר'ס גרעסטע באוואונדערונג. עס האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפען, אז אן ארמעע זאָל זיך אָפזאָגען צו געהן אין שלאכט. דער אימ־פולס, וואָס טרייבט מענשען אין שלאכט, איז אומווידערשטעהליך. און ווארום איז דאָס אזוי? כדי ביז צום סוף פון אַלע צייטען זאָל ערפילט ווערן דער געזעץ פון גוואַלטזאמער צערשטערונג פון לע־בעדיגע וועזענס — דער געזעץ, וואָס דרינגט דורך די גאנצע שעפונג — פון די נידריגסטע חיות ביז צום מענשען.

אָבער הגם פון סאמע פריהסטען פארצייטען איז קיין עה־

רענהאַפּטערער באַרוף ניט געווען, ווי דער באַרוף, וואָס שליסט איין די פאַרגיסונג פון אומשולדיג בלוט, הערשט אָבער אַ מאָדנער פאָר־אורטייל געגען דער באַרוף פון תליון. דער תליון ווערט פונקט אַזוי פאַראַכט, ווי דער סאָלדאַט געאַכט.

דע־מעסטר פרעגט: איז ניט דער מאַן, וועלכער האָט פון אַלע באַרופען, וואָס ברייגגען כבוד און געלד, זיך אויסגעקליבען דעם באַרוף פון מאַטערן און טויטען זיינע מיט־מענשען — איז ער ניט אַ וועזען פון אַ גאַנץ באַזונדערן, העכערן מין? אין זיינע דיאַלאָגען לאָזט ער דעם גראַף, וועלכער רעדט אין זיין נאָמען, דאַרויף ענטפערן:

„איך, פון מיין זייט, האָב קיין שום ספק ניט וועגען דעם. אויסערליך, איז ער באַשאַפען, ווי מיר אַלע; אָבער ער איז אַן אומגעוועהנליך באַשעפעניש, און כדי אַזאַ מיטגליעד זאָל צו־קומען צו דער מענשליכער פאַמיליע, האָט עס אַנדערש ניט גע־קענט זיין, ווי דורך אַ ספּעציעלען אַקט פון דער שעפערישער קראַפט. ער איז ווי אַ וועלט פאַר זיך. אַלע וויכען פון איהם; זיין הויז שטעהט אויף אַ פאַרלאָזטען פּלאַץ; יעדער איינער אַנט־לויפט ווי וויט מעגליך פון דעם אָרט, וואו ער וואוינט מיט זיין פרוי און קינדער, וועמעס שטימען זיינען די איינציגע לוסטיגע מענשליכע קלאַנגען, וואָס דערגרייכען זיין אויער; ווען ניט די קלאַנגען, וואָלט זיין אויער נור פאַרנומען גסיסה־געשרייען...

„דער פינסטערער סיגנאַל ווערט געגעבען... איינער פון די נידריגסטע דיענער פון גערעכטיגקייט קלאַפּט אָן אין זיין טהיר און לאָזט איהם וויסען, אַז מען נויטיגט זיך אין איהם; ער הויבט זיך אויף און געהט; עס קומט אויפ׳ן היגריכטונגס־פּלאַץ, וואו אַ המון מענשען שטעהט צוזאַמענגעדרענגט אין געשפּאַנטער ערוואַרטונג. דער אַרעסטאַנט — אַ פערמער, אַ פאָטער־מער־דער, אַ גאָט׳ס לעסטערער — ווערט געוואָרפען צו זיינע פיס; ער גיט איהם אַ נעהם, בינדט איהם צו צו אַ קרייץ, וואָס ליגט אויף דער ערד — און ער גיט אַ הויב זיין אָרם! — אַ מורא׳דיגע שטיל־קייט, וואָס ווערט נור געבראָכען פון דעם קנאַקען פון ביינער, פון די קלעפּ פון דער אייזערנער בולאַווע און פון די יאָמער־גע־שרייען פון קרבן. ער בינדט לויז דעם מאַן; ער טראָגט איהם

צום ראַד; זיינע צעשמעטערטע גליעדער וויקעלט ער אַרום אַרום די שפּייכעס פון ראַד; בלויז דער קאָפּ הענגט איהם אַרונטער, די האָר שטעהען ווי שטייפע נאָדלען און דער מויל איז אָפען ווי אַ פלאַקענדער אויווען, פון וועלכען עס רייסען זיך אַרויס פון צייט צו צייט קלאַנגענדע קלאַנגען, וואָס בעטען דעם טויט.

„ער האָט געענדיגט זיין אַרבייט; זיין האַרץ קלאַפּט, אָבער מיט פרייד; ער איז צופריעדען מיט זיין אַרבייט; ער זאָגט זיך אין זיין האַרצען: קיינער קען ניט צעברעכען אַ מענשען אויפ'ן ראָד אַזוי גוט ווי איך! ער קומט אַראָפּ פון עשאַפאָט, שטרעקט אויס זיין בלוטיגע האַנד, אין וועלכער דער באַאַמטער, וועמעס עובדא עס איז איהם צו צאָהלען, וואַרפט אַריין פון אַ וואָס מעגליך גרעסערן מהלך אַ פּאָר גאָלדענע מטבעות, מיט וועלכע ער לאָזט זיך געהן צווישען צוויי רייהען מענשען, וואָס טרעטען אָפּ פאַר איהם אין גרויל; ער זעצט זיך צום טיש און עסט; ער לעגט זיך אין בעט און שלאָפט; און ווען ער כאַפּט זיך אויף אין דער פריה, טראַכט ער וועגען אַלץ אין דער וועלט, אָבער ניט וועגען זיין נעכטיגער מלאכה. איז ער אַ מענש? יאָ. גאָט ערלויבט איהם אַריינצוקומען אין זיינע טעמפּלען און נעהמט אויף זיינע תפלות. ער איז קיין פאַרברעכער ניט, אָבער דאָך אין קיין מענשליכער שפּראַך ווערט ער ניט גערופען גערעהרטער און געאַכטעטער.

„און דאָך יעדע גרויסקייט, יעדע מאַכט, יעדע אָרדנונג הענגט אָפּ פון דעם תליון. ער איז דער גרויל פון דער מענשליכער געזעל־שאַפט און דער עלעמענט, וואָס האַלט זי צוזאַמען. נעהמט אַוועק אָט די אומבאַגרייפליכע מאַכט און אין דערזעלביגער רגע ווערט פון אָרדנונג אַ תוהו ובוהו, טראָהנען שטירצען און שטאַאַטען פאַר־שווינדען. גאָט, וועלכער איז דער קוואַל פון דער מאַכט פון הער־שער, איז אויך די קוואַל פון שטראָף; ער האָט אויפגעהאַנגען די וועלט אויף די צוויי פּאָלוסען, ווייל דער האַר איז דער האַר פון די פּאָלוסען און לאָזט די וועלט זיך דרעהען אַרום זיי".

און כדי די עהרפורכט פאַר'ן תליון זאָל איינגעקריצט ווערן אין די מוחות פון די לעזער — די עהרפורכט איז איהם נויטיג צום גאַנצען פּלאַן, אָבער צוגלייך אויך איז קענטיג, אַז עס אַמוזירט איהם צו האַלטען די לעזער איבערראַשט — קעהרט זיך דע־מעסטר

שפּעטער נאָך אַמאָל אום צום זעלביגען ענין, אַריבערטראַגענדיג איהם פון ערשטען שמועס אין זיבעטען. ער פרעגט: ווען אַ פאַרנינפטיג ווזען זאָל אַראָפּקומען פון אַן אַנדער פּלאַנעט צו אונטערזוכען די צושטענדען אויף אונזער ערד, וואָס וואָלט אַזא וועזען זיך געטראַכט ווענגען תליון? און דע־מעסטר גיט אַליין אַן ענטפער:

„דאָס איז אַן אויבער־מענש, דער ווינקעל־שטיין פון דער גע־זעלשאַפט. אַזוי ווי פאַרברעכען האָט זיך פעסט איינגעפונדעוועט אויף דער ערד און עס קען נור איינגעצאַהמט ווערן דורך שטראָף, איז דאָך קלאָר, אַז ווען דער תליון זאָל פאַרשווינדען, וועט אָרדנונג פאַרשווינדען צוזאַמען מיט איהם. און וואָס פאַר אַ גרויסע נשמה, וואָס פאַר אַ נאָבעלע אומאייגענניציגקייט מוז אַזא מענש באַזי־צען, כדי צו נעהמען אויף זיך אַזא פליכט, וואָס איז אין עצם אַזוי עהרענהאַפט, און צוגלייך אַזוי פּיינליך עקעלדיג פאַר דער מענשליכער נאַטור א. ז. וו.”

אין די אַלע רייד הערט זיך אַ מין פרייד — אַ פרייד איבער דער אייגענער אויסגעהאַלטענקייט, וואָס צייכענט אויס אַלע אַנ־הענגער פון פּרינציפּ פון אויטאָריטעט אין אָנהויב פון 19טען יאָהר־הונדערט; אַ פרייד איבער דער זאַרגלאָזער שפּיעלעוודיגער לאָגיק, וואָס דאָס איז ספּעציעל כאַראַקטעריסטיש פאַר דע־מעסטר׳ען, און אַ פרייד פון זעטיגען זיך מיט ליידען — מיט באַ־שרייבונגען פון ליידען — וואָס דע־מעסטר טיילט בשותפות מיט גערעס׳ען און מיט פיעלע אַנדערע אַדוואָקאַטען פון דער פינסטע־רער לעהרע, אַז די מענשהייט מוז אונטערוואָרפען זיין צו מלכים און גלחים.

דע־מעסטער בייזערט זיך זעהר אויף די טענות, וואָס הערען זיך אָפט, אַז פאַרברעכען בלייבט אומבאַשטראָפט. וואָס מיינען זיי דערמיט? „פאַר וועמען דען זיינען אָט די אַלע תליות, און בייטשען, און רעדער, און שייטערהויפענס, ווען ניט פאַר די פאַר־ברעכער?” די גערעכטיגקייט קען אַמאָל אַ טעות האָבען, אָבער דאָס זיינען אויסנאַהמען, וואָס שטערען ניט דעם כּלל. עס איז אַ נאַרישקייט צו גלויבען אין די אַלע „געזעצליכע מאָרדען”, וועגען וועלכע מען דערצעהלט זיך אָן. נעהמט דעם אָפט ציטירטען פאַל

פון קאַלאַסען. עס איז ניטאָ קיין אונזיכערערע זאַך ווי זיין אומ־שולד.

דאָס אליין, וואָס וואָלטער איז געווען זיין פאַרטיידיגער, רעדט געגען איהם.

אָבער אָנגענומען דאָס ערגסטע — אַן אומשולדיגער מענש איז בארויבט געוואָרען פון זיין לעבען, איז וואָס? אַן אומגליק, ווי יעדער אַנדער אומגליק. און ווען אַ שולדיגער גליטשט זיך ארויס פון די הענט פון דער גערעכטיגקייט, איז עס אויך אַן אויסנאַהם און אויך אַן אומגליק, ווי אַלע אומגליקען. דאָך, אַ פאַרברעכען ווערט אָפט ענטדעקט אונטער אַזעלכע אומערוואַרטעטע און אומ־גלויבליכע אומשטענדען, אַז מיר זיינען געצוואונגען צו גלויבען, אַז די מענשליכע גערעכטיגקייט ווערט געשטיצט פון אויבען. און ניט זעלטען טרעפט אויך: בעת מיר פאַרדאַמען די מענשליכע גערעכטיגקייט פאַר באַשטראָפען אַן אומשולדיגען, שטעלט זיך ארויס, אַז ער איז טאַקי אַ שולדיגער, נור אין אַן אַנדערן, ביז אַיעצט אומבאַקאַנטען פאַרברעכען. העכסט וואַהרשיינליך איז עס אַלע מאָל אַזוי. פיעלע אַזעלכע פאַלען זיינען פאַרצייכענט; דער אמת קומט ארויס נאָר אין לעצטען מאָמענט; דער פאַרברעכער איז זיך מודה פאַר'ן טויט.

ווי מיר זעהען, וויים דע־מעסטער ווי ארויסצודרעהען זיך פון אַ שווערינקייט.

דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרען וועגען שטראָף, גילט אויך פאַר קראַנקהייט. איהר אומגערעכטיגקייט איז בלויז אַן אויבען־אויפיגע. ווען מען וואָלט געקענט אויסראַטען יעדען סאָרט תאוה, וואָלטען די מעהרסטע, ניין, אַלע קראַנקהייטען אָפגעשאַפען געוואָ־רען. דע־מעסטער באַהעלפט זיך מיט פאָלגענדער אַרגומענטאַציע: ווען עס וואָלט קיין מאָראַלישער איבעל ניט געווען אויף דער וועלט, וואָלט אויך קיין פיזישער איבעל ניט געווען, און פאַר־קעהרט, אזוי ווי אַ גרויסע צאָהל קראַנקהייטען קומט דירעקט פון געוויסע עבירות, לאָזט זיך דערפון ציהען אַן אַלגעמיינער שלוס: דאָס וואָס גילט פאַר אַ טייל קראַנקהייטען, גילט אויך פאַר אַלע.

אַלץ, אַלזאָ, שטיצט זיך אויף מאָראַלישע פרינציפען. מען קען ניט לייקענען, אַז דאָס לעבען איז שרעקליך, אָבער דאָס באַווייזט

נים, אז גאָט איז אומגערעכט. מען זינדיגט קעגען איהם, ער איז באַליידיגט, און אום צו שטילען זיין צאָרן, פאָדערט זיך בלוט. דער מענש האָט גאַנץ פריה איינגעזעהן זיין געפאַלענקייט און האָט אויך פאַרשטאַנען, אז דער אומשולדיגער, און ער נור אַליין, קען און מוז מכפּר זיין אויף די זינד פון די שולדיגע, דורך אי־בערטראַגונג פון זיין זכות, און אַז עס קען קיין רעטונג ניט זיין אָהן דער פאַרגיסונג פון געהייליגטען בלוט.

און די אידעע פון קרבן האָט זעהר שטאַרק און כסדר באַשעפ־טיגט דע־מעסטר'ן. קרבן דאָס איז דער אידעאַלער מאָרד, אַ מאָרד, וואָס זיין איינציגער צוועק איז מקים צו זיין דאָס, וואָס איז גערעכט און נויטיג. און פון סאַמע פריהסטען פאַרצייטען האָט דער מענש מקריב געווען בהמות און מענשען. אין קריסטענ־טום איז דער מנהג נאָך מעהר געהייליגט געוואָרען און האָט באַקו־מען אַ טיעפערן זין. דאָ קען ניט זיין, אַז אַ צופעליגער און מינ־ליך שולדיגער נפש זאָל געבראַכט ווערן פאַר אַ קרבן, נור אַ נפש, וואָס איז ערוועהלט צום טויט דוקא צוליעב אומשולד. און דאָס איז דאַרום דער אידעאַלער קרבן.

אָהן ספק, דאָס לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל, אָבער איהר אומפאַר־שטענדליכקייט, איהר אומפאַרגינפטיגקייט איז ערשט דער סמן און זיעגעל פון אמת. גראַד די טעאָריע, וואָס שיינט צו זיין די פאַר־נינפטיגסטע, האַלט קיינמאָל ניט אויס דעם עקזאַמען פון ווירק־ליכקייט. וואָס קען, למשל, זיין פאַרנינפטיגער, ווי די גאַנצע פילאָ־זאָפיע פון 18טען יאָהרהונדערט, מיט איהר גלויבען אין מענשען און ליבעראַליזם? זי איז די פאַרשטענדליכקייט אַליין, די פאַר־נינפטיגקייט אַליין, אָבער דאָס אַליין זאָגט עדות אויף איהר אוי־בערפלעכליכקייט. זי שטעלט צופריעדען דעם פאַרשטאַנד, אָבער די ערפאַהרונג עפענט דעם מענשען די אויגען אויף איהר פוסט־קייט און ווערטלאָזיגקייט. דער מענש ווערט געבאָרען פריי — דאַכט זיך, שווער זיך פאָרצושטעלען קיין זעלבסט־פאַרשטענדליכע־רען אמת. דאָך, ווען רוסאָ שרייבט: „דער מענש ווערט געבאָרען פריי, און דאָך איז ער אומעטום אין קייטען" — מערקט ער נים, אז נים נאָר שרייבט ער אַ נאַרישקייט, נאָר ער איז זיך אַליין מודה, אז ער טוט עס. פונקט אזוי קלוג וואָלט געווען צו

זאָגען: „שעפּסען ווערען געבאָרען פליישפּרעסער, אָבער אומע־טום לעבען זיי פון גראָז".

אויפ'ן זעלביגען אופן איז פון טעאָרעטישען שטאַנדפּונקט ניטאָ קיין אומפּאַרנינפטיגערע זאַך, ווי גע'ירש'ענטע מאָנאַרכיע. ווען די מענשען וואָלטען קיין פריהעריגע ערפאַהרונג ניט געהאַט און עס וואָלט זיי אויסגעקומען אויסצוקלייבען פאַר זיך אַ רעגיע־רונג, וואָלטען זיי געדאַרפט זיין משוגע אפילו צו פרעגען, צי זיי זאָלען געבען דעם פאָרצוג אַ דערוועהלטער מאָנאַרכיע איבער אַ גע'ירש'ענטער. אודאי אַ דערוועהלטע! און דאָך ווייסען מיר פון ערפאַהרונג, אַז די גע'ירש'ענטע מאָנאַרכיע איז די בעסטע, און די דערוועהלטע איז די ערגסטע רעגיערונגס־פאָרם. מיט אַנ־דערע ווערטער, אונזער וועלט איז ווייט דערפון צו זיין אַ פאַר־נינפטיגע וועלט; פאַרקעהרט, זי איז פול מיט זאַכען, וואָס זיינען אין טיעפסטען ווידערשפּרוך מיט דער פאַרנונפט.

קריסטענטום, דער קריסטליכער לעבענס־באַגריף איז דאַרום גאָר ניט קיין נייער, ביז אַהער אומבאַקאַנטער באַגריף. קריסטענ־טום איז פאַרבונדען דורך אַ סך רינגעלאַך מיט דעם גאַנצען סיס־טעם פון היידנישע רעליגיאָנען; נאָך מעהר: קריסטענטום איז צונעגרייט פון זיי. די אַלע אמת'ן פון קריסטענטום זיינען שוין אָנגעטייט אין די קולטען פון היידענטום. אין די היידנישע קרבנות, צוםביישפּיעל, האָבען מיר שוין די עצם־אידעע פון קרבן — די כפּרה אויף די זינד. און דע־מעסטר איז אויסער זיך פאַר כעס, ווען ער לייענט ביי וואָלטער'ן זיינע שאַרפע אָפּשפּעטערייען פון די שלאַכט־ימים־טובים פון די אַלטע געצענדיענער. און דע־מעסטר ווערט נאָך מעהר אויפגעבראַכט, ווען צום סוף פון אַ באַשריי־בונג, ווי אַזוי קינדער און דערוואַקסענע זיינען געבראַכט געוואָ־רען פאַר אַ קרבן, שטויסט ער זיך אָן אויף די ווערטער: „דאָך, די קרבנות פון דער אינקוויזיציע, פון וועלכע עס איז גערעדט גע־וואָרען אַזוי פיעל, זיינען הונדערט מאָל עקעלהאַפטער".

אין פאַרבינדונג מיט דער ציטאַטע שטעלט זיך דע־מעסטר צום ערשטען מאָל איין פאַר דער אינקוויזיציע (אין זיין עסעי „אַ באַ־לייכטונג פון קרבנות"), וואָס צו איהר פאַרטיידיגונג וועט ער אין גיכען אָנשרייבען אַ ספּעציעל ווערק. דע־מעסטר שרייט אויס:

„די שטעלע וועגען דער אינקוויזיציע האָט ניט אַנדערש געמוזט גע־שריבען ווערען אין אַן אָנפאַל פון משוגעת! די געזעצליכע היג־ריכטונג פון אַ הייפעלע מענשען, פאַראורטיילט פון אַ געזעצליכען געריכט לויט דעם שטרענגען בוכשטאַב פון אַ שטראָף־געזעץ, וואָס איז פריהער פייערליך פּראָקלאַמירט געוואָרען און וואָס יעדער איי־נער פון די פאַראורטיילטע האָט פאָלשטענדיג געקענט אויסמיי־דען עובר צו זיין אויף איהם — אַזאַ הינריכטונג צו ערקלערען פאַר הונדערט מאָל עקעלהאַפטער, ווי דער שווידערליכער אַקט פון עלטערן, וואָס וואַרפען זייערע קינדער אין די גליהענדע אַרמס פון געץ מולך! וואָס פאַר אַ ווילדע משוגעת! דאָס הייסט אויס־געטאָן זיך פון פאַרנונפט, פון גערעכטיגקייט, פון בושה!" דע־מעסטער שטורמט אַזוי, ווייל ער אַטאַקירט דאָ אַ מענשען, וועל־כער איז פונקט דער היפוך פון איהם, וועלכער האָט אָבער גע־פּאַכטען, פונקט ווי ער, מיט די וואַפען פון וויץ און פּאַראַדאָקס, נור מיט אַ סך מעהר גבורה.

שטיצענדיג זיין טעאָריע פון שטאַאַט אויף דעם יסוד פון רעליגיע, דרינגט דע־מעסטער די מאַכט פון קעניג אויך אָפּ פון גאָט. פון גאָט באַקומען די קעניגע זייער רעכט און גאָט זיינען זיי שולדיג אַ פליכט — געהאָרכזאַמקייט. ניט דעם קעניג'ס מאַכט, נור זיין פליכט איז אַבסאָלוט, ווייל דאָס איז אַ פליכט צום אַב־סאָלוטען. דאָס רעכט פון פאָלק איז ניט מעהר ווי די פליכט פון קעניג צו גאָט. אין דעם שפּריכוואָרט: „דער קול פון פאָלק איז דער קול פון גאָט" איז איינגעשלאָסען דער אמת, אַז דאָס רעכט פון פאָלק איז דאָס רעכט פון גאָט אין שייכות צום קעניג. און דער „קול פון גאָט" איז ניט קיין פראַזע; גאָט'ס לעבעדיגער קול רעדט דורך דער קירך. דער קעניג איז פאַראַנטוואָרטליך צו גאָט, און די קירך איז די שאַץ־קאַמער פון געטליכען אמת. אָבער די קירך, פונקט ווי דער שטאַאַט, איז אונטער דער הערשאַפט פון אַן אויטאָקראַט. און אַזוי ווי דער שטאַאַט מיינט דער קעניג, אַזוי מיינט די קירך דעם פּאַפּסט; דער קעניג האָט צו זיך פאַר אַנווייזער און ראַט־געבער שררות, דעם פּאַפּסט — קאַרדינאַלען און בישאָפען. און די עצם־אידעע פון סוּוערעניטעט איז מתחיב, אַז דער קעניג איז אַבסאָלוט און דער פּאַפּסט אומפעהלבאַר.

דאָס פאָלק וואונדערט זיך ניט, ווען דער קאַפּיטאַן פון אַ שיף שפּיעלט די ראָלע פון אַן אומפעהלבארען סואווערען, ערלויבט ניט קיין שום קריטיק אויף זיינע באַפעהלען, גיט אַרויס פאַראָרדנונגען, אָהן דערקלעהרונגען און ענטשולדיגונגען און פאָדערט בלינדע געהאָרכזאַמקייט; דאָך וואונדערט זיך דאָס פאָלק, ווי אַזוי קען דער פּאַפּסט זיין אומפעהלבאַר אפילו אין ריין קירכליכע ענינים. דאָס פאָלק איז שוין צוגעוועהנט צו דער אידעע, אַז איבער אַלע געריכטען, נידריגערע און העכערע, איז דאָ אַן אויבער-געריכט, וואָס געגען זיין אורטייל איז קיין אַפּעלאַציע ניטאָ; אַן אורטייל, וואָס קען ניט אָפּגערופען ווערן און טאָר ניט קריטיקירט ווערן; און דאָך איז דאָס פאָלק איבעררעאַשט, וואָס דער פּאַפּסט, אַלס דער הויפּט פון דער קירך, איז אומפעהלבאַר. ווען דאָס פאָלק וואָלט וויפיעל עס איז פאַרשטאַנען, וואָס סואווערעניטעט מיינט, וואָלט עס פאר איהם קיין איבערראַשונג ניט געווען.

דע-מעסטר מאַכט דאָ אַ קונציגען פאַרזוך צו באַווייזען די פאַרנינפטיגק׳יט פון די קירכליכע דאָגמען, צו כשר׳ן זיי אין די אויגען פון פשוט׳ע בשר ודמ׳ס.

אין זיין בוך „וועגען פּאַפּסט״, וואָס די קאַטויליקען באַטראַכטען פאר זיין הויפּט-ווערק, ברייננגט דע-מעסטר זיינע אַנשויאונגען וועגען דער קירך צו זייער לאָגישען שלוס.

דאָס בוך איז דער רעזולטאַט פון תשובה און חרטה. דע-מעסטר האָט אליין, אין אַ שווערער מינוט, זיך פאַרזינדיגט געגען פּאַפּסט און זיך פאַרגעסען אַן דער עהרפורכט, וואָס ער איז שולדיג דעם הויפּט פון דער קירך. ווען דריי יאָהר נאָך דער שליסונג פון קאָנקאָרדאַט איז דער פּאַפּסט געקומען קיין פּאַריז, אויף נאַפּאָלעאָנ׳ס אויפפאָדערונג, צו זאַלבען און צו קרוינען איהם פאר קייזער, איז דע-מעסטר, אַלס טרייער ראָיאַליסט, אַזוי אויפגערעגט געוואָרען, אַז אין די בריעף צו זיין הויף האָט ער זיך ערלויבט ביטערע, שאַרפע אַרויסטרעטונגען געגען הייליגען פאָטער אַזוי, אַז קאַוואור האָט אין יאָהר 1858 געפונען פאר ראַטזאַם פון דאָס ניי איבערצודרוקען דע-מעסטר׳ס מעמוארען און דיפּלאָמאַטישע קאָרעספּאָנדענץ פון יענע יאָהרען. אין פאַרלויף פון אַ פּאָר יאָהר האָט נאַפּאָלעאָן זיך צוקריעגט מיט׳ן פּאַפּסט, און דער לעצטער איז

זיך אויסגעשטאנען פון נאפּאָלעאָנ׳ען אזעלכע שענדליכע און באַ־לײדיגענדע באהאנדלונגען, אז דע־מעסטר האָט חרטה געקראָגען אויף זיינע האסטיגע ווערטער, און האָט באשלאָסען צו פאר־ניטיגען דעם פאפסט מיט א ברייטער האנד.

די פונדאמענטאלע אידעע פון בוך „וועגען פאפסט" איז, אז קיין מענשליכע געזעלשאפט איז מעגליך אָהן א רעגירונג, און קיין רעגיערונג אָהן סואווערעניטעט, און קיין סואווערעניטעט אָהן אומ־פעהלבארקייט. די פריוויליגיע פון אומפעהלבארקייט איז אזוי אומבאדינגט נויטיג, אז מענשען נעהמען אָן, אז אומפעהלבארקייט עקזיסטירט אפילו דאָרט, וואו זי עקזיסטירט אין דער אמת׳ן ניט — אין זייערע בירגערליכע געזעלשאפטען, אויס מורא די לעצטע זאָ־לען ניט צופאלען ווערן. די קירך פארלאנגט פאר זיך ניט מעהר, ווי אונזערע אויטאָריטעטען, הגם זי האָט א פיעל גרעסטען זכות: איהר אומפעהלבארקייט איז ניט נור אָנגענומען פון מענשען, נור זי איז אויך גאראנטירט פון גאָט.

דע־מעסטר שרייבט: „א גרויסע און מעכטיגע נאציע האָט פאר אונזערע אויגען געמאכט די העכסטע אָנשטרענגונג אין דער ריכטונג פון פרייהייט, וואָס די וועלט האָט ווען געזעהן. וואָס האָט זי געוואונען דורך דעם? זי האָט זיך באדעקט מיט שפּאָט און שאנד, און האָט געענדיגט דערמיט, וואָס זי האָט ארויפגעזעצט א קאָרסיקאנישען זשאנדאר אויפ׳ן טראָהן פון די קעניגע פון פראנק־רייך". ער ווייזט, אז די קאטוילישע רעליגיע פארווערט אומ־באדינגט מרידה פון יעדען סאָרט, בעת דער פּראָטעסטאנטיזם, וואָס איז דער פועל יוצא פון פאָלקס סואווערעניטעט, לאָזט איבער די אנטשיידונג צום אינערליכען געפיהל — דעם כלומרשט׳ען מאָראַלי־שען אינסטינקט. „צווישען דער פאפסטליכער און קעניגליכער מאכט הערשט אזא הארמאָניע, אזא שטארקע פאמיליען־עהנליכ־קייט, אזא געגענזייטיגע אָפּהענגיגקייט, אז די פאפסטליכע מאכט קען ניט אָנגעריהרט ווערען אָהן דעם די קעניגליכע מאכט זאָל אויך ניט מיטליידען".

אלס באווייז ברייננט ער א ציטאטע פון לוטער׳ן:

„פירסטען זיינען בכלל די גרעסטע נאראָנים, די געמיינסטע שווינדלער, וואָס זיינען נור דאָ אויף דער ערד; פון זיי קען

מען קיין גוטס ניט ערוואַרטען; זיי זיינען די תליונים פון גאָט, וועלכער געברויכט זיי אונז צו שטראָפען".

ער באַהויפּטעט ווייטער, אַז דער פּראָטעסטאַנטיזם, וואָס האָט קיין יראת הכבוד ניט פאַר קעניגטום, האָט אויך קיין רעספּעקט ניט פאַר דער הייליגקייט פון חתונה.

„האָט דען לוטער ניט געהאַט די חוצפּה צו שרייבען אין זיין פּירוש אויף בראשית (אין יאָהר 1525), אַז דער ביישפּיעל פון די פּאַטריאַרכען לאָזט אָפען די פראַגע, צי אַ מאַן מעג אָדער טאָר ניט האָבען מעהר פון איין ווייב, אַז מען קען ניט זאָגען, צי דאָס איז אַ מצוה אָדער אַן עבירה, און אַז ער פון זיין זייט וואָלט ניט גענומען אויף זיך צו באַשליסען אַזוי צי אַנדערש? — אַ וואוילע לעהרע, וואָס האָט באַלד געפונען איהר פּראַקטישע אָנווענדונג אין דער פאַמיליע פון לאַנד־גראַף פון העסע־קאַסעל" (לוטער האָט ערלויבט דעם פירסט חתונה צו האָבען מיט צוויי ווייבער אויף אמאָל).

להיפוך צו רוסאָ, פאַרזיכערט דע־מעסטער, אַז דער מענש איז לויט זיין נאַטור אַ שקלאַף, נור דאָס קריסטענטום האָט איהם אויף אַן איבערנאַטירליכען אופן באַפרייט. דערפאַר איז די קריסט־ליכע פרוי פאַר איהם אַן אמת איבערנאַטירליך וועזען. וואָלטער'ן רופט ער אָהן פיעל צערעמאָניעס „דער מאַן, צו וועמען דער גיהנום האָט געגעבען אין די הענד אריין זיין גאַנצע מאַכט".

און אָט איז דע־מעסטער'ס טרומף־געדאַנק: „מאָנאַרכיע איז אַ נ ס, אָבער אָנשטאָט צו בויגען אונזערע קעפּ פאַר איהר, אָלס אַ נס, באַשימפּען מיר זי אָלס טיראַניי. דער סאָלדאַט, וואָס האָט באַקומען אַ באַפעהל פון זיין געזעצליכען סואווערען צו הרג'־ענען אַ מענשען און טוט עס ניט, איז ניט וועניגער שולדיג, ווי יענער, וואָס הרג'עט אַ מענשען, ניט באַקומענדיג דאַרויף זיין באַ־פעהל".

יענע שטאַאטען, וואָס האָבען איינגעפיהרט ביי זיך פּראָטעס־טאַניזם, זיינען באַשטראָפט געוואָרען מיט דעם פאַרלוסט פון זיי־ערע מאָנאַרכען. דע־מעסטער האָט אויסגערעכענט, אַז אין די פּראָ־טעסטאַנטישע לענדער האַלטען זיך די קעניגע דורכשניטליך אַ קיר־צערע צייט אויפ'ן טראָהן, ווי אין די קאַטוילישע לענדער. און אומ־

באַגרייפליכער יוצא מן הכלל איז דענעמאַרק, די איינציגע פּראָ־טעסטאַנטישע מדינה, וואָס איהרע סואווערענען לעבען פּונקט אַזוי לאַנג נאָך דער רעפאָרמאַציע, ווי פאַר דער רעפאָרמאַציע. „צוליעב אַן אומבאַקאַנטען טעם — זיכער אַ טעם, וואָס פאַרשאַפט עהרע דער נאַציאָן, איז דענעמאַרק ניט אונטערוואָרפען דעם געזעץ, וואָס פאַרקירצט די יאָהרען פון די פּראָטעסטאַנטישע קעניגע"*).

דער פינפטער טייל פון דע־מעסטר'ס בוך „וועגען פּאַפּסט" איז שפּעטער פאַרעפענטליכט געוואָרען אַלס באַזונדער ווערק. דאָס איז די גוט באַוואוסטע „גאַליקאַנישע קירך", אַ טראַקטאַט, אין וועלכען דע־מעסטר פּרובט אָפּלערנען פון זיין לעהרע וועגען דער פּאַפּסטליכער אויטאָריטעט, אַז די פּרעטענזיע פון דער פראַנצויזישער קירך אויף פאַרהעלטניסמעסיגער זעלבסטשטענדיג־קייט האָט קיין ממשות ניט. ביי דער געלעגענהייט כאַפּט ביי איהם אַ גאָב באַסועט, פאַר וועמען געוועהנליך ער האָט נאָר ליב־ווערטער. ער רעדט דאָ וועגען איהם אין אַ פיינדליכען איבערמור־טיגען טאָן, פון אויבען אַראָפּ. אָבער גאָר באַזונדערס גיסט ער אויס זיין צאָרן אויף'ן קירכען־ראַט, וואָס האָט זיך פאַרזאַמעלט אין פראַנקרייך אין יאהר 1682 מיט דעם ספּעציעלען צוועק געווי צו באַשטימען די גרענעצען פון דעם פּאַפּסט מאַכט. און כמעט פּונקט אַזוי אויפגעבראַכט איז ער געגען קירכען־ראַט פון יאהר 1700 — דער ראַט וואָס האָט אין איין אָטעם געטאַדעלט די יעזואיטען און די מיסטיקער־יאַנסעניסטען. און דאָ גיט דע־מעסטר אויסדרוק צו אַ ליידענשאַפט, וואָס האָט איהם באַהערשט זיין לעבען לאַנג. פון זיין יוגענד אָן איז ער געווען אַ גינציגער פריינד, אַ באַוואונ־דערער, אַ שיצער און שטיצער פון די יעזואיטען. זיינע דיפּלאָ־מאַטישע בריעף פון רוסלאַנד דערצעהלען אונז, ווי אַזוי ער האָט זיך שטענדיג געמיהט זיי באַהילפיג צו זיין אין זייער שווערער לאַגע פון רוימישע קאַטוילּיקען אין אַ גריכיש־קאַטוילישער מדינה; ווי נעטריי ער פלעגט זיך איינשטעלען פאַר זיי ביים רוסישען הויף, יעדעס מאָל ווען זיי פלעגען איהם אויפרייצען געגען זיך דורך באַ־

*) „וועגען פּאַפּסט", זייטען 160, 174, 383.

קעהרען דעם אדער יענעם מיטגליעד פון דער אריסטאָקראַטיע צום קאַטוליציזם א. ז. וו.

און דאָ, אלס זייער מליץ־יושר, גרייפט ער אָן פּאַסקאַל'ען פאַר זיין אנפאַל אויף די יעזואיטען; אבער ניט פון פילאָזאָפישען שטאַנדפּונקט, וואס דאס וואָלט געווען דאָס לייכטסטע צו טאָן. וואַרים די יעזואיטען מיט זייער קלאָרען בליק אויף מאָראַל, אז טהאטען דארפען אפּגעשעצט ווערען לויט די כוונות, אז קיין אנדער מאָראַל קען גאר ניט זיין אויסער דער מאָראַל פון כוונות — פאַרנעהמען זיי ביז א געוויסען גראַד א גינסטיגערע פּאָזיציע, ווי דער זשעניע, וועלכער מאַכט די אנקלאַגע געגען זיי.

דע־מעסטר, ווי מען וואָלט דאָס געקאָנט ערוואַרטען, שטעלט זיך אויך ניט אויסשליסליך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דעם גרויס־וועלטיגען מענשען, וואָס דאָס וואָלט אויך געווען א לייכטער אופן זיי צו פאַרטיידיגען. ווארים די יעזואיטען, מיט דער בויגיגקייט פון זייערע פּרינציפּען, מיט זייער טאָלעראַנץ פאַר מענשליכע שוואַכקייטען, האָבען זיך געהאַלטען ביי דעם קלוגען כלל, אז מען דאַרף די מענשען צופיעל ניט איבערשרעקען, אז בעסער זאָל דער מאָראַלישער געזעץ טיילווייז ערפילט ווערען, ווייל מען וועט פאַרדרען וועניג, איידער דער געזעץ זאָל אין גאַנצען ניט ערפילט ווערען, ווייל מען וועט פאָדערען צו פיעל — און דאָס גראַד דאַרף אויסנעהמען ביי די גרויסוועלטיגע. דע־מעסטר באַנוגענט זיך מיט דער באַהויפּטונג, אז די יעזואיטישע טראַקטאַטען וועגען מאָראַל, וואס פּאַסקאַל אטאַקירט, זיינען פאַראַלטעטע, פאַרלעגענע ביכער, וואס פּאַסקאַל האָט ארויסגעשלעפּט פון שטויב פון פאַרגעסענהייט מיט דעם איינציגען צוועק צו באַליידיגען און צו שעדיגען אָן ארדען, וואס אפילו זיינע שונאים מוזען צוגעבען, אז זיינע מיטגליעדער צייכנען זיך אויס מיט הויכער מאָראַל און שטרענגער זעלבסט־דיסציפּלין.

און דאָ, משמעות פאַר אָן אפּוועקסלונג, ווערט דע־מעסטר אויף א רגע דער מאַן פון דער גרויסער וועלט, און באַמערקט איראָניש: „ווען מען טהוט א טראַכט, איז עס זעהר קאָמיש, וואס מיר, וועלט־מענשען, נעהמען זיך באַקלאָגען אויף דער ל ו י ז ע ר מ אָ ר א ל פון די יעזואיטען. אויף אזוי פיעל איז דאָך זיכער,

אז דער גאנצער אנבליק פון דער געזעלשאפט וואלט זיך געענדערט, ווען יעדער מיטגליעד איהרער וואלט זיך געהאלטען לכל הפחות ביי דער ניט איבריג שטרענגער מאראל פון עסקאבאר און וואלט זיך דערלויבט נאר יענע עבורה׳לאך, פאר וועלכע עסקאבאר געפינט אן ענטשולדיגונג.

און עס איז גאנץ נאטירליך, אז דער ענערגישער קעמפער פאר די אידעען פון דער פארגאנגענהייט זאל צום סוף פון זיין קאריערע פארכאפט ווערען פון א פארלאנג איינצושטעלען זיך פאר׳ן כבוד פון דער „גרויסער, מיספארשטאנענער און אזוי פיעל בארעדטער אינקוויזיציע". דאס טוט ער אין די „בריעף צו א רוסישען אדעל־מאן וועגען דער לאגע פון דער שפאנישער אינקוויזיציע". אין זיינע בריעף זאגט דע־מעסטר אלץ, וואס קען געזאגט ווערען לטובת דער אינקוויזיציע. אבער לייענענדיג די בריעף, קומט כסדר אויפ׳ן געדאנק די טיעפזיניגע באמערקונג פון אלטען טיגער אין „היטא פאדאסא". „פונדעסטוועגען, — זאגט דער טיגער — איז זעהר שווער אפצולייקענען דעם קלאנג, אז טיגערס עסען מענשען". פריי־הער פון אלץ צייגט דע־מעסטר אן, אז אהן א שיעור שקרים זיינען פארשפרייט געווארען וועגען דער אינקוויזיציע; דערנאך באווייזט ער, אז די אינקוויזיציע איז געוועזן א וועלטליכער געריכט, ניט קיין קירכען־אינסטיטוציע. אבער אונז אינטערעסירט דא יענער טייל פון בוך, וואו ער פארטיידיגט איהרע מעשים. ער זאגט:

„אין שפאניען און פארטוגאל, ווי אומעטום, לאזט מען צורוה א מענשען, וועלכער וויל לעבען רוהיג; וואס שייך דעם אומפאר־זיכטיגען, וועלכער וויל דוקא לערנען אנדערע ווי צו גלויבען און שטערט די געזעלשאפטליכע ארדנונג, אזא איינער האט צו באַ־שולדיגען נור זיך אליין... דער מאדערנער אפיקורוס, זיצענדיג באַ־קוועם אין זיין קאבינעט, קימערט זיך זעהר ווייניג וועגען דעם, וואס לוטער׳ס ארגומענטען האבען ארויסגערופען די דרייסיג־יעהריגע מלחמה; אבער די אלטע געזעצגעבער האבען זעהר גוט געוואוסט, וואס פאר א פרייז מענשען וועלען צאהלען פאר יענע אומגליקליכע תורות, און זיינען געוועזן פאלשטענדיג גערעכט, ווען זיי האבען באַ־שטראפט מיט טויט א פארברעכען, וואס האט געקענט דערשיטערן די געזעלשאפט ביז צו איהרע יסודות און אפבאדען זי אין בלוט...

בלויז א דאנק דער אינקוויזיציע איז פאר די לעצטע דריי הונדערט יאהר אין שפאניען געווען מעהר גליק און פרידען, ווי אין דער גאנ־צער איבריגער איירָאפּא".

זיינע „בריעף" פיהרט דע־מעסטר איין מיט א ציטאטע, וואָס איהר מיין איז, אז אלע גרויסע מענשען זיינען געווען אומטאָלע־ראנט, און עס איז גוט אזוי.

„זאָל דער יעניגער, וואָס קומט פאר א לייטזעליגען קעניג — זאגט גרים, דער ענציקלאָפּעדיסט — דרשנ'ען צו איהם וועגען טאָ־לעראנץ אין רעליגיעזע ענינים, כדי צו פאנגען איהם אין פאסטקע און כדי, דורך זיין טאָלעראנץ, צו געבען דער פארפאלגטער פארטיי צייט צו קומען צו זיך און צוצוגרייטען זיך, ווען עס וועט קומען איהר רייה, צו פארכאפּען די מאכט און צו צושמעטערען איהר נעגנער. וואלטער'ס דרשה, וואָס פלאפּעלט וועגען טאָלעראנץ, איז גוט פאר נאראָנים, פאר מענשען, וואס לאזען זיך נארען און פאר מענשען, וואס האָבען גאר קיין אינטערעס ניט אין דער זאך".

א פארפיהרערישער פּלפּול! יעדער עכטער, לעבעדיגער ענ־טוזיאזם מאכט אויבען־אויף אוממעגליך טאָלעראנץ. פונדעסט־וועגען איז וואָלטער'ס לעהרע ניט וועניגער ריכטיג. דאס רעטעניש לייזט זיך לייכט, דער פרינציפּ פון אומטאָלעראנץ איז א טעארע־טישער און דער פרינציפּ פון טאָלעראנץ איז א פּראקטישער. אין דער טעאָריע קיין איינזעהעניש, קיין טאָלעראנץ, קיין רחמנות! ווייל דער טעות מוז אויסגעראט ווערען, און דער שקר אויסגעוואר־צעלט ווערן און די נארישקייט דערשטיקט ווערען. אָבער וואָס איז וועגען בעל־טעות, שקרן און נאר? זאָלען זיי אויך אויסגע־ראָט, אויסגעוואָרצעלט און דערשטיקט ווערען? ניין, זיי זאָלען זיך געהן זייער וועג. דער געביעט פון דער פּראקטיק איז דער גע־ביעט פון טאָלעראנץ.

דע־מעסטר'ס „אונטערזוכונג וועגען בעקאָן'ס פילאָזאָפיע" איז פארעפענטליכט געוואָרען ערשט נאָך זיין טויט. דאָס איז דאָס קריעגערישסטע און לאנגווייליגסטע ווערק זיינס. עס איז קלאָר, אז דער קאמפּסלוסטיגער פארטיידיגער פון קריסטענטום האָט זיך דאָ א כאפּ געטאָן פאר אן ענין, וואָס איז איבער זיינע כחות. איהם האָט זיך געוואָלט צושמעטערען בעקאָנ'ען ווייל ער

האָט געגלויבט, אַז די גאָטלאָזיגקייט פון דער פראַנצויזישער פילאָ־זאָפיע פון 18טען יאָהרהונדערט דאַרף צוגעשריבען ווערען צו זיין איינפלוס. און ער פאַלט אָן אויף איהם מיט אמת טעאָלאָגישער ווילדקייט, אַטאַקירענדיג אַלע זיינע טעאָריען — וועגען דערקענט־ניס, נאַטור, ליכט, וועטער, נשמה און רעליגיע; אַטאַקירענדיג איהם וואו ער איז גערעכט און וואו ער איז איינמאָל אין אַ יובל אומ־גערעכט; כאַפּענדיג איהם ביי אומוויכטיגע און בלויז אויבען־אויפיגע ווידערשפּרוכען; טייטלענדיג אויף זיינע גרייזען אין לאַ־טיין, אין סטיל; אַלעמאָל טומלענדיג, געוואַלדעווענדיג, דאָגמאַ־טיזירענדיג; פּעכטענדיג געגען איהם מיט וואָפען, אַרויסגעשלעפּט פון די אַרסענאַלען פון טראַדיציע און גלויבען אין אָפּענבאַרונג. אין איינצעלנע קאַפּיטלען, ווי אין די „ענדליכע סבות" מערקט זיך אַ געוויסער פּוסטער שאַרפזין; פון אַנדערע, ווי פון'ם קאַפּיטעל, וואָס איז באַטיטעלט: „די פאַראייניגונג פון וויסענשאַפט און רעליגיע", שלאָגט אַ קאַלטבלוטיגער פאַנאַטיזם. אין דעם לעצטען קאַפּיטעל לייענען מיר: „די וויסענשאַפט האָט אָהן ספק איהר ווערט, אָבער עס איז נויטיג צו האַלטען זי אין די גרעניצען... עמיצער האָט געמאַכט אַ גאַנץ טרעפענדע באַמערקונג, אַז די וויסענשאַפט איז געגליכען צו פייער: פאַרבלייבט זי אין די פּלעצער, וואָס זיינען ספּעציעל פאַר איהר באַשטימט, איז זי דעם מענשען'ס ניצליכ־סטע און מעכטיגסטע דיענערין; לאָזט מען זי איבער צום שפּיעל פון צופאַל, פאַרוואַנדעלט זי זיך אין די שרעקליכסטע פּלאָג".

טריי צו זיין כלל, אַז מען טאָר ניט לאָזען קיין שפּרינקעלע פאַלען אויף דעם שילד אָדער שווערד פון דער קירך, געוואַלדעוועט ער אויף בעקאָן'ס פראַנצויזישען איבערזעצער, אַז יענער ווייס ניט וואָס ער רעדט; די קירך האָט זיך קיינמאָל ניט אַנטקעגענגע־שטעלט דעם פּראָגרעס פון דער נאַטור־וויסענשאַפט. דער איבער־זעצער האָט איינפאַך אָנגעוויזען, אַז קיין זאַך האָט אַזוי ניט געשע־דיגט דער קירך, ווי דער באַוויזענער אמת פון פאַקטען, וואָס די קירך האָט לאַנג און פאַרביסען געלייקענט און זייערע ענטדעקער פאַרפאָלגט; און ער האָט געבראַכט דעם פאַל פון גאַלילייִ, אַלס ביישפּיעל. דע־מעסטר הויבט אָן מיט לויבען און רימען די קירך אַלס די טרעגערין און פאַרזאָרגערין פון דער וויסענשאַפט אין אַ סך

אַנדערע פּאַלען; דערנאָך פּרואווט ער ווי ווייט מעגליך צו פאַר־ענטפערען דעם פאַל פון גאַליליי, און ער ענדיגט דערמיט, וואָס ער איז דאָך געצוואונגען צוצוגעבען דעם פּאַקט. און ער טוט דאָס אַזוי:

„גאַליליי איז פאַראורטיילט געוואָרען פון דער אינקוויזיציע, דאָס הייסט, פון אַ געריכט, וואָס האָט געקענט מאַכען אַ טעות, ווי יעדער אַנדער געריכט, און אין דעם פאַל האָט ער ווירקליך זיך טועה געווען אין דער עצם פּראַגע; אָבער גאַליליי האָט אויף די פאַרשיעדענסטע אופנים זיך אַליין געשעדיגט אויפ'ן געריכט, און דורך איין אומפאָרזיכטיגקייט נאָך דער אַנדערער האָט ער גע־בראַכט אויף זיך אַן ערנידריגונג, וואָס ער האָט לייכט געקענט אויסמיידען, אָהן שום אומכבוד פאַר זיך. ווען ער וואָלט נאָר גע־האַלטען זיין פאַרשפּרעכען ניט צו שרייבען; ווען ער וואָלט ניט געווען אַזוי איינגעַ'עקשנ'ט צו ווען דוקא באַווייזען די ריכטיג־קייט פון קאָפּערניקס סיסטעם אויפן סמך פון די הייליגע שריפ־טען; ווען ער וואָלט לכל הפחות געשריבען אין לאַטיין, אַנשטאָט צו שרייבען אין דער געדעטער פאָלקסשפּראַך, און רעגען די גע־מיטער — וואָלט קיין זאַך ניט פּאַסירט מיט איהם.“

דע־מעסטר איז ביז צום סוף טריי געבליבען צו זיין כאַראַק־טער; ער האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטען קיין שפּאַן פון דעם באָ־דען, וואָס די קירך האָט שוין מיט יאָהרהונדערטע צוריק געהאַט אַנגעוואָרען.

ער איז אַ גרויסע און באַצויבערענדע פּערזענליכקייט, אַן ער־פאָלגרייכער אַדוואָקאַט פון אַ פאַרלאָרענער זאַך, וואָס האָט גאַנץ זיכער געוואונען גרונד פאַר זיין לעבצייט. אַלס שטיצער פון אויטאָריטעט, פון מאָנאַרכיע, פון דער פינסטערער לעבענס־אַנשוי־אונג, אַלס פּאָלעמיקער און ריטער פון קריסטענטום, אַלס פאַר־אַכטער פון דער וויסענשאַפט, האָט ער אַ געוויסע ווייטע עהנליכ־קייט צו קירקעגאַרדען. ביידענס סיסטעמען זיינען גרויסאַרטיגע געביידען פון אידעען — ביי דע־מעסטר'ן זיינען דאָס אידעען וועגען דער אויסערליכער וועלט; ביי קירקעגאַרדען — וועגען דער אינערליכער וועלט.

דע־מעסטר איז געווען אַ דורך און דורך איבערצייגטער, שאַר־

פער, שניידענדער, אָבער דאָך קאַלט־הערציגער קעמפער פאַר דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט. עס איז דאָ האַרץ אין זיינע בריעף, אָבער עס איז קיין האַרץ ניטאָ אין זיינע ביכער. אין זיינע ביכער געפינט איהר נור היציגען אַרגומענט, אונטערגעטראָגען מיט פיינער לאָגיק און שלאָגענדיגען וויץ. מיט זיין גאַליגקייט דער־מאָנט ער אָפט וואָלטער׳ן און מיט זיין גרימיגער לוסט צו אַלערליי גרוילען דערמאָנט ער צייטענווייז סוויפט׳ען. עס טוט איהם הנאה צו רייצען, צו מאַכען שטוינען. ער האָט ליעב המצאות, פּאַראַדאָקסען, ווייל זיי גיבען איהם צו פיהלען זיין העכערקייט און ברייגגען דעם לעזער אין פאַרלעגענהייט, ווייל זיי מאַכען שווע־רער די אַטאַקע פון שונא און ווייל פּאַראַדאָקסען זיינען די פאַ־דערשטע טראַנשעען, וואָס מען קען פאַרלאָזען אָהן בזיון, ווען דער שונא שטורמט מיט קראַפט.

זיין קריסטענטום איז דורכאויס אַן אויסערליכע זאַך. ער איז אַ קריסט, ווי איינער איז אַ פּראַקטיציאַניסט אָדער אַ פּריי־הענדלער, צוליעב אַלגעמיינע טעאָרעטישע טעמים. זיין קריסטענ־טום איז קריסטענטום אָהן ברודער־ליעבע — ניין, נאָך מעהר: קריסטענטום אָהן קריסטוס, אַלס דערלייזער און שלום־בריינגער. ביי איהם איז קריסטוס בלויז דער בלוטיגער קרבן, וואָס די באַ־ליידיגע גאָטהייט פאַרלאַנגט — אַ קרבן ווי איפיגעניע, אָדער יפתח׳ס טאָכטער. פּאַגע באַמערקט גאַנץ ריכטיג, אַז דע־מעסטר׳ס קריסטענטום איז „מורא, פאַסיווע געהאָרכזאַמקייט און שטאַאַטס־רעליגיע״, דאָס איז אַ קריסטענטום, וואָס שטאַמט ניט פון ירושלים, נור רוים; און ער אַליין איז „אַ מין אָפיציער פון פּאַפּסט׳ס לייב־גוואַרדיע״.

אַ ליידענשאַפטליכער אָפּלייקענער פון דעם גייסט און דער פילאָזאָפיע פון 18טען יאָהרהונדערט, פון דעם יאָהרהונדערט, אין וועלכען ער איז געבאָרען, האָט ער געהאַט מיט איהם אַ בשותפות׳ן שטריך: פּונקט ווי דעם יאָהרהונדערט, האָט איהם געפעהלט דאָס ריכטיגע פאַרשטענדניס פאַר דער געשיכטע. ער איז גענייגט גע־ווען צו איגנאָרירען דעם 18טען יאָהרהונדערט, פּונקט ווי דער לעצטער איז גענייגט געווען צו איגנאָרירען דעם מיטעל־אַלטער. ער איז דער געגענשטיק צו דער פרוי, וואָס האָט רעפּרעזענטירט

די נעטין פון דער פאַרנונפט — ער איז דער מאַן, וואָס האָט רעפּרע־זענטירט דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, אַזוי ווי ער איז, אָהן שום היסטאָרישע צוגאָבען. זיין הארץ איז געווען פונקט אַזוי אויסגעליידיגט פון רעליגיעזע געפיהלען, ווי דער יאָהר־הונדערט, וואָס ער אַטאַקירט אין נאָמען פון דער רעליגיע פון אַפּענבארונג.

שטרענג און קאַלט, מיט אַ סאַרקאַסטישען, און צייטענווייז גרויזאַמען שמייכעל אַרום די ליפּען, אָבער פון אַ נאָבעלען כאַ־ראַקטער און מיט אַ שטאַרקען ווילען, שטעהט ער אויפ׳ן שוועל פון נייעם יאָהרהונדערט אויב ניט ווי אַ גוטער, איז לכל הפּחות ווי דער בעסטער גייסט פון דער גרויסער, אוניווערסאַלער רעַ־אַקציע. מען קען איהם בשום אופן ניט צענויפמישען מיט די קאַרליקעס, וואָס האָבען זיך באַוויזען אין פאַרלויף פון דעם יאָהר־הונדערט און האָבען פאַרוואַסערט זיינע אידעען און אַרויסגע־קוועטשט דעם מאַרך און זאַפט פון זיינע געדאַנקען און האָבען צעריסען און צעפליקט און צעדרעהט און צעפּלאָנטערט זיינע לעהרען, כדי צו קענען זיך מאַסקירען מיט זיי און פאַלשעווען און אונטערדריקען. זשאָזעף דע־מעסטר איז געווען אַ גייסט, בעת זיי זיינען בלויז געווען סקעלעטלאַך. ער איז געווען אַ מאַן אָהן מאַסקעס און אָהן נידריגקייט, אַן אמת׳ער קאָלאָנעל פון פּאַפּסט׳ס זואַווען אין ליטעראַטור, די ריטערליכסטע און סימ־באָלישסטע פיגור, וואָס דער רעאַקציאָנערער לאַגער פון 19טען יאָהרהונדערט האָט אַרויסגעשטעלט*).

---

*) זשאָזעף דע־מעסטר: „באַטראַכטונגען וועגען פראַנקרייך״; „בריעף און עסעיס״, ב. 1, 2; „דיפּלאָמאַטישע קאָרעספּאָנדענץ״, ב. 1, 2; „סאַנקט־פּעטערבורגער אָוועגטען״, ב. 1, 2; „וועגען פּאַפּסט״; „וועגען דער ענגלישער קירך״; „אַן אונטערזוכונג וועגען בעקאָנס פילאָזאָפיע״, ב. 1, 2; מאָרזשערע: „גראַף זש. דע־מעסטר; ע. פאַגע, „פּאָליטיקער און מאָראַליסטען פון 19טען יאָהרהונדערט״.

.6

באַנאַלד.

זיין ערשטע ווערק „טעאָריע פון מאַכט" פאַרניכטעט פון דער דירעק־טאָריע־פּאָליציי. — באהויפּטעט אַז יעדע רעוואָלוציע פאַנגט זיך אָן פון די אונטערטאַנען און ווערט פאַרענדיגט פון די הערשער. — ווערט באַשטימט פון נאַפּאָלעאָנ'ען אַלס משגיח איבער'ן אוניווער־זיטעט. — אנטזאגט די בקשה פון נאַפּאָלעאָן'ס ברודער. — איז מיטגליד פון דעם דעפּוטאַטען־קאַמער און פון דער אַקאַדעמיע. — זיין גאַנצע טעאָריע איז געבויט אויף אַ דריי־איינציגקייט אינ'ם סדר העולם: סבה, מיטעל, פועל יוצא. — ניטאָ קיין היסטאָרישע אַנטוויקלונג, נאָר אַ היסטאָרישע טראַדיציע. — זיין באַריהמט ווערק „דער גט". — באַנאַלד'ס טעאָריען ווערען די הייראַטס־געזעצען פון פראַנקרייך. — „טויט־שטראָף, די ווערטפולסטע אינ־סטיטוציע צו דערהאַלטען די געזעלשאַפט". — וואָס איז הייראַט?

זייט ביי זייט מיט זשאָזעף דע־מעסטר שטעהט באַנאַלד, דער באַריהמטער מיטעל־אַלטערליכער שול־מייסטער פון דער אייראָ־פּעאישער רעאקציע. פון דערזעלביגער גייסטיגער ריכטונג און מיט דיזעלבינע פּראַקטישע צוועקען, איז ער אָבער פּונקט אַזוי איינ־אַרטיג, ווי דע־מעסטר איז פאַרשיעדענאַרטיג; פּונקט אַזוי גע־זעצט און שטאַטיג, ווי יענער ווילד־פאַנטאַסטיש.

לואי גבריאל אמברואז, וויקאָנט דע־באַנאַלד, איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1754 (אין איין יאָהר מיט דע־מעסטר), אין מאַנא, דרום־פראַנקרייך. ער האָט אָנגעהויבען זיין קאַריערע אַלס אָפיציער פון מושקעטערען־רעגימענט אונטער לואי דעם 15טען. אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע איז ער אַ ביסעל געכאַפּט געוועזן אין ליבעראַליזם, אָבער נור פאַר אַ שטיקעל צייט. ער האָט פריה חתונה געהאַט; איז באַשטימט געוואָרען אויבער־מאַגיסטראַט פון דעפּאַרטאַמענט אַוועיראָן; ער האָט אָבער רעזיגנירט פון דעם אַמט, ווען לואי דער 16טער איז געצוואונגען געווען אונטערצו־שרייבען דעם געזעץ וועגען פאַרוועלטליכען די קירך. אין יאָהר 1791 האָט ער עמיגרירט און איז צוגעשטאַנען צו דער אַרמעע פון פּרינץ קאָנדע. אין היידעלבורג האָט ער אָנגעשריבען זיין „טעאָריע פון מאַכט". די פּאָליציי פון דירעקטאָריע האָט פאַר־

גיכטעט כמעט די גאַנצע ערשטע אויסגאַבע פון בוך. אָבער צום אויטאָר׳ס גליק, איז אַ קאַפּיטל, וואָס איז געשיקט געוואָרען צו באַנאַפּאַרט׳ן, אָנגעקומען אויפ׳ן אַדרעס, און דאָס בוך האָט געמאַכט אַזאַ גינסטיגען איינדרוק אויף באַנאַפּאַרט׳ן, אַז ער האָט געהייסען אויסשטרייכען דעם אויטאָר׳ס נאָמען פון דער ליסטע פון די עמיגראַנטען.

עס האָט איהם אַ טובה געטאָן זיין לעהרע, אַז יעדע רעוואָלוציע ווערט אָנגעהויבען פון די אונטערטאַנען און ווערט פאַרענדיגט פון די הערשער; זי הויבט זיך אָן, ווייל די מאַכט, אין אַ שוואַכער מינוט, גיט נאָך, און ענדיגט זיך, ווען די מאַכט קומט ווידער צו זיך. ער האָט דערוויזען, אַז אַלע אומרוהען דיענען נור צו פאַרשטאַרקען די מאַכט, און ער האָט נביאות געזאָגט, אַז די רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער פּראָקלאַמירונג פון מענשען־רעכט, וועט זיך פאַרענדיגען מיט דער פּראָקלאַמירונג פון גאָט׳ס רעכט. און אַזוי ווי באַנאַפּאַרט האָט דאַמאָלס גראַד נעהאַלטען ביים פּראָקלאַמירען גאָט׳ס רעכט דורכ׳ן קאָנקאָרדאַט, איז באָנאַלד׳ס פּאָזיציע געזיכערט געווען.

אין געהיים האָט ער נאָך אַלץ געטרוימט וועגען די בורבאָנען, אָבער צופריעדען מיט דער שטעלע, וואָס באַנאַפּאַרט האָט איהם געגעבען, האָט ער זיך דערוויילּ באַנוגענט מיט טרוימערייען. ער איז באַשטימט געוואָרען פאַר דעם אויבער־משגיח איבער דעם אוניווערזיטעט, מיט אַ יעהרליכען געהאַלט פון 12 טויזענד פראַנק פאַר גאָרנישט טאָן. שאַטאָבריאַן, רעצענזירענדיג זיין ווערק, האָט זיך צוגאָסען אין התפּעלות. דע־מעסטר, נאָך דער פאַרעפענטליכונג פון זיינע פילאָזאָפישע חקירות, האָט צו איהם געשריבען:

„איז דאָס ניט אַ מערקווירדיגער איינפאַל פון דער נאַטור אָנצוציהען צוויי סטרונעס, אַז זיי זאָלען האַרמאָנירען אַזוי פאָלקאָם, ווי אייער גייסט און מיינער? ווען מיינע מאַנוסקריפּטען וועלען ווען עס איז געדרוקט ווערן, וועט איהר דאָרט געפינען דיזעלבינע אויסדרוקען, וואָס איהר געברויכט, און איך האָב זיכער גאָרנישט געענדערט".

אין אַ צווייטען בריעף דריקט ער זיך אוים נאָך שטאַרקער:
„איך האָב גאָרנישט געטראַכט, וואָס איהר זאָלט ניט האָבען

געשריבען, און איך האָב נאָרגישט געשריבען, וואָס איהר זאָלט ניט האָבען געטראַכט".

באַנאַלד האָט זיך געפיהלט זעהר געשמייכעלט פון אַזעלכע פאַרזיכערונגען, הגם ער האָט געצווייפעלט אין זייער אמת — און ער איז געווען גערעכט. ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די ענהליכקייט אין די רעזולטאַטען, צו וועלכע די ביידע וואפען־ברידער זיינען גע־קומען, אָבער די גייסטליכע פּראָצעסען, די וועגען זייערע זיינען גאַנץ פאַרשיעדען.

ווי הויך געשעצט באַנאַלד איז געווען, ווייזט דער ריהרענדער בריעף, וואָס לואי, נאַפּאָלעאָנ'ס ברודער, דער קעניג פון האָלאַנד, האָט צו איהם געשיקט און אין וועלכען ער בעט איהם ער זאָל נעה־מען אויף זיך די ערציהונג פון זיין עלטסטען זוהן. לואי הויבט אָן דערמיט, וואָס ער דערצעהלט איהם, וואָס פאַר אַ גרויסער חולה ער איז, און ווי שטאַרק ער ליעבט זיין זוהן, און ווי וויכטיג עס איז, אַז זיין זוהן זאָל ערצויגען ווערן פון אַ מאַן, אין פולען זין פון וואָרט, כדי ער אַליין זאָל אַזאַ איינער ווערן. ווייטער זאָגט ער: „הגם איך קען אייך ניט פּערזענליך, בין איך נאָך פיעל זוכען און פאָרשען געקומען צום שלום, אַז איהר זייט איינער פון די מענ־שען, וואָס איך רעספּעקטיר אַם מעהרסטען. דערפאַר וועט איהר מיך אַנטשולדיגען, וואָס איצט, ווען איך דאַרף אויסקלייבען אַ פּער־זאָן, ווענדען אַנצוטרויען דאָס, וואָס איז מיר נאָך טייערער ווי דאָס לעבען, ווענד איך מיך צו אייך. דאָס גליק, וואָס איהר גע־ניסט זיכער אין דעם פריעדען פון אייער הויז, וועט אודאי ניט מאַכען אייך גלייכגילטיג צו דעם גוטס, וואָס איהר קענט פאַרשאַ־פען, איך זאָג ניט מיר, אין איינצעלנער פּערזאָן, נור אַ גאַנצען פאָלק, וואָס פאַרדיענט נאָך מעהר רעספּעקט ווי מיטלייד (און דאָס איז פיעל געזאָגט) — און איך האָף, אַז איהר וועט איינוויליגען צו ווערן דער ערציהער פון מיין זוהן".

און ער שליסט אין דעמזעלבינען טאָן, פאַרטיידיגענדיג זיך נעגען די בלבולים, וואָס האָבען מעגליך דערגרייכט באַנאַלד'ס אויערן.

מיט אַזאַ עניוות האָט אַ קעניג אַפּעלירט צו דעם מענשען — און אומזיסט: באַנאַלד האָט איהם אַנטזאָגט אין זיין בקשה.

און אַט איז נאָך אַ שאַרפערערביישפיעל, פון וועלכען עס איז צו זעהן, וואָס פאַר אַ ווערט מען האָט דאַמאָלס געלייגט אויף די עקסטרעמע פּאַרטייִדיגער פון אויטאָריטעט פון באָנאַלד'ס טיפּ: איינמאָל האָט באָנאַלד באַקומען אַ צעטעלע, וואָס האָט איהם איינגעלאַדען צו קומען מיט אַ באַזוך צו קאַרדינאַל מאורי, אַ גייסטליכער, וועלכער איז אונטער'ן קייזער געווען פיעל מעכטיגער, ווי אַמאָל, ווען ער האָט פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג געקעמפּט געגען דער גלייכבאַרעכטיגונג פון די אידען. בלייבענדיג מיט איהם אויג אויף אויג, האָט דער קאַרדינאַל איהם געפרעגט, וואָס וואָלט געווען זיין ענטפער, ווען דער קייזער וואָלט איהם פאָרגעשלאָגען צו נעהמען אויף זיך די ערציהונג פון דעם קעניג פון רוים. פאַר אַ מאָמענט איז באָנאַלד שטיל געבליבען, ווי איבעראַשט פון דעם גרויסען כבוד. אָבער באַלד איז ער געקומען צו זיך און האָט צוריקגעוויזען דעם כבוד, ווי מען גיט איבער, אין אַזעלכע ווערטער:

„איך בין זיך מודה, אַז ווען איך וואָלט איהם געלערנט הערשען, וואָלט מיין ערשטע עצה געווען צו איהם — צו הערשען ערגעץ וואו אַנדערש, ניט אין רוים.‟

נאָך דער מאָנאַרכיסטישער רעסטאַווראַציע האָט באָנאַלד מעהר ווי ווער עס איז אויפגעטאָן פאַר דעם, אַז רוים און זיין גייסט — דער אויטאָריטעט-פּרינציפּ—זאָלען הערשען און ניט באַהערשט זיין. זיין לעבען לאַנג האָט ער געקעמפּט געגען דער פּרעסע-פרייהייט — ביז ער איז געוואָרען דער פּאַקטישער אויבער-צענזאָר.

אין יאָהר 1815 איז ער ערוועהלט געוואָרען צו דער דעפּוטירטען-קאַמער, וואו ער איז געזעסען מיט די עקסטרעם-רעכטע. אונטער לואי דעם 18טען איז ער באַשטימט געוואָרען פאַר מיטגליעד פון דער אַקאַדעמיע און פאַר פּער פון פראַנקרייך. אין זיין לעצטער ראָלע האָט ער פאַרביסען געקעמפּט געגען רעליגיאָנס פרייהייט. אין יאָהר 1830 האָט ער זיך צוריקגעצויגען פון עפענטליכען לעבען, ווייל עס איז געווען געגען זיין געוויסען צו שווערען טרייהייט צו דער יולי-מאָנאַרכיע.

יעדער איינער, וועלכער נעהמט זיך לייענען באָנאַלד'ס ווערק גלייך נאָך דע-מעסטר'ס, וועט מיט מאַטערניס דורכקריכען דורך

זיי, ווייל כמעט אלע זיינען זיי טויט־לאנגוויילינ. מען זעהט נים קיין מענשען אין זיינע ביכער, נור דרשות און דרשות, און באנאלד'ס דרשות באשטעהען פון טעאלאגיש־פאליטישע באהויפטונגען, וועל־כע מיר מוזען אננעהמען אהן שום באווייזען. עס איז אוממעגליך זיך פארצושטעלען א גייסט, וואס זאל זיין אימער דורכגעדרונגען מיט בלינדען גלויבען אין דאגמען, דאס הייסט, א גייסט, וואס זאל זיך פונקט אזוי ווייניג זיך וועלען רעכענען מיט דער ווירקליכקייט, ווי מיט דעם וויסענשאפטליכען אמת. עס זעהט אויס, אז ער האט קיינמאל ניט געצווייפעלט; קיינמאל ניט פאר זיין גאנצער לאנגער קאריערע אלס שריפטשטעלער, איז איהם ניט איינגעפאלען צו פרעגען די מינדסטע פראגע אויף די פאר עלעמענטארע „גרונד־אמת'ן", אויף וועלכע ער שטיצט זיינע טעאריען.

די דאזיגע „גרונד־אמת'ן" געפינען מיר אין זיינע ווערק, אין א פארשטיינערטער פארמע, גענויער גערעדט, אין א פארמע פון דרייליכגע. ווי די מיטעל־אלטערליכע סכאלאסטיקער פאר איהם און העגעל נאך איהם, האט באנאלד געטראכט אין דרייליכגען, אבער ניט אזוי ווי העגעל, אהן דעם חוש פאר דער צוויי־זייט־ליכקייט פון יעדער אידעע, אהן בויגיגקייט, אהן אינטואיציע. אלע שייכות'ען זיינען ביי איהם רעדוצירט צו איין גרויסען דריי־לינג: סבה, מיטעל, פועל־יוצא. אין שטאאט האבען מיר די מאכט אלס סבה, די מיניסטארען אלס מיטלען און די אונטער־טאנען אלס פועל־יוצא'ס רעזולטאטען. אין רעליגיע האבען מיר דעם דריילינג: גאט, יעזוס דעם פארמיטלער און דעם מענשען. אין אן אנדער אויסטייטשונג איז יעזוס אליין די מאכט, דער מיניסטער, דער אונטערטאן — די מאכט דורך דער אידעע, מיניסטער דורך דעם ווארט, און אונטערטאן, אלס קרבן צו באשטעטיגען דאס ווארט. אויך אין פאליטישען זין איז ער מאכט, מיניסטער און אונטער־טאן — מאכט אלס קעניג פון די אידען, מיניסטער אלס כהן־גדול און אונטערטאן אלס וויליגער קרבן.

אין דער פאמיליע, אין דער געזעלשאפט, אינ'ם שטאאט, אין דער וועלט אנטפלעקט זיך דיזעלביגע דריי־איינינקייט; און דאס אלע ווערט געטאן מיט דעם צוועק צו באווייזען די נויטינקייט און די אמת'דינקייט פון דער מאנארכיע. מאנארכיע איז אמת'דיג, ווייל

זי שטיצט זיך אויף דעם פּרינציפּ, וואָס רעגיערט די וועלט־אָרד־נונג. דער וועלט־אַל איז מאָנאַרכיסטיש. און די רעוואָלוציאָנערען און רעפּובליקאַנער, וועלכע האָבען פאַר אַ מאָמענט געוואָגט אָפּ־צושאַפען די מאָנאַרכיע, האָבען אייגענטליך געמאַכט אַ חוצפה׳־דיגען פּאַרזוף איבערצוקעהרען דעם סדר פון וועלט־אַל. ניט אַ קאָנסטיטוציע האָבען זיי אָפּגעשאַפט, נור ד י קאָנסטיטוציע, ווייל עס איז נור דאָ איינע.

באַנאַלד שפּאַט איבער דער ערפאַהרונג, לאַכט זיך אויס פון דער געשיכטע — די לעקציעס פון דער ערפאַהרונג זיינען ווערט־לאָז פאַר איהם, וועלכער איז דער באַזיצער פון אייביגע, פונדאַ־מענטאַלע פּרינציפּען. אפילו מיט נאַטור־געשיכטע וויל ער גאָר־נישט האָבען צו טאָן, ווייל ער שפּירט אין איהר די אידעע פון אַנטוויקלונג, וואָס זי איז פון טייוועל.

עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי היסטאָרישע אַנטוויקלונג; עס איז דאָ היסטאָרישע טראַדיציע, און אָן איהר דאַרפען מיר זיך קלאַמערן. ווייל דורך דער טראַדיציע דערגרייכען מיר גאָט. אין דער קייט פון בלינדע מענשען, וועלכע מיר רופען מענשהייט, דאַרף נור דער ערשטער בלינדער האָבען אַ שטעקען, און דער שטעקען איז גאָט׳ס געבאָט, וואָס ווערט אונז איבערגעליפערט דורך דער טראַדיציע.

דער 18טער יאָהרהונדערט האָט מעהר ווי אַלע זיינע פאָר־לויפער געגלויבט אין דעם מענשענ׳ס פעהיגקייט באַוואוסטזיניג צו ערפינדען און שאַפען. רוסאָ האָט באַהויפּטעט, אַז דאָס האָט דער מענש ערפונדען און געגרינדעט די געזעלשאַפט. באָנאַלד באַשטרייט די דאָזיגע טעאָריע. דער מענש, זאָגט ער, האָט גאָר־נישט ערפונדען; די פאַמיליע און די געזעלשאַפט פונקט אַזוי ווייניג, ווי די שפּראַך און די שריפט. לכתחילה איז ער געווען אַ בלאַנקער טאָוועל — די „טאַבולאַ ראַזאַ", מיט וועלכער קאָנדיליאַק און די סענסואַליסטען האָבען אַזוי פיעל געקלונגען. אָבער דער בלאַנקער טאָוועל איז ניט אויסגעפילט געוואָרען מיט איינדרוקען פון די חושים, נור מיט דירעקטע אָנווייזונגען פון גאָט.

וואָרים גאָט איז ניט נאָר דער באַשאַפער „פון אָנהויב", ער האַלט כסדר אין באַשאַפען ביז׳ן היינטיגען טאָג. ער האָט גענריג־

דעם די געזעלשאַפט, און געגרינדעט מיט דעם צוועק, אַז זי זאָל איינהיטען זיינע ווערטער און זיינע געדאַנקען. און דאָס קען נור געשעהן דורך דעם, וואָס מען וועט איינהיטען די טראַדיציע אומגעבראָכען, פון דור צו דור.

די כוונה, די מיסיע פון דער טראַדיציע איז, אַלזאָ, אויפצוהאַלטען גאָט אין דער וועלט. דערפאַר איז יעדער פּאַרזוך צו ברעכען די טראַדיציע אַ פּאַרזוך אויף גייסטיגען זעלבסטמאָרד. און דער פאַרלאַנג אויפצוהאַלטען די טראַדיציע קומט איינפאַך פון דעם לעבצען נאָך פול־פולסירענדען לעבען. באַהעפטענדיג זיך מיט אַלע כוחות אָן דער ריינסטער גייסטליכער ירושה, רופען מיר ארויס אין זיך דאָס ריינסטע פולסטע לעבען. און דערפאַר קלאַמערט זיך אַזוי באַנאַלד אָן די דאָגמען און אָן דער אויבערהערשאַפט פון דעם רוימיש־קאַטוילישער קירך.

כדי צו דערפיהרען זיין לעהרע וועגען דער שאַפונג און גאָט'ס אָנהאַלטענדע שאַפונגס־אַקטען ביז צו איהר לאָגישען שלום, איז באַנאַלד געצוואונגען צו באַווייזען, אַז אויך אין וועלט־אַל הערשט דיזעלבינע אומבאַוועגליכקייט, וואָס ער נעפינט אין פּאָליטיק; דערפאַר אַטאַקירט ער כסדר, זייט דעם יאָהר 1800, די פאַרהעלטניסמעסיג־נייע לעהרע פאַר יענער צייט, די לעהרע פון עוואָלוציע. ווי וואָלטער פאַר איהם און דיזראַעלי נאָך איהם, מאַכט ער זיך לוסטיג איבער דער אידעע, אַז דער מענש שטאַמט פון אַ פיש.

מיט ליעבע און פאַרשטענדניס, אָבער אויך מיט אָהן אַ שיער באַפּוצונגען, באַשרייבט באַנאַלד די אַלטע אָרדנונג פון פראַנקרייך אונטער אַזעלכע קעניגע, ווי הענרי דעם 14טען, און אונטער אַזעלכע רעגענטען, ווי רישעליע. און ער, פון זיין זייט, קריטיקירט די רעוואָלוציאָנערע קריטיקער פון דער אַלטער מאָנאַרכיע און פון אַדעל, און גאַנץ קונציג באַווייזט ער, אַז די מאָנאַרכיע איז ניט געווען יענער דעספּאָטיזם, און אַז דער אַדעל איז ניט געווען יענע פאַרשלאָסענע קאַסטע, ווי זייערע בלאַמירער מאָהלען זיי. און שאַרפזיניג טייטעלט ער אָן אויף די חסרונות פון דער נייער אָרדנונג, מיט איהר פיעל געריהמטער פרייהייט פאַר יעדען איינעם, וואָס מיינט ניט מעהר יעדען איינעם'ס רעכט צו שטימען, און מיט פיעל וואַרימקייט רעדט ער אַרום די מעלות פון דער אַלטער אָרד־

נונג, וואָס האָט דערלויבט דעם רייכען צו ווערען אַן אַדעליגער, און דערמיט באַשרענקט די מאַכט פון רייכטום, פאַרוועהרענדיג דעם אַדעל־מאַן צופיעל צו אַרבייטען פאַר רייכטום. מיט פולען וויסען פאַרזעהט ער דעם פאַקט, אַז די אורשפּרינגליכע מעלות פון דער אַלטער מאָנאַרכיע האָבען לעצטענס עקזיסטירט בלויז אויפ'ן פּאַפּיער און אַז אונטער איהרע שיצענדע פליגלען האָבען זיך צעוואַקסען און צעבליהט די שענדליכסטע אומגערעכטיגקייט און די נידריגסטע גיערינקייט.

באַנאַלד איז אָהן ספק גאַנץ אויפריכטיג אין זיין שנאה צו רעליגיאָנס־פרייהייט. פּרעס־פרייהייט, אומאָפּהענגיגע געריכטען און פּאַרלאַמענטען זיינען איהם דערווידער — דאָס מעג מען איהם גלויבען; אָבער עס פיהלט זיך דער מאַנגעל פון פּשוט'ער עהרליכקייט אין זיין לויב־געזאַנג אויף דער אַלטער רעגיערונגס פאָרמע; אַלס היסטאָריקער איז ער אומוויסענד, אָבער ניט אַזוי אומוויסענד ניט צו וויסען, וואָס יענע רעגיערונגס־פאָרמע איז אין דער ווירקליכקייט געווען.

זיינע ווערק זיינען ניט נור פאַרעלטערט, נור פאַרפוילט; וואו מיר זאָלען ניט עפענען זיינע לאַנגע טראַקטאַטען, דערטראָגט זיך צו אונז דער שאַרפער גערוך פון שטויב, שימעל און טוכלעקייט. די וויכטיגסטע קאַפּיטלען פון זיינע אַמאָל באַריהמטע „פילאָזאָפישע אונטערזוכונגען" (ווי יענע וועגען דער אָפּשטאַמונג פון שפּראַך און שריפט) לייענען זיך ווי פראַגמענטען פון אַלטע טעאָלאָגישע טעקסטביכער.

די קירצערע אָפּהאַנדלונגען און צופעליגע אַרטיקלען ביי אַזעלכע פילאָזאָפען, ווי באַנאַלד, האַלטען געוועהנליך לענגער אָן זייער פרישקייט. אָבער איהר מעגט בלעטערן און בלעטערן די צוויי דיקע בענדער, וואָס באַנאַלד האָט פאַרעפענטליכט אונטער דעם טיטעל: „געמישטע ליטעראַרישע און פּאָליטישע שריפטען", און איהר וועט זיך ניט אָנשטויסען אויף קיין איינציג זייטעל, אויף וועלכען עס זאָל זיך לאָזען זאָגען „פריש". אפילו אַזעלכע עסעיס, ווי איבער וואָלטער'ן, די אידען און טאָלעראַנץ — אַלץ ענינים, וואו מיר האָבען געקענט ערוואַרטען ער זאָל זיך אַרויסזאָגען שאַרף און ביטער, לכל הפחות אַזוינס, וואָס זאָל זיך איינקריצען אין זכרון —

אפילו די עסעים זיינען טאַנלאַז און קאַלירלאַז. צי ער טאַדעלט וואָלטער'ס לייכטזין, צי ער טענה'ט, אז די אידען דארפען באַרויבט ווערן פון זייערע בירגער־רעכט, צי ער באַווייזט, אז טאַלענט איז א זינד און אַן אוממעגליכקייט — אַלץ דערזועלביגער פייערליכער און פוסטער צערעמאָניאַל, דיזעלביגע פארגליווערטע פאָרמולע פון סבה, מיטעל און פועל־יוצא, דערזעלביגער שווערער און איינטאָניגער טאַקט — איינס, צוויי, דריי; איינס, צוויי, דריי. באַנאַלד איז אומלעזבאַר צוליעב אָט דערזעלביגער לײדענשאַפטלאָזיגקייט, אויף וועלכער ער איז אַזוי שטאָלץ געווען.

דאָס איינציגע בוך זיינס, וואָס לאָזט זיך נאָך לעזען — און טאַקי ווייל איהר באַגעגענט דאָ און דאָרט פונקען פון ליידענשאַפט — איז דאָס באַריהמטע בוך „דער גאָט". אָהן ספק, איז עס דאָס אינטערעסאַנטסטע פון אַלע זיינע ביכער.

ער הייבט אָן מיט א לאַנגער „איכה" אויף די טרויעריגע צושטענדען אין דער וועלט זייט אויטאָריטעט איז געשטירצט געוואָרען. די מאָדערנע פילאָזאָפיע, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין גריכענלאַנד, ביי א פאָלק, וואָס איז געבליבען א קינד ביז צום סוף און וואָס האָט אַלעמאָל געזוכט חכמה אויף יעדען אַנדער וועג א חוץ דעם וועג פון פארנונפט (סיק!) — די מאָדערנע פילאָזאָפיע האָט גלייך אין אָנהויב זיך גענומען אַטעאיסטיש און טעאיסטיש(!) אָפּלייקענען גאָט. איצט ווידער זיינען געקומען יום און קאָנדיליאַק און האָבען מיט זייער לעהרע, אז אונזער וויסען שטאַמט פון די חושים, פארוואַנדעלט דעם מענשען — „דאָס פארנינפטיגע וועזען, וואָס באַדיענט זיך מיט זיינע חושים" — אין א פשוט'ע פיה, אין א ריינעם נאַטור־פּראָדוקט.

אָט די אַל־צעשטערענדע טענדענץ האָט זיך אויך אריינגעכאַפּט אין פאַמיליען־לעבען, און אנשטאַט דעם אייביגען פארהעלטניס צווישען עלטערן און קינדער — דאָס פארהעלטניס פון אויטאָריטעט און געהאָרכזאַמקייט — זעהען מיר איצט, אז דער גייסט פון מרידה איז אריינגעדרונגען אין די יונגע הערצער, און די אידעע פון גלייכהייט אין די יונגע מוחות; די קינדער האַלטען זיך פאַר גלייכע יחסנים מיט די עלטערן און ערלויבען זיך אפילו זיי צו „דוצען"; די עלטערן ווידער, וויסענדיג זייער אייגענע שוואַכ־

קיים, פאַרלאַנגען נים מעהר קיין געהאָרכזאַמקייט און באַשטעהען נים מעהר אויף זייער אויטאָריטעט, נאָר זוכען צו ווערען זייערע קינדער׳ס „פריינד" און „אַנפאַרטרויטע" — אָבער גאָר צו אָפּט זייערע מיטפאַרשווערער.

דער צעקראָכענער בליק אויפ׳ן לעבען ברייננט מיט זיך פונקט אזא צעקראָכענעם בליק אויפ׳ן טויט. מען איז געגאַנגען אזוי וויים פאַרצושלאָגען צו פאַרברענען די געשטאָרבענע און צו באַהאַלטען זייער אַש אין גלעזערנע און פּאָרצעלייענע קרוגען, און שרעקליך צו דערצעהלען! — איין מוטער האָט טאַקע געקראַנען די דערלויבניש פון דער פּאָליציי צו פאַרברענען דעם קערפּער פון איהר טאָכטער, ממש ווי ביי די געצענדיענער. ווייטער איז אָנ־געפיהרט געוואָרען אומעטום אן אַגיטאַציע פאַר אָפּשאַפען טויט־שטראָף, אַט די וואָרמפּולסטע אינסטיטוציע, אַט דעם הויפּט־מיטעל צו דערהאַלטען די געזעל־שאַפט, און אין אייניגע לענדער איז טויט־שטראָף שוין אָפּגע־שאַפט געוואָרען. און מיר האָבען געזעהן רעגירונגען, וואָס „האָבען פלוצלונג באַקומען אַנפאַלען פון משוגעת, וואָס געהט אונטערן נאָ־מען מענשענ־ליעבע (פילאַנטראָפּיע)". די אַזויגערופענע נאַטור־וויסענשאַפטען — די „אַזוי־גערופענע": דאָס איז פיין! — וואָס דאַרפען אייגענטליך גערופען ווערען מאַטעריעלע וויסענשאַפטען, ווייל זיי באַהאַנדלען בלויז די מאַטעריעלע ערשיינונגען, האָבען ארויסגעפּרעסט די העכערע, גייסטיגע וויסענשאַפטען, אָנהויבענדיג מיט דער מעטאַפיזיק, וואָס האָט אזא שם געהאַט אין די גוטע אַלטע צייטען. אין פּאָעזיע האָט די נאָבעלע טראַגעדיע געמוזט אָפּטרעטען פאַר דער לייכטער שפּאַסיגער קאָמעדיע. אין ראָמאַן, וואָס שפּי־געלט אָפּ אַזוי קלאָר דעם גייסט פון דער צייט, פלעגט די ליעבע אַלע־מאָל געבראַכט ווערען פאַר אַ קרבן צו דער פליכט (ווי אין „ליעבע אָהן זאָקען"). איצט איז פונקט דער היפוך דערפון; דאָס האָט רוסאָ אָנגעשריבען אַ ראָמאַן, וואָס „האָט מעהר ווי וועלכער עס איז אַנדער ראָמאַן פאַרפיהרט די פאַנטאַזיע פון די פרויען און פאַר־דאָרבען זייערע הערצער — געמליך, „די נייע עלאָאיזע". דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט איז אפילו געשטירצט געוואָרען אין דער גאָרטענ־קונסט. „די אומקולטיווירטע רויהקייט פון ענגלישען גאָר־טען האָט פאַרביטען די סימעטרישע פּראַכט פון לע־נאָטרס קונסט".

אנטקעגען די אַלע אַנשטרענגונגען די געזעלשאַפט צו צעשטערען, מאַכט באָנאַלד אַ פאַרזוך זי צו רעטען, ספּעציעל זוכט ער צו רעטען אַן אינסטיטוציע, וואָס איז די הויפּט־שטיצע פון דער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט שטיצט זיך אויף הייראַט; זי שטעהט און פאַלט צוזאַמען מיט איהר. די רעוואָלוציע האָט געמאַכט דעם גט פאַר געזעצליך. דערפאַר דאַרף אַלץ וואָס איז מעגליך געטאָן ווערען דעם געזעץ וועגען גט'ען צוריקצורופען. און עס איז טאַקע געטאָן געוואָרען „אַלץ וואָס איז מעגליך", און מיט ערפאָלג.

איצט לאָמיר אויסהערען אין וואָס אייגענטליך באַשטעהט באָנאַלד'ס טעאָריע.

ער פאַרזיכערט (פייערליך, ווי געוועהנליך), אַז דער געהעריג ענטוויקעלטער פאַרשטאַנד אַנטדעקט אין אַלע באַציהונגען דעם דרייליגג פון אידעען — סבה, מיטעל און פּועל־יוצא, — וואָס זיי זיינען די אוניווערסאַלסטע אידעען, צו וועלכע דער פאַרשטאַנד קען זיך דערהויבען. אָט די אידעען ליגען צו גרונד פון יעדען אורטייל; זיי בילדען דעם פונדאַמענט פון יעדער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג. יעדע געזעלשאַפט צופאַלט אין דריי פאַרשיעדענע געשטאַלטען, וואָס קענען באַצייכענט ווערען אַלס די סאָציאַלע געשטאַלטען. די פאַרנונפט דערקענט אין גאָט, וועלכער וויל — די ערשטע ס ב ה; אין דעם מענשען, וועלכער פיהרט אויס זיין ווילען — דעם מ י ט ע ל, דעם פאַרמיטלער, דעם מיניסטער; און אין דער אָרדנונג פון די זאַכען, וואָס טראָגט דעם נאָמען געזעלשאַפט, דעם פ ו ע ל ־ י ו צ א — דער רעזולטאַט פון דער צוזאַמענווירקונג פון גאָט'ס ווילען און דעם מענשען'ס אַקציאָן. אָבער די פאַרנונפט, וואָס קען דאָס איינזעהן, איז נאָך באָנאַלד'ס מיינונג נאָר יענע פאַרנונפט, וואָס הויזט אין דער קאַטוילישער רעליגיע. ער זאָגט:

„די רעליגיע, וואָס שטעלט גאָט אוועק אין שפּיץ פון דער געזעלשאַפט, גיט דעם מענשען אַ געלייטערטע אידעע וועגען זיין אייגענעם ווערט און אַ טיעפען געפיהל פון אומאָפּהענגיגקייט, בעת די פילאָזאָפיע, וואָס גיט אָפּ דעם העכסטען פּלאַץ דעם מענשען גופא, מוז אַלעמאָל פאַלען צו די פיס פון דעם אָדער יענעם געזעץ —

אין אזיען צו די פיס פון מחמד, און אין איירָאָפּא פון לוטער, רוסאָ אָדער וואָלטער". („וועגען גט", 42).

מיר זעהען, ווי באַנאַלד שטעלט זיך גאַנץ רוהיג אוועק לו־טער'ן אין איין רייה מיט אזעלכע אנטי־קריסטען ווי מחמד און וואָלטער. און אַלע קאטוילישע אויטאָרען פון יענער פּעריאָדע טוען דאָס, און נאָך באהויפּטען זיי, אז צווישען פּראָטעסטאַנטיזם און אוממאָראַליטעט איז א נאָהענטע קרובה'שאַפט. דע־מעסטר, דיסקוטירענדיג וועגען דער רעפאָרמאַציע, פאַרזיכערט מיט פולען ערנסט, אז האַלב איירָאָפּא האָט געביטען איהר רעליגיע, כדי א צולאָזענער מאָנאַך זאָל קענען חתונה האָבען מיט א מאָנאַשקע. אין זיין „טעאָריע פון מאכט" (ב. 2, ז. 305) שרייבט באָנאַלד:

„א ליידענשאַפּטליכער, גענוסטיגער מאָנאַך האָט רעפאָרמירט די רעליגיע אין דייטשלאַנד; א תאוה'דיגער, גרוימזאמער קעניג אין ענגלאַנד... עס איז כאראַקטעריסטיש, אז די רעפאָרמאַציע אין דייטשלאנד איז געשטיצט געוואָרען פון דעם לאַנדגראַף פון העד־סען, וועלכער האָט געוואָלט חתונה האָבען מיט מאַרגארעט פאָן זאאַל, בעת זיין ערשטע פרוי איז נאָך געווען ביים לעבען; אין ענגלאַנד פון הענרי דעם 8טען, וועלכער האָט געוואָלט אָפּ'גט'ען די קאטערינע פון אַראַגאָן, כדי חתונה צו האָבען מיט אננא באליין; און אין פראַנקרייך פון מאַרגארעט פון נאַוואר, א פירסטין פון זעהר א צווייפעלהאַפטען כאַראַקטער. דער גט האָט רואינירט דעם מערב, ווי פיעלווייבעריי דעם מזרח.'

אין זיין עסעי וועגען דער ענגלישער ליטעראַטור (ווערק, ב. 6, ז. 75), ארויפקומענדיג אויף לוטער'ס חתונה, שרייבט שאַטאָבריאַן:

„ער האָט חתונה געהאַט צוליעב ציווי טעמים — צו ווייזען א גוטען ביישפּיעל און צו באפרייען זיך פון יצר הרע. איינער, וועלכער האָט עובר געווען אויף אַן עברה, זוכט מיטצוציהען מיט זיך זיינע שוואַכערע ברידער, כדי צו קענען זיך פאַרשטעלען מיט דער גרויסער צאָהל בעל־ברה'ניקעס; ער טרייסט זיך מיט דער האָפנונג, אז דאָס זינדיגען פון פיעלע ווענט מאַכען די מענשען גלוי־בען אין דער ריכטיגקייט און גערעכטיגקייט פון אַקטען, וואָס זיי־נען אָפט געווען רעזולטאַטען פון צופאַל אָדער תאוה. א הייליגער

נדר איז טאָפּעלט געבראָכען געוואָרען: לוטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ מאָנאַשקע".

אַט די שאַרפע אויסברוכען געגען לוטער'ן און לוטעראַניזם ער־קלעהרען זיך דערמיט, וואָס די פראַנצויזישע רעאַקציאָנערען, פּונקט ווי די דייטשע ראָמאַנטיקער, האָבען געהאַלטען, אַז די מאָדערנע געדאַנקען־ריכטונג, פאַר וועלכער זיי האָבען זיך אַזוי געשראָקען, איז דער אומפאַרמיידליכער רעזולטאַט פון פּראָטעסטאַניזם. לאַ־מענע, צום ביישפּיעל, שרייבט (אין זיין „עסעי וועגען גלייכגילטיגקייט"):

„עס איז איצט אַנערקענט, אַז די קירך און די דאָגמען שטי־צען זיך אויף אויטאָריטעט, ווי אויף אַן אומדערשיטערליכען פעלז, און דערפאַר זעהען מיר, אַז די אָנהענגער פון פאַרשיידענע סעק־טען, וואָס שטימען ניט איין אין קיין איין פּונקט, פאַראייניגען זיך אָבער אין דעם פאַרזוך אונטערצוגראָבען דעם הויפּט־זייל פון אַלע אמת'ען. לוטעראַנער, סאָציניאַנער, טעאָאיסט, אַטעאיסט — זיינען נאָר פאַרשיידענע נעמען צו באַצייכענען די אַנטוויקלונגס־שטופען פון איין און דערזעלביגער לעהרע; יעדער פון זיי האָט זיך זיין ספּעציעלען פּלאַן פון אַטאַקע אויף אויטאָריטעט, און יעדער און אַלע פיהרען דורך זייערע פּלענער מיט ניט אָפּלאָזענדער עקשנות."

אַלזאָ, די פאַרנונפט, די קאַטוילישע פאַרנונפט, די איינציגע, זעהט אומעטום (לויט באָנאַלד'ן) די דריי סאָציאַלע גע־שטאַלטען — מאַכט, מיניסטער און אינטערטאַן. אין פאַרשיע־דענע געביעטען באַקומען זיי פאַרשיעדענע נעמען. אין דער רע־ליגיעזער וועלט רופען זיי זיך: גאָט, פּריסטער און געמיינדע; אין דער פּאָליטישער: קעניג, אַריסטאָקראַטיע אָדער באַאַמטענ־טום, אונטערטאַנען אָדער פאָלק; אין פאַמיליען־לעבען: פאָטער, מוטער און קינד.

דער לעזער, וועלכער האָט זיך נאָך ניט צוגעוואוינט צו באָ־נאַלד'ס געדאַנקען־גאַנג, וועט זיכער איבערראַשט ווערען פון זיין לעצטען פאַרגלייך. אָבער באָנאַלד איז אַזוי טיעף ערנסט אין זיין צוגלייכען דעם פאָטער צו מאַכט, די מוטער צו מיניסטער און דאָס קינד צו אונטערטאַן, אַז די באַצייכנונגען: פאָטער, מוטער און

קינד האָבען ביי איהם כסדר דעם פאָרצוג איבער אַלע איבעריגע; ער געברויכט זיי כסדר, ווייל, זאָגט ער, זיי לאָזען זיך אַנווענדען אויף חיות, ווי אויף מענשען, בעת די באַצייכנונגען: מאַכט, מי־ניסטער און אונטערטאַן פּאַסען זיך בלויז פאַר דענקענדע באַשע־פּענישען. א חוץ דעם, זאָגט ער אנדערשוואו, דאַרפען מיר זיך מיהען וואָס מעהר צו פאַרגייסטיגען דעם מענשען און זיינע באַצי־הונגען, בעת פון דעם גענגערישען לאַנגער ווערען געמאַכט פאַר־זוכען דעם מענשען און זיינע באַציהונגען צו דעגראַדירען.

ער פיהרט אונז אריין אין זיין טעאָריע מיט זיין באַליעבטער פאָרמולא: מאַן און פרוי, זאָגט ער, עקזיסטירען ביידע; אָבער דער אופן פון זייער עקזיסטענץ איז נים דערזעלביגער; זיי זיינען עהנליך איינס צום אַנדערען, אָבער זיי זיינען נים גלייך. די באַהעפטונג פון די געשלעכטער איז דער צוועק און זין פון זייערע אונטערשיידען. די באַשאַפונג פון א מענשליך וועזען איז דער צוועק און זין פון זייער באַהעפטונג. דער פאָטער איז שטאַרק, דאָס קינד איז שוואַך; דער פאָטער אַקטיוו, דאָס קינד פּאַסיוו. די מוטער איז דאָס פאַרבינדענדע גליעד. ווי אזוי? דער פאָטער, זאָגט ער, איז א באַוואוסטזיניג וועזען, און קען אַנדערש נים ווערען פאָטער, ווי בלויז מיט זיין אייגענעם ווילען. די מוטער, פאַר־קעהרט, קען אפילו מיט פולען באַוואוסטזיין ווערען מוטער ק ע־ג ע ן א י ה ר א י י ג ע נ ע ם ו ו י ל ע ן (פּאַלגליך, פּאַסיוו). דאָס קינד — נים עס וויל געבאָרען ווערען און נים עס איז באַ־וואוסט פון זיין געבאָרען ווערען.

אָט אויף דעם אָפּשיילינגען־טראַגישען נאַטור־פאַקט — אַז א פרוי קען ווערען א מוטער געגען איהר ווילען — בויט באָנאַלד זיין טעאָריע וועגען דעם אונטערשייד אין ראַנג פון די געשלעכ־טער. ער זאָגט נאָך מעהר („וועגען גאָט“, פינפטע אויסגאַבע, זייט 71): „דאָס וואָס מאַן און ווייב שטעהען אויף פאַרשיידענע גראַ־דען אין זייערע געגענזייטיגע באַציהונגען, ניט די לייזונג צו דעם גאָט־פּראָבלעם“, און די לייזונג איז, אַז גאָט מוז פאַרבאָטען ווערען.

ווען באָנאַלד'ס משוגענע טעאָריע וואָלט, ווי פיעלע אַנדערע משוגעת'ן, געבליבען א טעאָריע, און קיינעם וואָלט נים איינגע־פאַלען זי דורכצופיהרען אין פּראַקטיק, ווער וואָלט עס זיך גע־

דאַרפט נעהמען צום הארצען? אַבער אויף די פרינציפּען, וואָס באַ־נאַלד האָט פּראָקלאַמירט אין זיינע ווערק, האָבען אין פראַנקרייך פאַר גאַנצע זיבעציג יאָהר זיך געהאַלטען די געזעצען פון הייראַט און גט.*) באָנאַלד'ס איינפלוס איז געווען אַזוי מעכטיג, אַז גלייך נאָך דער רעסטאַוראַציע פון די בורבאָנען (12 יאָהר נאָך דער פאַרעפענטליכונג פון בוך „וועגען גט"), האָט די טעמפּע, פאַר־קירכליכטע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג מיט אַ ריעזיגער מאַיאָריטעט (236 שטימען געגען 11) אָפּגעשאַפט דעם גט.

מען קען זאָגען — ערקלעהרט באָנאַלד, רעדענדיג וועגען ער־ציהונג — אַז דער פאָטער איז די מאַכט, וואָס ערפילט דורך דער מוטער, אַלס מיניסטער אָדער מיטעל, דעם אַקט פון רעפּראָדוקציע און אויפהאַלטונג פון מין — דעם אַקט, וואָס האָט פאַר זיין אומ־מיטעלבאַרען צוועק דאָס קינד אָדער אונטערטאַן".

דאָס פאַרהעלטניס צווישען מאַן און פרוי אין דער הייראַט איז פּשוט גערעדט אַזוי: דער מאַן איז מאַכט, די פרוי איז פליכט. רופט דען ניט אפילו די ביבעל דעם מאַן דער פרוי'ס קאָפּ (אָדער פאַרנונפט), די פרוי דעם מאַן'ס העלפערין (אָדער מיניסטער) און באַשטימט דאָס קינד פאַר אונטערטאַן, איינ'טענה'דיג מיט איהם כסדר, אַז געהאָרכזאַמקייט איז זיין פליכט?

די פרוי איז עהנליך צום מאַן, ווי דער מאַן איז עהנליך צו גאָט. דער מאַן איז באַשאַפען לויט גאָט'ס געשטאַלט, אָבער ער ווערט ניט דערפאַר זיין גלייכען. די פרוי איז געמאַכט פון מאַן'ס בלוט און פלייש, אָבער זי איז נידריגער פון איהם. באָנאַלד'ס טעאָריע שטימט מיט מילטאָן'ס מיינונג: „ער איז בלויז פאַר גאָט, זי — פאַר גאָט און איהם" („דער פאַרלאָרענער גן־עדן", בוך 4). ער זאָגט: „די פאַמיליען־געזעלשאַפט איז אַ געזעלשאַפט, צו וועל־כער דער מאַן טראָגט צו דעם שוץ פון זיין קראַפט, די פרוי — די נויט פון איהר שוואַכקייט; ער איז די מ אַ כ ט, זי — די פליכט".

אַזוי פאַרדרעהט דער פראַנצויזישער פילאָזאָף די לעהרע פון

*) לואי דע וויעל־קאַסטעל, „די געשיכטע פון דער רעסטאַוראַציע", באַנד 4, ז. 487.

הייליגען פויל, וואס אין זיין צייט איז זי געווען אן איבערראשענדער ריזיגער שריט אין דער ריכטונג פון פרויען־עמאַנסיפּאַציע.

וואס־זשע, אלזא, פון באַנאַלדס שטאַנדפּונקט איז הייראַט? הייראַט איז אַ פאַרפליכטונג, וואָס צוויי פּערזאָנען פון פאַרשיידענע געשלעכטער נעהמען אויף זיך צו גרינדען א געזעלשאַפט, וואס רופט זיך פאַמיליע. און אָט די פאַרפליכטונג מאכט דעם אונטערשיעד צווישען הייראַט און יעדען אנדער מין פון צוזאַמענלעבען צווישען מאַן און פרוי. מיט ברענענדיגען צאָרן פאַלט ער אָן אויף קאַנדאָרסע׳ס וויציגען שפּרוך, אז אויב מענשען האָבען וועלכע עס איז פליכטען קעגען באשעפעניש׳ען, וואָס עקזיסטירען נאָך ניט, קען עס בשום אופן ניט זיין די פליכט צו שענקען זיי עקזיסטענץ. „דוקא יאָ!” — שרייט אוים באנאלד — „הייראַט עקזיסטירט אויסדריקליך פאַר דעם צוועק אָנצוהאַלטען דעם מין”. אָבער מיר דאַרפען דערפון ניט שליסען, פארזיכערט ער ווייטער, אז א קינדערלאָזע הייראַט, דאָס הייסט, א הייראַט, וואָס ערפילט ניט על כל פנים איהר צוועק, קען אויפגעלעזט ווערען. ווייל, בטל מאַכענדיג די ערשטע הייראַט, כדי צו לעגאַליזירען א צווייטע, מאַכען מיר אוממעגליך פאַר דער ערשטער הייראַט צו פּראָדוצירען קינדער, ניט זייענדיג זיכער דערביי, אז די צווייטע הייראַט וועט יאָ געבען קינדער. מעגען אפילו מאַן און ווייב ניט האָבען קיין קינדער, איז אָבער אַלעמאָל די מעגליכקייט דאָ, אז קינדער קענען נאָך קומען. און ווייל די הייראַט ווערט געשלאָסען אויסשליעסליך צוליעב די מעגליכע קינדער, איז דער פאַקט, וואס קינדער זיינען נאָך דערווייל ניטאָ, קיין גרונד ניט די הייראַט בטל צו מאַכען. פאַר באַנאַלדען איז די הייראַט א געזעלשאַפט אין דער מעגליכקייט, א פאָרבילד פון דער פאַמיליע, וואָס איז א געזעלשאַפט אין דער ווירקליכקייט. „דער צוועק פון הייראַט — דרשנ׳ט ער — איז ניט דאָס גליק פון דער פאַרהייראַטער פּאָר”. וואָס־זשע דען איז דער צוועק? „די הייראַט עקזיסטירט צוליעב דער געזעלשאַפט” — ענטפערט ער. סיי די רעליגיע און סיי דער שטאַאט זעהען אין הייראַט בלויז די פליכטען, וואָס זי לעגט ארויף.

אָבער ווען הייראַט עקזיסטירט בלויז צוליעב דער געזעלשאַפט,

וואָס־זשע איז דער צוועק פון דער געזעלשאַפט, פרעגען מיר מיט אומגעדולד? טריי צו זיין טעאָלאָגישער דאָגמאַ, אַז די געזעל־שאַפט, אויפהאַלטענדיג איהר טראַדיציע, דאָס הייסט, זיך אַליין, האַלט אויף ניט מעהר און ניט וועניגער ווי גאָט, ענטפערט באָ־נאַלד (און קען אַנדערש ניט ענטפערן) מיט דער פּוסטער פאָר־מולע: „ד ע ר צ וו ע ק פ ו ן ד ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט א י ז א י ה ר א י י נ ע נ ע אויפהאַלטונג" („וועגען גט", 107).

קיין וואָרט פאַרלירט ער ניט וועגען דעם, אַז אינסטיטוציעס עקזיסטירען פון מענשענס וועגען; ער טוט קיינמאָל ניט קיין טראַכט אפילו וועגען מענשליכען גליק, פּראָגרעס און פאַרפאָלקאָ־מונג.

אַזוי ווי די איין און איינציגע זאָרג זיינע איז די פּראָדוקציע פון קינדער און זייער וואוילזיין, שטעהען ביי איהם פיעל־ווייבעריי, און פאַרלאָזען דאָס ווייב און גט׳ען, אויף איין שטאַפּעל — אַלע פאַרדיענען פאַרדאַמט צו ווערען. ער באַמערקט ערגיץ, אַז די איינפיהרונג פון גט און די איינפיהרונג פון פיעל־ווייבעריי גע־העהן צוזאַמען, איינס ברייננט נאַטירליך דאָס אַנדערע. און ווידער אַמאָל באַרופט ער זיך אויף דעם ביישפּיעל פון לוטער׳ן (די מעשה דערצעהלט זיך אין יעדען בוך פון יענער פּעריאָדע), וועלכער האָט דערלויבט גט און גלייכצייטיג, הגם אין געהיים, האָט ער צוגע־דעקט די צוויי־ווייבעריי פון העסענער לאַנדגראַף.

באָנאַלד ערקלערט, אַז ער זעהט קיין נפקא מינא ניט צווישען פיעל־ווייבעריי, וואו דער מאַן נעהמט עטליכע ווייבער מיט אַמאָל, און פיעל ווייבעריי, וואו דער מאַן נעהמט איין ווייב נאָכ׳ן אַנ־דערן; ער פאַרזעהט דערביי אַז דערמיט ערקלערט אַ צווייטע הייראַט פון אַן אַלמן אָדער אַלמנה פאַר פּונקט אַזאַ פאַרברעכען, ווי די צווייטע הייראַט נאָך אַ גט. אומעטום, זאָגט ער, וואו גט איז געזעצליך און די פרוי, פאָלגליך, קען קוקען אויף יעדען מאַנס־ביל, ווי אויף איהר קינפטיגען מאַן, פאַרלירט זי, אויב ניט איהר צניעות, איז לכל הפחות איהר באַשיידענהייט. און ער ברייננט פאַר אַ ביישפּיעל ענגלאַנד. ער פאַרגלייכט די צושטאַנדען אין יענעם לאַנד, וואו גט איז אין געוויסע פאַלען דערלויבט, מיט די

מנהגים ביי מאַנכע ווילדע שבטים, וואו דער מאַן, ווען ער כאַפּט דעם געליעבטען פון זיין פרוי אויפ'ן אָרט פון פאַרברעכען, צווינגט ער איהם צו באַצאָהלען פאַר אַ געבראָטענעם חזיר, וואָס אַלע דריי צוזאַמען עסען אויף ביי אַ בשותפות'ען מאָלצייט. ענגלאַנד, מיט איהרע פאַרהעלטניסמעסיג ליבעראַלע אינסטיטוציעס, איז באַנאַלד'ס און לאַמענע'ס שעיר לעזאַזל: לאַמענע זאָגט אין אַ פּלאַץ, אז עס איז ניטאָ נאָך אַזאַ לאַנד, ווי ענגלאַנד, וואו די באַפעלקערונג זאָל זיין אַזוי טעמפּ, אַזוי באַרויבט פון יעדען מאָראַלישען געפיהל, פון יעדער העכערער אידעע, פון אַלץ, וואָס דערהויבט דעם גייסט און פאַראיידעלט דאָס מענשליכע לעבען. (לאַמענע, „פּראָגרעס פון דער רעוואָלוציע און דער מלחמה געגען קירך", ז. 35.)

דאָס אַלץ איז איבערטרייבונג פון ערגסטען סאָרט, אָהן אַ פּונק אמת און לאָגיק. אָבער עס איז יאָ דאָ אַ אמת אי לאָגיק — און דאָס גיט צו באַדייטונג צו די אַלע פּרטים — אין באָנאַלד'ס באַטאָנונג פון דעם פאַקט, אז עס עקזיסטירט אַן ענגע שייכות צווישען דער פראַגע פון גט און דער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאַגע. ער זעהט איין, אז אין אַ רעפּובליק, אָדער דעמאָקראַטיע (דאָס וואָרט רעפּובליק איז איהם אַזוי פאַרהאַסט, אז ער וויל עס אפילו ניט געברויכען) מוז אומפאַרמיידליך קומען דערצו, דער הייראַטס־קנופּ זאָל לייזער ווערען. ער שרייבט:

„אין יאָהר 1792 איז גט לעגאַליזירט געוואָרען. דאָס האָט קיינעם ניט איבעררואַשט, ווייל דאָס איז געווען אַן אומפאַרמיידליכער און לאַנג פאָראויסגעזעהענער רעזולטאַט פון דעם צושטערונגס־פּראָצעס, וואָס איז דאַמאָלס געטריבען געוואָרען מיט אַזאַ ברען; אָבער איצט, ווען אונזער וואונש איז ווידעראויפבויאונג, איצט, ווען גט זאָל אריינגענומען ווערען אַלס בויענדער פּרינציפּ, וועט די געזעלשאַפטליכע געביידע אויפגטרייסעלט ווערען ביז צו איהרע יסודות. גט איז געווען אין איינקלאַנג מיט דער דעמאָקראַטיע, וואָס האָט צו לאַנג געהערשט אין פראַנקרייך אונטער פאַרשיידענע נעמען און פאָרמען. אין פאַמיליען־לעבען, אַזוי גוט ווי אין די עפענטליכע ענינים, איז די מאַכט אויסגעליפערט געוואָרען צו די ליידענשאַפטען פון די אונטערטאַנען; עס

איז געווען אומאָרדנונג אין דער פאַמיליע און אומאָרדנונג אין שטאַאַט; עס איז געווען עהנליכקייט, הארמאָניע צווישען די ביידע אומאָרדנונגען. אָבער עס איז דאָך קלאָר פאַר יעדען איינעם, אַז גט איז אין דירעקטען ווידערשפּרוך מיט דעם גייסט פון גע'ירש'ענ־טער, אומצושטערבאַרער מאָנאַרכיע. איבערלאָזענדיג גט, וועלען מיר האָבען אָרדנונג אין שטאַאַט און אומאָרדנונג אין דער פאַמיליע, אומצושטערבאַרקייט דאָ און צושטערבאַרקייט דאָרט, און דארום קיין הארמאָניע. אומעטום, וואו דער מענש איז געניינט צו פאַלען, דאַרף געזעץ איהם קומען שטיצען; אין אונזער צייט דאַרף דאָס געזעץ פאַרוועהרען צולאָזענקייט, ווי פאַרצייטען האָט דאָס געזעץ פאַרוועהרט האַלבווילדע באַרבאַרען די גרויזאַמע בלוט־נקמה".

אזוי געלינגט באָנאַלד'ן אוועקצושטעלען זיין הייראַטס־טעאָ־ריע אויף זיין פונדאַמענטאַלען פּרינציפּ — סואווערעניטעט דורך גאָטעס גנאַדען. ער ציהט דערפון אַ שלוס, אַז גט טאָר באַין אופן ניט דערלויבט ווערען; אַן איינפאַכע צושיידונג אָהן דער דער־לויבניש נאָך אַ מאָל חתונה צו האָבען איז אַ גענינענדע רפואה פאַר אומגליקליכע זווגים.

ווען באָנאַלד'ס טעאָריען זיינען געוואָרען די הייראַטס־געזע־צען פון פראַנקרייך, האָבען זיי געבראַכט דערצו, אַז די פראַנצוי־זישע הייראַטס־צושטאַנדען האָבען אַרויסגערופען דעם שפּאָט און געלעכטער פון דער גאַנצער וועלט. אַ יונג מיידעל, צום ביי־שפּיעל, וועמעס חתן איז אין טאָג פון חתונה אַנטלאָפען מיט'ן גדן, האָט קיינמאָל שוין ניט געקענט חתונה האָבען און ברענגען געזעצליכע קינדער. מיט אונטערצינדערינס און מערדערינס האָט דאָס געזעץ געהאַט איינזעהעניש; זיי האָבען געקענט צוריקגע־ווינען זייער פרייהייט, אלס באַלוינונג פאַר גוטער אויפפיהרונג אין געפענגניס פאַר אַ באַשטימטער צאָהל יאָהרען. אָבער לויט באָנאַלד'ס טעאָריע און פראַנקרייך'ס געזעצען האָט אַ פאַרלאָזטע און אָפּגענאַרטע מיידעל קיינמאָל די האָפנונג ניט געקענט האָבען אויף צו געווינען איהר פרייהייט — די האָפנונג, וואָס מען האָט ניט אוועקגענומען ביי דער מיידעל, וואָס האָט אוועקגעלאָזט אַ

פאמיליע איבער די הייזער אדער דער'הרג'עט איהר אייגענעם טאטען.

דער פראיעקט פון ציוויל־געזעץ, וואס דער קאנווענט האט אויסגעארבייט, האט איינגעשלאסען פאלגענדע פונקטען:

אין הייראט זיינען די בירגער פריי צו האנדלען ווי זיי געפעלט, דאס הייסט, אז הייראט איז א געוויסענס־פראגע.

אין דער שליסונג פון הייראטס־בונד זיינען מאן און פרוי גלייכבארעכטיגט.

ביידע צדדים זיינען בארעכטיגט אליין צו באשטימען די תנאים פון זייער בונד.

מאן און ווייב האבען די זעלביגע רעכט אין דער פארוואלטונג פון זייער אייגענטום.

גט איז דערלויבט, ווען ביידע צדדים אדער איין צד ווינשט עס.

דאס געזעץ פארוועהרט צו באגרענעצען אויף וועלכען עס איז אופן דאס רעכט פון גט'ען.

ווי עס שיינט, איז די גרויסע גט־פרייהייט, וואס איז אזוי פלוצלונג געקומען, די ערשטע צייט שטארק מיסברויכט געווארען, ווי יעדע פלוצלונג דערוואַרבענע פרייהייט. מענער און פרויען, אהן שום געדאנק וועגען זייערע קינדער, האבען לייכטזיניג נאכגעגעבען זייערע אויגענבליקליכע ליידענשאפטען, וואס זיינען ניט ווערט און ניט בארעכטיגט געווען צו טראגען דעם נאמען ליעבע. עהנליכע ערשיינונגען באגעגענען מיר אין דער געשיכטע, ווען נאר קייטען ווערען געבראכען. און פאר אזעלכע מענשען, ווי באַבאלד, וועלכע האבען ניט געגלויבט אין קיין אנדער דיסציפּלינירענדער מאכט, אויסער צוואנג, זיינען אזעלכע ערשיינונגען געווען א געניגענדער באווייז, אז עס איז נויטיג אומצוקעהרען זיך צו דער אלטער אָרדנונג.

די אידעאלע הייראט (אן אידעאל, וואס מען דארף קיינמאל ניט ארויסלאזען פון אויג און וואס ווערט מאוכעס מאל פארווירקליכט) איז נאטירליך אזא הייראט, וואו צוויי מענשליכע באשעפענישען ליעבען זיך מיט א ליעבע, וואס געדויערט ביז'ן טויט, ניין נאך מעהר, ביז אין דער אייביגקייט אריין. אבער אזא אידע־

אַלע הייראַט קען נאָר זיין דער רעזולטאַט פון אַ זעלטענעם, גליק־ליכען אויסוואַהל, אָבער בשום אופן ניט פון צוואַנג־געזעצען.

פאַר אַזעלכע געזעצען זיינען די קינדער, נאַטירליך, דער אויסרייד. זיין לעהרע וועגען די רעכט פון קינדער האָט באָנאַלד איינגעפּרעסט אין אַ וואונדערבאַרען, איינדרוקספולען זאַץ: „אַזוי ווי דער הייראַטס־קאָנטראַקט איז נוגע דריי פּערזאָנען, פאָטער, מוטער און קינד, קען ער ניט בטל ווערען ווען בלויז צוויי האָבען איינגעשטימט דערצו, און אַזוי ווי דאָס קינד איז מינדעריעהריג, שטעלט זיך די געזעלשאַפט פאַר איהם איין און פיהרט זיין פּראָ־צעס געגען די עלטערען, פּראָטעסטירענדיג אַלס דעם קינד'ס אַד־וואָקאַט געגען דער אויפלייזונג פון הייראַט".

דער דאָזיגער ארגומענט נעהמט ערשטענס אָן, אַז די אויפ־האַלטונג פון הייראַט אונטער אַלע אומשטענדען איז אָהן שום ספק דאָס בעסטע פאַר'ן קינד, וואָס דערוויף איז יאָ דאָ אַ שטאַרקער ספק. צווייטענס, ווערט פאָראויסגעזעצט, אַז דאָס וואוילזיין פון קינד איז ניט נאָר דער עיקר, נאָר דאָס איינציג וויכטיגע, מיט וואָס מען דאַרף זיך רעכענען — אַ פאָראויסזעצונג וואָס קען אָנגע־נומען ווערען אָהן שום באַווייזען בלויז פון אָנהענגער פון אויטאָ־ריטעט. און צולעצט, נעהמט דער ארגומענט נאָר אין באַטראַכט קינדער, וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען אין געזעצליכער הייראַט — אַלע אַנדערע קינדער עקזיסטירען פאַר איהם ניט, הגם עס איז גוט באַוואוסט, אַז איינער פון די טרויעריגסטע רעזולטאַטען פון טראַ־דיציאָנעלען סדר איז, אַז ניט אַלע קינדער ווערען געבאָרען מיט גלייכע תביעות צו זייערע עלטערען, און פאָלגליך אויך ניט צו דער געזעלשאַפט. באָנאַלד'ס סאָציאַלע אָרדנונג, וואָס לעגט דעם הויפּט־געוויכט אויף דעם וואוילזיין פון קינד, האָט אין אונזערע טעג גע־בראַכט דערצו, אַז איבער 2,800,000 פראַנצויזישע מענער און פרויען ווערען פאַררעכענט אַלס אומגעזעצליכע קינדער און לעבען אין אומפאַרדיענטער געפאַלענקייט אַנטקעגען זייערע עלטערען — אַ שטראָף וואָס פראַנקרייך האָט כשר פאַרדינט.

אָבער ווי אומזיניג עס זאָלען ניט זיין פיעלע פון די פרטים פון באָנאַלד'ס טעאָריע, האָט זי אָבער אַ ווערט, און אויב איהר

ווילט, נאָר אַ גרויסען ווערט, ווייל זי איז אַ לאָגישע, קאָנזעק־ווענטע אָנווענדונג פון פּרינציפּ פון אויטאָריטעט אויף דער פּאַ־מיליע. באַנאַלד פּאַרמאַגט, וואָס דאָס האָט אַלעמאָל געפעהלט אונ־זערע האַלבע ליבעראַלען, אַ טיעפען איינבליק אין דער נאָהענטער שייכות צווישען די פּאָליטישע און סאָציאַלע פּרינציפּען פון דער רעוואָלוציע. ער קען ניט, ווי יענע לייט, וואָס זייער תוך איז גאַרישע ניט־אויסגעהאַלטענקייט, אָפּטיילען איינס פון אַנדערען און ניט איינזעהן דעם פאַקט, אַז די טראַדיציאָנעלע טעאָריע פון הייראַט ביי וועלכער מען האַלט זיך נאָך טיילווייז, איז איניגסט פאַרבונדען מיט דער טראַדיציאָנעלער טעאָריע פון שטאַאַט, וואָס ווערט איצט כמעט אומעטום פאַרוואָרפען.

אָט די אינווענינגסטע שייכות צווישען שטאַאַט און פאַמיליע שטעלט זיך בולט ארויס, וואו נאָר די פראַגע ווערט דיסקוטירט. די אַמעריקאַנער שקלאַפען־באַזיצער, פאַרטיידיגענדיג זיך געגען די אַבאָליציאָניסטען, פּלעגען כסדר אָנווייזען, אַז דאָס פאַרהעלטניס צווישען שקלאַף און האַר אונטערשיידט זיך אין גרונד גענומען ניט פון דער פאַרהעלטניס, וואָס עקזיסטירט אין דער פאַמיליע און אין הייראַט.

וויטער זעהען מיר, אַז עס איז אַמאָל פונקט אַזוי פיעל גע־רעדט און געשריבען געוואָרען געגען גט בכלל, וויפיעל איצט ווערט גערעדט און געשריבען געגען פאַרלייכטערונג פון גט אָדער געגען וועלכער עס איז אַנדער ענדערונג אין דעם טראַדיציאָנעלען באַ־גריף, וואָס דער בונד צווישען מאַן און פרוי דאַרף זיין.

דאָ ווי אומעטום, ווערט דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט אַנט־קעגענגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון פרייען געדאַנק אין זיינע פאַר־שיידענע פאָרמען. אויסלאָזענדיג די סאָציאַליסטישע טעאָריען (וואָס מיר וועלען זיי באַטראַכטען שפּעטער, ווען מיר וועלען קומען צו די סען־סימאָניסטען), געפינען מיר, אַז דאָ אין דעם פאַל האָט דער שטרייט צווישען פּרינציפּ פון אויטאָריטעט און דעם פּרינציפּ פון פרייען געדאַנק — אָנגענומען די פאָרמע פון אינדיווידואַליזם, ווי עס האָבען איהם אַנטוויקעלט ענגלישע, פראַנצויזישע און אַמערי־קאַנער דענקער. דער געזעץ־פּראָיעקט פון קאָנווענט, פון וועלכען מיר האָבען אויבען געבראַכט אויסצוגען, איז געשטיצט אויף דעם

דאָזיגען פרינציפּ פון אינדיווידואַליזם, וואָס זיין גרונד־אידעע איז, אַז נים די פאַמיליע, ווי עס ווערט געוועהנליך אָנגענומען, נאָר דער אינדיווידועלער מענש, דער יחיד איז דער הויפּט־זייל פון דער געזעלשאַפט, און אַז דער יחיד איז סאָוועריען — אויבערהערשער איבער זיך אַליין. די סאָוועראניטעט פון יחיד — אַן אויסדרוק, וואָס איז צוערשט געברויכט געוואָרען פון אַמעריקאַנער שרייבער סעמועל וואָרען, ביי וועמען דזשאָהן סטוּאַרט מיל האָט איהם געבאָרגט*) — די סאָוועראניטעט פון יחיד קומט דאָ צו פאַרבייטען די לעהרע וועגען דער סאָוועראַניטעט פון גאָט, ווי זי ווערט פּראָקלאַמירט פון די אָנהענגער פון אויטאָקראַטיע, און אויך די צווייזייטיגע לעהרע וועגען דער סואָווערעניטעט פון פאָלק, ווי זי ווערט פּראָקלאַמירט פון די רעוואָלוציאָנערע אָנבעטער פון דער מאַיאָריטעט. די סאָוועראניטעט פון יחיד, וואָס דאַרף פאַרזיכערען, ווי דער אויסדרוק ווייזט, די אַבסאָלוטע פרייהייט פון יעדען מענשליכען באַשעפעניש — פאַרוועהרט, אַז איין מענש זאָל זיך נעהמען וועלכע עס איז מאַכט אָדער קאָנטראָל איבער אַנדערע מענשען.

די אָנהענגער פון דער שולע זאָגען: אָדער השגחה איבער יעדען איינעם — ד. ה. צענזור, שפּיאָנען, פּאַספּאָרטען, טאַריפען, פאַרבאָט פון גט, געזעצען צו רעגולירען די באַציהונגען צווישען די געשלעכטער — דאָס גאַנצע סיסטעם פון דעספּאָטישע באַגרענצונגען פון דעם יחיד׳ס פרייהייט; אָדער די סאָוועראַניטעט פון יחיד, ד. ה. פּרעסע־פרייהייט, רעדע־פרייהייט, רייזע־פרייהייט, פאָרשונגס־פרייהייט, פרייער האַנדעל און פרייהייט אין די באַציהונגען פון די געשלעכטער. פון זייער שטאַנדפּונקט קען זיין נאָר איין פאַרענטפערונג פאַר אַ געזעץ וואָס באַשרענקט די פרייהייט פון יחיד און דאָס איז, אַז דער פאָרלויפיגער צוואַנג איז בלויז אַ מיטעל צו דערגרייכען וואָס גיכער די פאָלקאָמענע אָרדנונג מיט פולערער פרייהייט — ווייל פרייהייט איז דער אידעאַל פון אינדיווידואַליזם. די דענקער פון דער שולע האַלטען, אַז די אריינמישונג פון שטאַאט אין געפיהלס־לעבען איז דורכאויס אומבארעכטיגט; זיי באַהויפּטען, אַז דער געזעץ־קנופּ, וואָס בינדט

*) זשאָן סטוּאַרט מיל, „אויטאָביאָגראַפיע", זייט 256.

צוזאַמען צווי באַשעפענישען פון אַנטקעגענגעזעצטע געשלעכטער, איז אָ ד ע ר א י ב ע ר י ג — ווען זייער איינער וואונש איז צו בלייבען געבונדען — אָ ד ע ר ג ר ו י ז א ם — ווען דאָס איז געגען זייער וואונש. זיי האַלטען, אַז די געזעלשאַפט האַנדעלט פאַרברעכעריש ביז גאַר נעגען אַ פאַרהייראַטע פּאָר, וואָס זיינען זיך דערווידער, ווען זי צווינגט זיי צו בלייבען צוזאַמען און צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט, די פּרוכט פון איינעמס לוסט און דעם אַנדערענ׳ס עקעל. זיי באַטראַכטען עס פאַר גרויזאַם, ווען די געזעלשאַפט צווינגט אַ פרוי צו שוואַנגערען פון אַ שכור, צו געבעהרען אַ קינד, וואָס פון זיין סאַמע געבורט וועט ער באַזיצען דעם פאָטער׳ס צולאָזענע אינסטינקטען און תאוות. און זיי האַלטען עס פאַר פונקט אַזוי שרעקליך, ווען אַ מאַן זאָל דאַרפען מקריב זיין זיין גאַנץ לעבען צו אַ בונד, וואָס שטירצט איהם אין פאַרצווייפלונג.

זיי זאָרגען זיך פונקט אַזויפיעל וועגען די נאָך ניט געבאָרענע קינדער, ווי באַנאַלד וועגען די שוין געבאָרענע. און אין דעם פאַקט, אַז אַ פרוי קען ווערען אַ מוטער געגען איהר ווילען זעהען זיי ניט, אַזוי ווי ער, אַ באַווייז אַז די פרוי איז נידריגער, נאָר גיכער אַ באַווייז אַז די געזעלשאַפט איז אומציוויליזירט, רויה. פאַר זיי איז קלאָר, אַז די פאַרשיידענע ספערען פון מענשליכען לעבען זיינען געקניפּט און געבונדען, געפינען זיך אין געגענזייטיגער אָפּהענגיגקייט, און דערפאַר באַהויפּטען זיי: עס איז אומוואהרשיינליך ביז גאָר, אַז אין איין ספערע — אין דער פאַמיליע — זאָל די טראַדיציע האָבען אַלץ אַזוי גוט אָרגאַניזירט, אַז קיין שום ענדערונג איז ניט נויטיג; בעת אין אַלע אַנדערע ספערען האָט מען ענטדעקט איבלען נאָך איבלען און זיי האָבען דארום דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע הונדערט יאָהר ראַדיקאַלע ענדערונגען, — דאָס זיינען די אַרגומענטען, וואָס ווערען אָפּט אַרויסגעשטעלט פון די שרייבער פון דער ליבעראַלער שולע.*)

אין דעם פאַל, ווי אין פיעלע אַנדערע, איז אַ שטאַרקער ספק,

*) זעה צ. ב. ש. סטעפען פּוירל ענדריוס, — „ליעבע, חתונה און גאָט", ניו יאָרק; אויך עמיל דע זשיראַרדען, — „דער מאַן און די פרוי".

צי דער ריינער ליבעראַליזם ווייזט אָן דעם ריכטיגען וועג צו דעם געווינשטען ציעל. דער פּרינציפּ איז דאָ נאָר געגעבען אַלס דער היפּוך פון פּרינציפּ פון אויטאָריטעט. וויכטיג און געוואונשען איז פאַר אונז דאָ, ווי אומעטום, די פאָלשטענדיגע פרייהייט פון אונטערזוכונג.

ווען אַ דענקער אין אַ קאַטוילישען לאַנד דריקט אויס פריי זיין מיינונג וועגען דער מעסע, צי וועגען אָן אַנדער פאָרשריפט אָדער צערעמאָניע פון דער קירך, ווערט ער געוועהנליך געשטעמ־פּעלט פאַר אַ גאָט־לעסטערער, צי גאָר פאַר אָן אַטעאיסט. דער אָרטאָדאָקסישער קאַטוילי‍ק גלויבט, אַז „רעליגיע" באַשטעהט פון געוויסע קירכליכע טראַדיציעס און מנהגים; אָדער, ווענינגסטענס, אַז זי קען זיך אַנדערש ניט האַלטען, ווי נאָר אויף די דאָזיגע טראַדיציעס און מנהגים, ווייל אין זיין באַוואוסטזיין איז זי אַלע־מאָל געווען פאַרבונדען מיט'ן קירכען־צערעמאָניאַל. עפּעס אַנדערש קען רעליגיע ניט זיין. איהם פעהלט ניט איין, אַז דער וואָס איז עובר אויף די מנהגים, קען האָבען אַ פיעל איידעלערען, ריינערען באַגריף פון רעליגיע, ווי ער. פון זיין ביז איצטיגער ערפאַהרונג האָט ער אויסגעפונען, אַז די מענשען, וועמען עס פעהלט רעס־פּעקט פאַר דעם קולט, זיינען צולאָזען, אוממאָראַליש און אַז מען קען פון זיי זיך אויסריכטען פאַרשיידענע ווילדע שטיק. דערפון ציהט ער גליך אָן אַלגעמיינעם שלום; זיין אינטעלעקט איז ניט גענוג אַנטוויקעלט צו קענען אונטערשיידען צווישען די פאַרשיי־דענע מינים ניט „פרומע"; ער מישט צונויף דעם ערנסטען דענ־קער און גלויביגען אין העכערען אמת מיט דער כת ליצנים און חברה הפקר־יונגען; דער העכערער פון איהם, און דער נידערי־גערער פון איהם זיינען ביידע איינס פאַר איהם.

דאָס זעלביגע פּאַסירט אויך מיט די טראַדיציאָנעלע באַגרי־פען וועגען רעכט און שטאַט און די באַציהונגען צווישען די גע־שלעכטער. די כללים און מנהגים, וואָס רעגולירען די דאָזיגע באַ־ציהונגען אין אַ געוויסען לאַנד אין אַ געוויסער צייט, האָבען אפשר פונקט אזא שייכות צו היראַט, ווי דער קאַטוליציזם אין שפּאַניען אין 18טען יאָהרהונדערט האָט אַ שייכות געהאַט צו רעליגיע. מאַנכע זיינען מאָראַליש גיט דערוואַקסען צו דער הייראַטס־אינ־

סטיטוציע, ווי זי עקזיסטירט איצט; מאַנכע האָבען זי איבער־געוואקסען, אָבער די מאַיאָריטעט אין די ציוויליזירטע לענדער פאַסט זיך פונקט אריין מיט איהר מאָראַלישען וואוקס אין דער דאָזיגער אינסטיטוציע; און די מאַיאָריטעט שאַפט דאָס די עפענט־ליכע מיינונג אין פראַגען פון געשלעכט און צונויפמישענדיג די העכערע און די נידריגערע גרופּע אין איינעם, ווייל די און יענע דענקט און האַנדעלט אַנדערש פון איהר, שטעלט זי זיי ביידע אַרוים צו שאַנד.

דער זעלביגער געדאַנקען־גאַנג, וואָס פיהרט דערצו, אַז דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט זאָל געגעבען ווערען דער אויבען־אָן אין רעליגיע און שטאַאַט, פיהרט אויך צו דעם זעלביגען רעזולטאַט אין פראַגע פון געשלעכט.

דער טעות בנוגע צו רעליגיע איז דער פאַלשער שלום, וואָס מען ציהט פון דעם פאַקט, וואָס די קירך האָט אין פאַרלויף פון יאָהרהונדערטע ערפילט די מיסיע פון פאַראיידלען דעם מענשען. דערפון דרינגט מען, אַז די קירך איז די איינציגע באַשאַפערין פון איידעלע געדאַנקען און געפיהלען; אַז ליעבע צו אמת איז ניט איינגעבאָרען ביים מענשען, וואַקסט ניט מיט זיין אַלגעמיינער אַנט־וויקלונג; אַז דער אמת מוז דעם מענשען מיטגעטיילט ווערען און מען נאָר אין איהם אויפגעהאַלטען ווערען דורך דער אייבינער אַגענטור פון בישאָפען, גלחים, קירכען, קירכען־ראַטען א. ז. וו.

אַן עהנליכער טעות בנוגע די געגענזייטיגע באַציהונגען צווי־שען מאַן און ווייב באַשטעהט אין דעם, וואָס מען נעהמט אָן, אַז מענשען פון נאַטור האָבען ניט ליעב אָרדנונג און ריינקייט אין זייערע געשלעכטליכע באַציהונגען און ליעבען עס ניט אַלץ מעהר, וואָס אַנטוויקעלטער און פאָלגליך פיינער זיי ווערען; אַז פאַטערס האָבען אינסטינקטיוו ניט ליעב זייערע קינדער און שיצען ניט די מוטער פון זייערע קינדער; אַז אינסטינקטיוו רעספּעקטירען ניט די מענער די פרויען און שעצען ניט מאָראַלישע ריינקייט; נאָר די אַלע מעלות און טוגענדען מוזען צוערשט פאַבריצירט ווערען און אויפ־געהאַלטען ווערען אין דער מענשליכער נשמה מיט דער הילף פון געזעצען. מאָדנע ווי מען פאַרזעהט דערביי, אַז די אַלע געזעצען ווערען דאָך באַשאַפען פון דער בשותפות׳ער טעטיגקייט פון די

אַלע פּערזאָנען, וואָס יעדע פון זיי באַזונדער, ווערט אָנגענומען, באַזיצט בלומרשט ניט די דאָזיגע מעלות און טוגענדען.

דער אמת איז פּונקט פאַרקעהרט: בלויז די ליעבע צו די דאָזיגע טוגענדען און ריינע פריידען צווינגט די מענשען זיי זאָלען נעדולדיג זיך אונטערוואַרפען אונטער די אַלע קינסטליכע און דעס־פּאָטישע איינריכטונגען און כללים, אונטער וועלכע זיי זיפצען און קרעכצען. זיי אונטערוואַרפען זיך, ווייל פון קינדווייז אויף איז אין זיי איינגעקריצט געוואָרען, אַז די איינריכטונגען, ווען זיי עק־זיסטירען, זיינען די איינציגע גאַראַנטיע, די אַלע מעלות, מידות, ברכות און טובות, וואָס זיי שעצען אַזוי הויך, זאָלען זיך האַלטען.

איינער פון די רעזולטאַטען פון אַזאַ לאַגע איז: יעדע פרייע, ניט פאַרבלענדעטע אונטערזוכונג וועגען דער מענשליכער נשמה, וואָס איהר נאַטור איז און ווי זי אַרבייט, ווערט געשטערט אָדער גאָר אוממעגליך געמאַכט; מענשען האָבען זיך צוגעוועהנט אנצו־נעהמען פאַר אמת, ניט קלאַרענדיג, אַלץ וואָס איז געהייליגט פון טראַדיציע און אויטאָריטעט; און איינער, וואָס דערוועגט זיך אויפצוהויבען זיין קול נעגען פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, ווערט גלייך באַשולדיגט, אַז ער גאַרט און לעכצט נאָך אוממאָראַלישקייט.

ווען מיר זאָלען היינט צו טאָג נעהמען ערנסט אונטערזוכען, וועלכער פּרינציפּ ערגידריגט, פאַרטעמפּט מעהר פון אַלע פּרינצי־פּען אין דער וועלט, וואָלט די טרויריגע אויסצייכנונג זיכער אויס־געפאַלען אויף דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט.

ווען מען ווענדט אָן לאָגיק אויף דעם פּרינציפּ פון אויטאָרי־טעט, גיט ער פון זיך אַרויס ליידיגען פּלפּול. דהיינו: די הייראַט עקזיסטירט פאַר דער געזעלשאַפט, און דער צוועק פון דער געזעל־שאַפט איז זיך אַליין אויפצוהאַלטען, אָדער דאַסזעלביגע אַנדערש אויסגעדריקט: די הייראַט אין איהר טראַדיציאָנעלער פאָרמע איז הייליג, ווייל זי איז נויטיג פאַר דער אויפהאַלטונג פון ריינער מאָ־ראַל. און וואָס איז ריינע מאָראַל? די אויפהאַלטונג פון דער הייראַט אין איהר טראַדיציאָנעלער פאָרמע.

דאָ איז קיין פאָרטשריט ניט מעגליך. מיר דרעהען זיך אין אַ קרייז און ריהרען זיך ניט פון אָרט.

אָבער ווען, פאַרקעהרט, די געגנער פון פרינציפּ און אויטאָרי־טעט קומען און ערקלערען: דער צוועק פון דער געזעלשאַפט איז דאָס גרעסטע גליק פאַר אַלע איהרע מיטגליעדער, און דער צוועק פון הייראַט איז דאָס וואוילזיין פון דער פאַמיליע, ווערט אונז אי־בערגעלאָזען די פרייהייט אויסצוגעפינען, וואָס דאָס וואוילזיין און דאָס גרעסטע גליק זיינען. און ווען זיי ערקלערען ווייטער: „ריינע מאָראַל איז אַזאַ סאָרט באַציהונג צווישען די געשלעכטער, וואָס פיהרט צו דער העכסטער אַנטוויקלונג און גרעסטען גליק פון דער פּאָר, וואָס האָט זיך פאַרבונדען אין הייראַט, נעהמענדיג דערביי אין באַטראַכט די ווייטסטע ווי די נאָהענטסטע רעזולטאַטען פון זייער פאַרבינדונג״ — אַזאַ דעפיניציע, ווען זי ווערט אָנגענומען אדער געשטעלט צו פּראָבע, לאָזט אונז איבער די פרייהייט פאַר אַ ברייטער, פולער, וויסענשאַפטליכער אונטערזוכונג אין אַלע ריכ־טונגען — ווי דער הייראַטס־בונד ווירקט אויפ'ן קערפּער, אויף דער נשמה, אויף דער געזעלשאַפט — אַזאַ אַלזייטיגע אונטערזו־כונג, וואָס די וועלט האָט נאָך ניט געזעהן.

אָרדנונג און פאַרפיינערונג! דאָס זיינען געווען די לאָזונגען פון די פאַרטיידיגער פון אויטאָריטעט־פּרינציפּ. אדרבא, זאָל זיין אָרדנונג און פאַרפיינערונג — אָבער וואָס די מענשען האָבען געדאַרפט לערנען און וועלען נאָך מוזען לערנען, מעג זיי אפילו נעהמען יאָהרהונדערטע — איז דאָס, אַז אָרדנונג און פאַרפיינע־רונג זיינען דער רעזולטאַט פון דער וויסענשאַפט און נאַטירליכער אַנטוויקלונג, אָבער קיינמאָל ניט דער רעזולטאַט פון דעקרעטירענ־דע געזעצען, פון שטראָף־קאָדעקס אדער פון אַן עפענטליכער מיי־נונג, וואָס שטיצט זיך אויף טראַדיציע און אויטאָריטעט. עס קען ניט זיין קיין ריכטיגע איינאָרדנונג, קיין ריכטיגע אָרדנונג אין דער געזעלשאַפט, ווען זי קומט ניט פון אַ וויסענשאַפטליכען איינבליק אין דער מענשליכער נאַטור. אַלע געזעלשאַפטען — סיי די געזעל־שאַפט, וואָס רופט זיך פאַמיליע און סיי די געזעלשאַפט, וואָס רופט זיך שטאַאַט — עקזיסטירען, ניט פאַר זייער אייגענער טובה וועגען, נאָר פאַר דער טובה פון די מענשען, כדי מעגליך צו מאַכען פאַר יעדען און אַלע יחידים, וואָס שטעלען זיי צונויף, צו דערגריי־כען געוויסע גרויסע ציעלען, געוויסע גרויסע ווערטען. אַזעלכע

ציעלען און ווערטען זיינען : פערזענליכע אנטוויקלונג, מאראלישע ריינקייט, די ערציהונג פון דער יוגענד און די באשיצונג פון די פרויען.

ווען אַמ די ציעלען קענען נאָר דערגרייכט ווערען אויף דעם וועג, וואָס ווערט אָנגעוויזען פון אויטאָריטעט־פּרינציפּ, דאַן נאטירליך איז פרייהייט, וואָס זי איז א ברכה אויף אלע אנדערע געביעטען, איז זי דאָ, אויפ'ן געביעט פון פאמיליען־לעבען, א קללה, און זי מוז געררודפ'ט און אויסגעראט ווערען. ווען אבער די דאזיגע ציעלען קענען אפשר דערגרייכט ווערען אויף אנדערע וועגען, און אפשר ב ע ס ע ר דערגרייכט ווערען אויף אנדערע וועגען (און אזא מעגליכקייט איז שווער אפצולייקענען), איז ווען, צולעצט, דאָס וואָס איז דערגרייכט געווארען אויפ'ן טראדיציאָנעלען וועג, אונטער דער דיסציפּלין פון אויטאָריטעט־פּרינציפּ, איז גאָר־נישט מיט גארנישט, קוים ווערט דערמאָהנט צו ווערען — דאַן איז אַן אבסאָלוט פרייע אונטערזוכונג, וואָס רעכענט זיך ניט מיט קיין מענשליכער און איבערמענשליכער אויטאָריטעט, דעם מענשענ'ס געשווארענע פליכט. אין א יאהרהונדערט, ווי אונזערער, איז דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, אלס דער פּרינציפּ וואָס שטערט יעדע פרייע אונטערזוכונג, דער ערגסטער, נארישסטער, נידריגסטער, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען. ער שטעהט פאר אונז א זעלבסט פאראורטיילטער. און דעריבעניגער, וועלכער דורך אויס־לאָכען אָדער פארוועהרען פרייע פארשונג אין א וועלכער עס איז ניט סאציאלער פראגע, לאָזט ניט ארויסברייינגען אין דער עפענט־ליכקייט היפּאָטעזען, — און דאָס טוען זיי! — לאָזט ניט אויס־פּראָבירען פּראַקטישע עקספּערימענטען, וואָס וואָלטען געקענט זיין פון נוצען פאר זיינע מיטמענשען, — אזא איינער איז א פארברע־כער, פאר וועלכען עס וואלט קיין שטראף ניט געווען צו שטרענג, ווען רעכט און גערעכטיגקייט וואָלטען געהערשט אויף דער וועלט. צום אומגליק, זיינען דאָס רוב געבילדעטע מענשען פארברעכער פון דעם סאָרט, און די האָפנונג זיי צו באשטראפען איז זעהר שוואך.

באנאלד איז אזא פארברעכער געווען ; אָבער די אויסערליכע אומשטאנדען פון זיין לעבען ווייזען ניט קיין שפור דערפון, די גע־

טין פון נקמה זאָל האָבען געהאַט אן אויג אויף איהם. ער האָט זוכה געווען צו אן עלטער פון זעקס און אכציג יאהר, און זיין לע־בענסלאנג איז ער געווען איינער פון די איינפלוסרייכסטע, געאכ־טעטסטע מענער פון זיין צייט. ער איז געשטארבען אין 1840, זאט מיט כבוד און יאָהרען.

7.

שאַטאָבריאַן.

קיין אמת'ע פּאָעזיע ווערט ניט געשאַפֿען אונטער נאַפּאָלעאָן'ס הער־שאַפט; ער אליין, דער איינציגער גראַנדיעזער פּאָעט. — די דראַ־מען פון לעבען שטאַרקער ווי די ביהנען־דראַמען. — די גיליאָ־טינע קאָנקורירט מיט'ן שווערד פון מעלפּאָמענע. — דער פּאָ־ליטישער איינפלוס פון די ציימונגען „זשורנאַל־דע־דעבאַ" און „מערקיור דע פראַנס". — שאַטאָבריאַן איז „עולה רגל" קיין ירושלים. — „די מאַרטירער". — „מעמואַרען פון קבר". — אַ ראַנדעוואו מיט מאַדאַם דע־מושי. — פּאָעטען האָבען מעהר גליק באַשרייבענדיג דעם גהינום ווי דעם גן־עדן. — ווי אַזוי שאַטאָ־בריאַן מאָהלט גאָט און דעם הימעל־רייך. — מאַדאַם דע סאַמאָן די לעצטע פרוי וועמען ער האָט געליבט און איז פון איהר גע־ליבט געוואָרען. — פאַרגיסט טרערען ביים פאָרלעזען „די מאַר־טירער". — זיינע שוואַכע זייטען אַלס מענש. — ברענגט ארויס דעם אונטערשייד פון מאָנאַרכיע און מאָנאַרכען. — לייקענט אָפּ נאַפּאָלעאָן'ס טאַלאַנט אַלס גענעראַל. — טוט „תשובה" אויף דער עלטער.

אין פראַנקרייך אונטער נאַפּאָלעאָנ'ען האָט פּאָעזיע ניט גע־בליהט. שאַטאָבריאַן איז אָהן ספק געווען אַ שריפטשטעלער מיט אַ גרויסען פּאָעטישען טאַלאַנט, אָבער נאַפּאָלעאָן איז געווען דער איינציגער פּאָעט אין גראַנדיעזען סטיל. שאַטאָבריאַן, וועלכער האָט איהם געהאַסט, האָט עס גוט געפיהלט. ער שרייבט (אין פערטען טייל פון זיינע „ערינערונגען"):

„אַט דער אויסגערעכענטער פּאָליטיקער איז געפיהרט געוואָ־רען פון אַ וואונדערבאַרער איינבילדונגס־קראַפט. אָהן זיין מוזע וואָלט ער ניט געוואָרען דאָס, וואָס ער איז. זיין פראַקטישער שכל פלעגט דורכפיהרען די פּאָעטישע אידעען, וואָס זיינען אין איהם געבאָרען געוואָרען. די לאַנגע קייט פון זיינע מלחמות, נצחונות און מפּלות איז אַ גרויסע איליאַדע, די רוסישע קאַמפּאַניע איז אַ ריעזיגע טראַגעדיע, מיט וועלכער עס קען זיך ניט פאַרגלייכען קיינע פון די טראַגעדיעס פון דער פעדער פון אַ פּאָעט".

שוין אין די טעג פון דער רעוואָלוציע איז פּאָעזיע פאַרשוואונ־דען צוליעב עהנליכע סבות. אמת, אַ פּאָר פּאָעטען האָבען נאָך געשריבען טראַגעדיעס אין אַלטען סטיל; אָבער זיי האָבען נאָר איבערגעאַרבייט וואָלטער'ס פילאָזאָפישע טראַגעדיעס אין פּאָלי־

טישע, עקספּלואטירענדיג די פּאַרצייטיגע גריכישע און רוימישע רעפּובליקען פאר דער טובה פון דער נייער פראנצויזישער רעפּוב־ליק, געפינענדיג פּאַרבילדער פאר איהרע העלדען אין די מענער, וואָס זיינען אָנגערופען געוואָרען די „סאַנקיולאָטען“ פון אַטהען און רוים. אבער דער אינטערעס צו די דאזיגע פּיעסען איז געווען ניש־טיג אין פּאַרגלייך מיט דעם אינטערעס צו די רעאַלע דראמעס, וואָס האָבען זיך אָפּגעשפּיעלט אין דער נאציאָנאַלער פּאַרזאמלונג און אין קאָנוועגט. פּונקט ווי די פּאַרצייטיגע גלאַדיאַטאָרען־גע־פעכטען האָבען אָפּגעטויט דעם איינדרוק פון די שוישפּיעלען, וואו קיינער איז אין דער ווירקליכקייט ניט דערהרג׳עט געווארען, אזוי האָבען איצט די פינפטע אקטען פון די טראַגעדיעס אויסגעזעהן שוואַך און פלאַך אנטקעגען די שלום־אַקטען פון די שטורמישע דע־באַטען אין קאָנווענט, פון וועלכע דער באַזיעג.טער פלעגט גלייך אוועקגעפיהרט ווערן צום עשאַפאָט. דער שווערט פון מעלפּאמענע, דער טעאטער־געטין, האָט לאנג ניט געקענט קאנקורירען מיט דער גיליאָטינע.

וואָס פאר א פּאָעטיש ווערק האָט געקענט אזוי אויפרודערן די געמיטער פון די צושויער, ווי דער פּראצעס — די באשולדיגונג, פּאַראורטיילונג און די הינריכטונג פון קעניג און קעניגין? ווער וואָלט געקענט צוטראכטען אזא ביהנען־פּאַרשווערונג, ווי ראָ־בעספּיערס און דאַנטאס מייסטערהאַפטע פּאַרשווערונג געגען ווער־ניא און די זשיראנדיסטען, אָדער אַזאַ קונציגע פּאַסטקע, וואָס איז שפּעטער אויסגעלעגט געווארען פאר ראבעספּיערען גופא! מיר האָבען באַוויזען, אַז אזוי טאַקי האָבען געפיהלט די מענשען פון יענעם דור. דיוסי, דער באריהמטער איבערזעצער פון שעקספּירען, ענטפערט זיינעם א פריינד, וועלכער האָט איהם אנגעמוטט צו שרייַ־בען פאר׳ן טעאַטער: „רעדט צו מיר ניט וועגען טראַגעדיעס! מיר האָבען טראַגעדיעס אין די גאַסען. איך דארף נאָר איין טראָט טאָן הינטער דער טיר, ווי מיינע פיס זיינען אין בלוט ביז צו די קנעכלאך“.

אז די דאזיגע ווערטער זיינען ניט צופיעל איבערטריבען, באַווייזט א בריעף, וואס שאמעט האָט אין 1793 ארייַנגעשיקט צום פּאריזער מוניציפּאַליטעט, אין וועלכען ער קלאָגט זיך, אז קורצ־

זיכטיגע זיינען אין שטענדיגער סכנה אויסצושמירען זייערע פיס מיט מענשליכען בלוט.

דערצו איז נאָך צוגעקומען, וואָס אונטער נאַפּאָלעאָנען האָט פראַנקרייך געהאַט אַן אויבערהאַר. ווען אַ שרייבער פלעגט זיך דערוועגען אַ האַרעלע אָפּצואווייכען פון אָפּגעטראָטענעם וועג, פלעגט ער קריגען גלייך אַנגעשריען. צום ביישפּיעל, רענואַר. זיין שטיק „די שטאַאַטען פון בלוא", וואָס איז פריהער אויפגעפיהרט געוואָרען אין סען־קלו, איז אין פּאַריז פאַרבאָטען געוואָרען אויף דעם קייזער'ס פּערזענליכען באַפעהל. עס איז געוועזען די צייט, ווען די קאַנאָנען האָבען גערעדט. פאַר'ן אינוואַלידען־פּאַלאַץ איז געשטאַנען אַ ריעזען־קאַנאָנע, וואָס פלעגט כסדר אָנזאָגען בשורות וועגען נייע נצחונות און פאַרטויבען מיט איהר קול יעדען אַנדער קול. און אַלע יונגע הערצער, וואָס זיינען פול געוועזען מיט התלהבות, און אַלע פייעריגע נשמות, וואָס וואָלטען אין אַן אַנדער צייט אויסגעהויכט זייער פייער אין פּאָעזיע, און אַלע די יעניגע, וואָס האָבען טייער געהאַלטען די פרייהייט און די אידעען פון דער רעוואָלוציע, האָבען זיך געזאַמעלט אונטער די פאָנען און האָבען געזוכט צו פאַרגעסען זייער בענקשאַפט נאָך פרייהייט און פּאָעזיע אין פאַרשיכור'ן זיך מיט מיליטערישען רוהם. דאָס גייסטיגע לעבען האָט זיך אָפּגע־שטעלט, ווי אַן אינטים ליעדעל, וואָס ווערט געזונגען אין אַ שטי־לען הויז, ווערט פּלוצלינג אָפּגעהאַקט, ווען פון גאַס דערטראָגט זיך דאָס ליאַרמען פון שווערע וועגענער. אַ פּאָר אַנעקדאָטען קענען דיענען צו אילוסטרירען די צוטומולטקייט, די געדריקטע שטימונג, וואָס כאַראַקטעריזירען יענע פּעריאָדע. אויף דער פראַגע: „וואָס דענקט איהר וועגען דער איצטיגער צייט?" — האָט סיעס אָפּגע־ענטפערט: „איך דענק איבערהויפּט ניט". און אויף דער פראַ־גע: „וואָס האָט איהר געטאָן אונטער דער אימפּעריע פאַר אייערע איבערצייגונגען?" — האָט לאַפּאַיעט אָפּגעענטפערט: „איך האָב זיך געהאַלטען שטייף".

בלויז צוויי קונסט־מינים האָט דער צייט־גייסט אויפגעמונ־טערט — די מאַהלעריי און די ביהנען־קונסט. זשעראַר האָט גע־מאָלען די שלאַכט ביי אויסטערליץ, גראָס — „די פּעסט אין יפו", „די שלאַכט ביי אַבוקיר" און „די שלאַכט ביי די פּיראַמידען". טאַל־

מאַ, וועלכער, ווי ער דערצעהלט אליין, האָט זיך אויסגעלערענט צו פארשטעהן און צו שפּיעלען רוימישע רעפּובליקאַנער ערשט נאָכ־דעם, ווי ער האָט פארבראכט אַן אָוועגד אין דער געזעלשאַפט פון די זשיראַנדיסטען — פארשטעהן זיי ניט אלס „העלדען" פון שול־בוך, נאָר אלס מענשען — טאַלמאַ האָט כון נאַפּאָלעאָנען זיך אויס־געלערענט צו שפּילען די ראָלען פון צעזאַרס און קעניגע. לויט דער באַוואוסטער היסטאָרישער טראַדיציע, האָט נאַפּאָלעאָן איינ־געלאַדען צו זיך טאַלמאַ'ן צו נעהמען ביי איהם לעקציעס אין קייזערליכער האַלטונג. די מעשה איז געווען פּונקט פארקעהרט. דאָס האָט טאַלמאַ פון נאַפּאָלעאָנען איבערגענומען די הערשערישע האַל־טונג, דעם קורצען, קאָמאַנדירענדען טאָן, דעם באַפעהלענדען זשעסט און עס אריבערגעטראָגען אויף דער ביהנע. ווער דער גרויסער אַק־טיאָר איז אין יאָהר 1826 געלעגען אין היץ־פיבער, האָט ער פּלוצלונג דערזעהן אין שפּיגעל זיין פּנים, מיט שפּורען פון משוגעת און גרויל, און האַלב־משוגע, ווי ער איז דאַמאָלס געווען, האָט ער זיך א זעץ געטאָן אין שטערן און אויסגעשריען: „איצט האָב איך עס! ווען עס וועט מיר נאָך אַמאָל אויסקומען צו שפּיעלען, וועל איך מאַכען פּונקט אַזאַ פיזיאָנאָמיע אין דער ראָלע פון קאַרל דעם 6טען". אַזוי ליידענשאַפטליך האָט דער מאַן געליעבט זיין קונסט. אָבער פון זיין קראַנקען־בעט האָט ער זיך שוין ניט אויפגעהויבען.

בלויז איין צווייג פון דער ליטעראַטור האָט געוואונען א באַ־דייטונג, וואָס עס האָט פריהער ניט פארמאָגט — דער אינגסטער פון אַלע צווייגען, וואָס האָט ביז אהער קיין שום איינפלוס ניט געהאַט און האָט גענדאַרפט באַלד ווערען א מאַכט — און דאָס איז די צייטונג. דער גוט־באַוואוסטער „זשורנאַל־דע־דעבאַ" (דער דעבאַטען־זשורנאַל) איז געגרינדעט געוואָרען מיט א טאָפּעלטען צוועק: צו פארפיהרען א מלחמה געגען וואָלטער'ן און צו געבען אויסדרוק צו די הערשענדע אידעען פון דער צייט. פאַר דעם צוועק האָט מען זיך באַנוצט מיט יעדען מעגליכען מיטעל. פּונקט ווי די קלעריקאַלע פראַנצויזישע פּרעסע האָט שפּעטער, נאָך דער פּרייסיש־פראַנצויזישער מלחמה, געזוכט צו דערנידריגען וואָלטער'ן און איהם א צונאָמען געגעבען: „דער געמיינער פּרייס" — אַזוי האָט זי אויך דאַמאָלס געגישטערט אין אַלע זיינע בריעף צו גע־

פינען אַ שטעלע, וואָס זאָל איהם שטעמפּלען אַלס פאַררעטער צו זיין פאָטערלאַנד. אין איינעם פון די בריעף פון דעם גרויסען חוזק־מאַכער צום פּרייסישען קעניג האָבען זיי אַנטדעקט אַ באַליי־דיגענדע פראַזע: „יעדעס מאָל ווען איך שרייב צו אייער מאַיעס־טעט, ציטער איך ווי אונזערע רעגימענטען ביי ראָסבאַך". זיי האָבען געהאַפּט מיט אַזעלכע ציטאַטען אויפצורייצען דעם זיעגער ביי יענאַ געגען די פילאָזאָפען פון דער וואָלטעריאַנישער שולע. די קלעריקאַלען האָבען כסדר אַנגעוויזען, אַז לויט דעם עדות זאָגען פון די צייט־גענאָסען, זיינען די פראַנצויזישע אָפיציערען די הויפּט־שולדיגע געווען פאַר דער שרעקעדיגקייט פון דער פראַנצוי־זישער אַרמעע אין דער מלחמה געגען פרידריכ'ען; זיי האָבען פאַ־נאַטיש פאַרגעטערט דעם פּרייסישען קעניג, און זיי האָבען זיך ניט געקענט בשום אופן פאָרשטעלען, ווי אַזוי וועלען זיי באַזיעגען אַ גענעראַל, וועלכער פּראָקלאַמירט און פאַרטיידיגט די אידעען, אין וועלכע זיי גלויבען אַליין אין דער טיפעניש פון זייער האַרצען. אַנשטאַט אָפּצודרינגען דערפון, אַז די דאָזיגע אידעען זיינען פון גרויסער וויכטיגקייט און ווערט, האָט די קלעריקאַלע פּאַרטיי, פאַר־קעהרט, דערפון אָפּגעדרונגען, אַז אַלע די יעניגע, וועלכע ווי וואָל־טער האָבען זיך איינגעשטעלט פאַר יענע אידעען, פאַרדינען פאַר־דאַמט צו ווערען; און זי האָט זיי פאַרדאַמט אַלס פאַררעטער צום פאָטערלאַנד.

די פאָלגענדע ווערטער פון רעדאַקטאָר פון „זשורנאַל־דע־דעבאַ" גיבען אַ געוויסען באַגריף וועגען דעם אַלגעמיינעם טאָן פון יענער צייטונג: „ווען איך זאָג: די פילאָזאָפיע פון 18טען יאָהרהונדערט, מיין איך דערמיט אַלץ, וואָס איז געווען פאַלש אין געזעצגעבונג, מאָראַל און פּאָליטיק".

די נייַ־קאַטוילישען האָבען געהאַט נאָך אַן אַנדער צייטונג אין זייערע הענד — „מערקיור דע פראַנס". — וואָס האָט געצעהלט צווישען איהרע הויפּט־מיטאַרבייטער — שאַטאָבריאַן און באָנאַלד. איינינע שרייבער — דאָס רעשטעל פון דער אַרמעע פון 18טען יאָהרהונדערט — האָבען געפּרואווט באַקעמפען דעם איינפלוס פון די צוויי מעכטיגע צייטונגען, אָבער אומזיסט: די צייט איז גע־ווען געגען זיי.

ווען אַמאָל פלעגען די שטרייטענדע צדדים אָפּגעבען זייער גאַנצע ענערגיע אויף צו געווינען פאר זיך דאָס לעזענדע פּובּליקום אָדער די נאַציאָן, איז איצט דער וואונש פון ביידע צדדים געווען צו געווינען די גונסט פון מעכטיגען הערשער. דער „זשורנאַל־דע־דע־באַ" האָט זיך געמיהט אויפצואוועקען דעם קייזער'ס צאָרן געגען דער „פילאָזאָפיע". די „פילאָזאָפען" ווידער האָבען געזוכט איינ־צו'ברוגז'ן דעם קייזער מיט'ן „זשורנאַל דע דעבאַ". די קלערי־קאַלען האָבען גערופען די פילאָזאָפען פּראָפעסיאָנעלע צושטערער, וועלכע אלס אזעלכע דארפען שוין במילא האסען נאַפּאָלעאָנ'ען, דעם גרויסען מייסטער און בויער. די פילאָזאָפען פון זייער זייט האָבען באשולדיגט די קלעריקאַלען, אז זיי פּלאַנע־ווען, ווען דער קייזער וועט פארטיג ווערען מיט זיין געביידע, איבערצוגעבען איהרע שליסלען צו אַן אנדערען.

די צוקונפט האָט באוויזען, אז די פילאָזאָפען זיינען געווען גערעכט. די אָנהענגער פון דער ניי־קאַטוילישער שולע זיינען גע־ווען און געבליבען צוגעבונדען מיט זייערע הערצער צום אלטען קעניגליכען הויז. זייער טאקטיק איז געווען צו לויבען דעליל'ען, ווען ער איז ארייננעפאלען אין אומגנאָד, און שאַטאָבריאַן'ען ווען ער האָט ארייננעגעבען זיין רעזיגנאַציע נאָך דער הינריכטונג פון הערצאָג פון אָנגיען. דערמיט, האָט עס געהייסען, האָט ער באַ־וויזען, אז ער איז אַ שונא פון טיראַניי. זיי האָבען געזוכט און געפונען ליכטיגע פּונקטען אין אַלטען רעזשים—אונטער דעם אומ־רייד פון געשיכטליכער אומפּארטייאישקייט.

נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט גוט אכטונג געגעבען אויף דער פּרע־סע, האָט סוף כל סוף פארלאָרען די געדולד. עס איז דערגאַנגען צו אונז אַ שריפטליכע קאָמוניקאַציע, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרען צו דעם קייזער'ס אַ באַאַמטען, אויף איבערצוגעבען פיעווע, דעם ארויסגעבער פון „מערקיור" (מיט וועלכען, אגב, דער קייזער האָט צייטענווייז פּריוואַט קאָרעספּאָנדירט). יעדעס וואָרט פון דער שריפט האָט אַ באַדייטונג. באַזונדערס פארדיענט אויפמערקזאַמקייט דער איבערגאַנג פון אומפּערזענליכען טאָן צום פּערזענליכען איך־טאָן. קיין דירעקטע אָנווייזונג ווער עס איז דער שרייבער פון דאָקומענט איז ניטאָ. פון אָנפאנג רעדט דאָס אומבאַשטימטע, נאָמענלאָזע

באשעפעניש, וואָס רופט זיך רעגירונג. פלוצלונג דערפיהלען מיר, ווער עס פיהרט מיט דער פען — דער ליב האָט באוויזען זיינע קראַלען. דאָס איז דער דאָקומענט.

„מאָסיע לאוואַלעט זאָל גערן צו מאָסיע פיעווע און זאָגען איהם, אז אין „זשורנאַל־דע־דעבאַ", וואָס ווערט געלעזען מיט מעהר אויפמערקזאמקייט, ווי אנדערע צייטונגען, ווייל ער האָט אַ צעהן מאָל גרעסערע צירקולאַציע — אז אין דער צייטונג האָט מען געפונען ארטיקלען, וואָס זיינען געשריבען אין אַ טאָן פון אבסאָלוטער פריינדליכקייט צו די בורבאָנען — און פאָלגליך אין אַ טאָן פון פולער גלייכגילטיגקייט צום וואוילזיין פון שטאַאט; און זאָגען איהם, אז מען איז ענטשלאָסען צו אונטערדריקען אלץ, וואָס טראָגט אַ שעדליכען כאראקטער; אז ביז איצט איז דאָס סיסטעם פון דער רעגירונג, אמת, געווען דאָס סיסטעם פון געדולד; אז אָבער עס איז ניט געגוג, די ארטיקלען זאָלען ניט זיין דירעקט פיינדליך; אז די רעגירונג האָט אַ רעכט צו פאָדערען אקטיווע טרייהייט צום רעגירענדען הויז; אז די צייטונג דאַרף ניט נאָר ניט פארטראָגען, נאָר דאַרף דירעקט קעמפפען געגען אלץ, וואָס קען צוגעבען גלאַנץ צו די בורבאָנען, אָדער ארויסרופען עראינערונגען, וואָס זיינען גינסטיג פאר זיי; אז דערווייל איז נאָך ניט באשלאָסען געוואָרען אָנצונעהמען ענערגישע מיטלען; אז מען איז גיכער געגייגט צו דערלאָזען דעם „זשורנאַל דע דעבאַ" ווייטער צו ערשיינען, בתנאי עס זאָלען „מיר" פאָרגעשטעלט ווערען פערזאָנען, צו וועמען אַ י ך קען האָבען צוטרוי און וועמען אַ י ך קען אָנפארטרויען די רעדאַגירונג פון דער צייטונג"*).

מיר מערקען, וואָס פאר אַ ווענדונג די געשעהענישען האָבען אָנגענומען. דער נייַ־קאַטוּיליציזם האָט וואָס ווייטער אלץ מעהר אָנגעוואָרען דעם חן אין נאַפּאָלעאָנ'ס אויגען; זיין גנאָד האָט דער קייזער מיט דער צייט פארביטען אויף אומגנאָד, און ערשט מיט דער אומקעהר פון די בורבאָנען האָט דער נייַ־קאַטוּיליציזם ווידער אַמאָל אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געפייערט אַ צווייטען — דאָס

*) נעטעמאַן, „די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אונטער דער רעסטאַוראַציע", ב. 1, ז. 100.

מאָל שוין אַ פאַלשטענדיגען טריאומף. פון אָנפאַנג, גלייך נאָכ־דעם ווי נאַפּאָלעאָן איז ארויף אויף'ן טראָן, קריגען שאטאָבריאַן, באָנאַלד און דע-מעסטר די פולע פרייהייט צו שרייבען; דער „זשור־נאָל דע דעבאַ" ווערט אויפגעמונטערט אָנצוהויבען אַ קרייץ־צוג גע־גען דער פילאָזאָפיע פון 18טען יאָהרהונדערט; דער פאפסט באַ־זוכט נאַפּאָלעאָנען אין פאַריז; די קירך־הערען ווערט אָפּגעגעבען גרוים כבוד, און פרייסינו פרעדיגט וואו און וואָס איהם געפעלט. דורך די לעצטע יאָהרען פון דער אימפעריע זיינען די פיהרער פון דער קאטוילישער פארטיי געצוואונגען צו שווייגען; דער „זשור־נאָל דע דעבאַ" איז אונטערדריקט; דער פאפסט איז אַ געפאַנגע־נער, די קירך־הערען אין טיעפען אומכבוד, און פרייסינו טאָר אין גאַנצען ניט פרעדיגען. ערשט ווען די אַלטע מאָנארכיע איז צוריק אויפגעשטעלט, ווערען די קירך־הערען פון דאָס ניי דערהויבען, און דאָס וואָס דער קאָנקאָרדאט האָט אָנגעהויבען, ווערט באשטעטיגט און באקרעפטיגט.

עס איז געזאָגט געוואָרען, און ניט אָהן גרונד, אַז קיין אמת'ע פּאָעזיע איז ניט געשריבען געוואָרען אונטער דער הערשאַפט פון נאַפּאָלעאָנען; אָבער אַ פארזוך, און בשום אופן ניט אַן אומבאַ־דייטענדער פארזוך, איז דאָך געמאַכט געוואָרען צו געבען פראַנק־רייך פון 19טען יאָהרהונדערט דאָס, וואָס וואָלטער האָט געגעבען פראַנקרייך פון 18טען יאָהרהונדערט אין זיין „העגריאַדע" — נישט מעהר און נישט ווענינער ווי אַ גרויסען נאַציאָנאַלען עפּאָס.

מען קען ניט לייקענען, די אויפגאַבע איז געווען אַ האָפנונגס־לאָזע. אין דער צייט, ווען גאַנץ אייראָפּאַ האָט געקלונגען מיט די נעמען פון די העלדען פון דער נייער אימפעריע, און נאַפּאָלעאָן, ווי דאַמאָלס איז געגאַנגען דאָס ווערטעל, האָט פאַרבונדען פראַנקרייך'ס אָפענע וואונדען מיט די „פאָהנען פון איהרע שונאים", ווען די גבורות פון דעם היינט האָבען פאַררוקט אין שאָטען די גבורות פון דעם נעכטען — וואו האָט אַ פּאָעט געקענט געפינען העלדען אָדער העלדישקייטען, וואָס זאָלען באַצווינגען די לעגענדע וועלט?

און דער מאַן, וואָס האָט ריזיקירט אויף אַזאַ אונטערנעהמונג, איז געווען ניט קיין קלענערער, ווי שאטאָבריאַן — דער ערפאָלג־

רייכער איניציאַטאָר פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג פון יענער
עפּאָכע, דער שריפטשטעלער, וואָס איז מעהר פון אַלעמען באַוואונ־
דערט געוואָרען פון זיין צייט. — ניט גלאַט אַ שריפטשטעלערישער
אימפּולס, נאָר אַ מין פליכט־געפיהל האָט געטריבען שאַטאָבריאַנען
צו אונטערנעהמען אַ גרויסע פּאָעטישע אַרבייט. אין זיין ערשטען
ווערק האָט ער געהאַט ערקלעהרט, אַז די קריסטליכע לעגענדען
שטייגען ווייט אַריבער אין שעהנקייט די היידנישע מיטאָלאָגיע;
אַז זיי דאַרפען האָבען אַ פיעל שטאַרקערען אינטערעס פאַר'ן פּאָעט;
אַז דער קריסט אַלס פאָטער, מאַן און געליעבטער, און די קריסטין
אַלס מוטער, ווייב און געליעבטע זיינען אַ סך דאַנקבאַרערע, ווערט־
פולערע קונסט־טעמען, ווי איינפאַכע בשר־ודמס אין די זעלביגע
פאַלען. האָט ער זיך געפיהלט פאַרפליכטעט צו שטיצען זיין כלל
מיט אַ ביישפּיעל, צו באַשטעטיגען זיין טעאָריע מיט אַ באַווייז;
און צוליעב אָט די טעמים, און אויך צו ווייזען אויף וואָס זיין טאַ־
לאַנט איז פעהיג — האָט ער גענומען אויף זיך צו שרייבען אַ
קריסטליכען עפּאָס.

טריי צו דער גייסטיגער ריכטונג, פון וועלכער ער, שאַטאָ־
בריאַן, איז געוועזען דער איניציאַטאָר און פּראָמינענטסטער פּראָפּאַ־
גאַנדיסט, קלייבט ער זיך אויס ניט מאָדערנע און ניט אַקטיווע
העלדען, און בכלל קיין העלדען ניט, נאָר מאַרטירער. און אַזוי
רופט ער אויך אָן זיין ווערק: „די מאַרטירער אָדער דער טריאומף
פון דער קריסטליכער רעליגיע". אַן עפּאָס האָט דאָס געזאָלט זיין,
אָבער געשריבען אין פּראָזאַ, מאַכט עס אויף אונז גיכער דעם איינ־
דרוק פון אַ געוועהנליכען ראָמאַן אין צוויי בענדער. כדי צו פאַר־
שטעהן, וואָרום גראָד ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַזאַ טעמאַ,
דאַרף מען געדענקען, אַז דער שטאַנדפּונקט פון דער שולע איז ניט
געוועזען דער שטאַנדפּונקט פון מענשען, וואָס האָבען געלעבט מיט
זייער צייט, מיט דעם גייסט פון דער אימפּעריע, נאָר פון צוריק־
געקומענע *עמיגראַנטען*. זיי זיינען נאָך ניט געוועזען גע־
קומען צו זיך פון דעם גרויל, וואָס די רעוואָלוציע האָט אין זיי
אַרויסגערופען. אין די פריהערע פון דער רעוואָלוציע האָבען זיי
געזעהן בלויז בלוטיגע הענקער, און אין דער באַזיעגטער פּאַרטיי
בלויז אומגליקליכע קרבנות. אין זייערע אויגען איז דער העלד

געוועזן ניט דער זיעגער, ניט דער קריעגסלוסטיגער ריזיקאַנט, נאָר לואי דער 16טער, דער אומשולדיגער דולדער. זיינען זיי דען ניט געוועזן מאַרטירער אָט די אַלע קריסטליכע גלחים, וואָס זיינען אין די סעפּטעמבער־טעג אויסגעשאָכטען געוואָרען פאַר זייער גלויבען, אָט די אַלע מענער און פרויען, וואָס זיינען געשטאָרבען אין דער וואַנדעע פאַר זייער טרייהייט צום קעניג פון גאָטס גנאַדען! אַזעל־כע אומשולדיגע קרבנות, ווי די פירסטין לאַמבאַל, די יונג־פרויען פון ווערדון, אָדער ווי דער געזעצליך הינגעריכטעטער הערצאָג פון אַנגיען, זיינען געוועזן העלדען און העלדינען, וואָס זיינען טויזענד מאָל מעהר ווערט געוועזן באַזונגען צו ווערען, ווי די יעניגע, וואָס האָבען פאַרגאָסען זייער בלוט און פרעמד בלוט אויף די אַלע שלאַכטפעלדער פון אייראָפּאַ.

שוין אין יאָהר 1802 האָט שאַטאָבריאַן פאַרטראַכט די אידעע פון זיין עפּאָס; אין 1806 זיינען די ערשטע געזאַנגען פאַרטיג גע־ווען צום דרוק. אָבער די האַנדלונג האָט געדאַרפט אַרומכאַפּען די גאַנצע פאַרצייטיגע וועלט — די אַלע געגענדען, וואָס זיינען באַ־קאַנט געוועזן צו די רוימער. שאַטאָבריאַן איז ניט געוועזן קיין נאָכגיביגער פון דער נאַטור, קיין פוילענצער, וואָס נעהמט זיך זאַכען לייכט. עס איז ניט געוועזן זיין כונה וואָס גיכער פאַרטיג צו ווערען מיט זיין ווערק, כדי צו קענען רוהען אויף לאָרבערן. ער מאַכט אַן אָפּשטעל אין דער אַרבייט, און אין יולי 1806 לאָזט ער זיך אַוועק רייזען איבער גריכענלאַנד, סיריען, עגיפּטען און דער קאַרטאַגענישער אַפריקאַ און קעהרט זיך אום צוריק קיין פּאַריז דורך שפּאַניען. דער איינציגער צוועק פון זיין רייזע, ווי ער גיט עס צו פאַרשטעהן אין די פאָרעדעס צו „די מאַרטירער" און צו דער שפּעטער ערשיענענער „רייזע באַשרייבונג" — זיין איינציגער צוועק איז געוועזן צו פאַרפאָלקאָמען די אָנגעהויבענע אַרבייט. אין איין פאָררעדע לייענען מיר: „די רייזע האָב איך אונטערנומען מיט דעם איינציגען צוועק צו זעהן און צו מאָלען די אַלע געגענדען, וואוהין איך האָב בדעה געהאַט אַריבערצוטראָגען די סצענעס פון „די מאַרטירער"; אין אַ צווייטער לייענען מיר: „איך האָב די רייזע ניט אונטערנומען בלויז זי שפּעטער צו באַשרייבען. איך האָב געהאַט אַ כונה דערביי, און די כונה האָב איך דורכגעפיהרט

אין די „מאַרטירער". איך בין ארויס אויף יאַגד נאָך בילדער — דאָס אַלץ."

ניין, ניט אַלץ — ניט אַלץ, וואָס שאַטאָבריאַן אליין האָט דערביי אין זינען געהאַט, און אפילו ניט אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן זעהן אין דעם. שאַטאָבריאַן איז טשיילד האראָלד נאָך פאר דעם ווירקליכען טשיילד האראָלד; ער איז א ביירראָן, וואָס בוקט זיך צום קעניג און פאפסט—א ראַיאַליסטישער און רוימיש־קאַטוילישער ביירראָן. זיין רעגע איז דער פאָרלויפער פון ביירראָן'ס העלדען; און ער אליין, מיט זיינע וואַנדערונגען, איז א פאָרלויפער פון דעם האַלב־אויסגעטראַכטען, האַלב־ווירקליכען האַראָלד, וועמען די איינגעבאָרענע לוסט צו ריזיקע, צו אוואַנטיורען, דער קיינמאָל ניט געשטילטער דאָרשט נאָך נייע און אַלץ נייערע איינדרוקען טרייבט פון לאַנד צו לאַנד. אָבער דער ביירראָן פון דער קירכליכער אויפלעבונג האָט ניט געקענט ווי יענער ענגלישער לאָרד, וואָס האָט נאָך געפיהלט דאָס בלוט פון די וויקינגען אין זיינע אָדערען, עהרליך זיך מודה זיין, אַז ער ווערט פּשוט געטריבען פון וואַנדערונגס־לוסט; שאַטאָבריאַן האָט זיך ניט געקענט צופרידענשטעלען מיט אַזאַ איינפאַכען מאָטיוו. עס וואָלט ניט געשטימט מיט דעם גייסט פון זיין עפּאָכע און וואָלט ניט געפּאַסט צו דער ראָלע, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, ווען ער, שאַטאָבריאַן, זאָל פאָהרען קיין ירושלים צו שטודירען לאַנדשאַפטען, צו קריגען פרישע פאַרבען פאר זיין פאָליטרע און אָנצופילען זיין אַלבום מיט צייכנונגען. ווען טשיילד האראָלד רופט זיך „עולה־רגל'ניק", מיינט ער עס אין איבערטראָגענעם זין. שאַטאָבריאַן מיינט עס אין בוכשטעבליכען זין. ער דערצעהלט יעדען איינעם, אַז ער פאָהרט אין דעם הייליגען לאַנד, כדי צו שטאַרקען זיין גלויבען דורך דעם אָנבליק פון די הייליגע ערטער. ער ברענגט צוריק מיט זיך וואַסער פון ירדן, און ווען דער גראף שאַמבאָר ווערט געבאָרען, ווערט דאָס קעניגליכע עופ'עלע געטויפט מיט אָט דעם וואַסער. ער אליין שרייבט:

„עס קען קלינגען מאָדנע אין אונזער צייט צו רעדען וועגען הייליגע נדרים און עולה רגל זיין, אָבער אין די פראַגען, ווי יעדער איינער וויים, האָב איך שוין לאַנג אויפגעהערט צו שעהמען

זיך; נאָך מיט אַ צייט צוריק האָב איך זיך געשטעלט אין די רייען פון די אַבערגלויבישע און „שוואַכזיניגע”. איך בין אפשר דער לעצטער פראַנצויז, וואָס לאָזט זיך אַוועק אין הייליגען לאַנד מיט די אידעען, ציעלען און געפיהלען פון אַ מיטעלאַלטערליכען עולה־רגל'ניק, און הגם איך באַזיץ ניט די טוגענדען, וואָס האָבען באַצירט די נאָבעלע הערען קוסי, נעל, שאַטיליאָן און מאָנפאָר, באַזיץ איך וועניגסטענס זייער גלויבען, און לויט דעם סמן וואָלטען די אַלטע קרייץ־ציגלער זיכער מיך אַנערקענט אלס איינעם פון זייערע.”

דאָ פאַלט ער אריין זעהר אומגעשיקט אין אַ ווידערשפּרוך מיט זיינע אויבען־געבראַכטע ווערטער: „איך בין ארויס אויף יאַגד נאָך בילדער — דאָס אַלץ”.

און אין שאַטאָבריאַנ'ס ערינערונגען („מעמוארען פון קבר”) געפינען מיר אַ וידוי וואָס ווארפט אַ קוריעז ליכט אויף די מאָטיווען און געפיהלען פון דעם כלומר'שטען עולה־רגל'ניק. עס שטעלט זיך ארויס, אז אין זיין יאַגד נאָך בילדער האָט ער געהאַט נאָך אַן אַנדער הינטער־געדאַנק. ער האָט געהאָפט, אז דורך דעם רוהם, וואס ער וועט זיך דערווערבען, דורך זיינע פאָרשונגען און רייזען, וועט ער געווינען די גונסט פון אַ דאַמע, אין וועלכער ער איז פאַרליבט געוועזן. דאָס איז זיך גאַנץ נאַטירליך.. שאַטאָבריאַן איז געוועזן אַ ליידענשאַפטליכער ליעבהאָבער און אָפענהערציג אַמביציעז. און עס וואָלט ניט געדאַרפט איבעררואַשען, ווען ער זאָל האָבען געזאָגט צו זיך: „רוהם און נאָך מעהר רוהם און נאָך פאַרדיענטערען רוהם, כדי איך זאָל איהר מעהר ווערט זיין, כדי צו ווייזען איהר מיין הייסען וואונש איהר ליעבע צו פאַרדיענען.” די דאַמע אַליין, קענטיג, איז אויך געוועזן אַמביציעז פאַר איהם, און זי האָט איהם ערלויבט צו האָפען אַמאָל זי צו באַזיצען, אלס וויי־טע מעגליכע באַלוינונג פאַר באַנייטען פליים און מיה. צוגעבענדיג אפילו, אַז אין דעם איז דאָ עפּעס מיטעלאַלטערליך־שעהנעס, ריטערליכעס, מוזען מיר עס אָבער פּאָרט אָננעהמען אלס באַווייז, אז אין דעם מוח פון דעם מאַן, וואס האָט גערעדט וועגען קרייץ־צוגען און עולה־רגל זיין, אין אָנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט, האָט געהערשט אַ נישקשה'דיגער מישמאַש פון אידעען. און נאָך אַלע־

מען איז שאַטאָבריאַן ניט געווען קיין קירכליכער פּלפּול'יסט; ער איז געווען אַ גדלות'דיגער, שטאָלצער, זעלבסט־זיכערער, צינישער אַריסטאָקראַט, וועלכער האָט מיט חוצפה אָנגעטאָן אויף זיך אַ העלם פון קירכען־קאָליר און איהם געטראָגען ניט נאָר אין געפּעכטען, נאָר אויך אויף ראַנדעוואוס מיט זיינע דאַמען.

אין זיינע „מעמוארען פון קבר" שרייבט ער: „האָב איך אבער אין מיין „רייזע־באַשרייבונג" ווירקליך אַלץ דערצעהלט וועגען דער רייזע, און וועלכער איך האָב זיך אָוועקגעלאָזען פון דעם האַפען פון דעזדעמאָנאַ און אָטעלאָ? בין איך צוגעקומען צו קריסטוסעס קבר מיט תשובה אין הארצען? איינציגער געדאַנק האָט מיר פאַרפאָלגט; איך האָב געצעהלט די מינוטען מיט אומגעדולד; שטעהענדיג אויפ'ן דעק פון מיין שיף, מיט די בליקען, געווענדט צום אבענד־שטערן, האָב איך תפילה געטאָן, אַז דער שנעלער ווינד זאָל מיך טראָגען אַלץ שנעלער, צו רוהם — כדי איך זאָל געליבט ווערען. איך האָב געהאָפט צו געווינען רוהם אין ספּאַרטאַ, אויפ'ן בארג ציון, אין מעמפיס, אין קאַרטאַגאַ, און עס מיטנעהמען מיט זיך קיין אלהאמבראַ. ווען זי טראַכטען וועגען מיר פונקט אַזוי געטריי, ווי איך וועגען איהר דורך דער לאַנגער פּראַבע־צייט?... ווען איך געניס אַמאָל אין געהיים אַ ליכטיגען מאָמענט פון גליק, ווערט ער גלייך פאַרטונקעלט פון די ערינערונגען אָן יענע ווילדע, פאַרפיהרערישע, פאַר'כישופ'טע און משוגענע טעג."

דאָס איז די שפּראַך פון אַ מאָדערנעם טאַנהויזער, וועלכער קוקט צוריק מיט בייִנקשאַפט צום ווענוס־באַרג. שאַטאָבריאַן קען־טיג האָט דאָ איינגאַנצען פאַרגעסען, אַז ער האָט זיך צוגעשריבען געפיהלען און כונות פון אַ מיטעלאַלטערליכען עולה־רגל'ניק. די דאַמע, וואָס האָט איהם געגעבען אַ ראַנדעוואו אין אלהאמבראַ, איז געווען די יונגע מאַדאַם דע־מושי, וועלכע איז שפּעטער געשטאָרבען אין משוגעת. די צייט געניסען באַשרייבען זי אַלס וואונדער פון שעהנקייט, רייץ און פיינסטער עמפּינדליכקייט. שאַטאָבריאַן איז געווען פאַרהייראַט זייט 1792. זיין חתונה איז אָהן ספק געווען אַן איבעראייִלטער און נאַרישער שריט, אבער אַלס געשוואָרענער פאַרטיידיגער פון דער קריסטליכער מאָראַל, האָט ער זיך גע־

דארפט פיהלען געבונדען, אלץ איינס אונטער וועלכע אומשטאַנדען ער זאל ניט האָבען חתונה געהאַט.

אין זיינע „מעמוארען" דערצעהלט ער ווי אזוי עס איז געקור־מען דערצו: „די פארהאנדלונגען זיינען געפיהרט געווארען אָהן מיין וויסען. איך האָב מאדעמואזעל דע לאַווין ניט געזעהן מעהר ווי א דריי־פיער מאָל... איך האָב מיך געפיהלט גאָר ניט פּאַסינג פאר דער ראָלע פון א מאַן. אלע מיינע אילוזיעס זיינען נאָך געוועזען גאַנץ, אומבאַריהרט; און די זאַפטיגקייט פון מיין הארצען איז נאָך ניט אויסגערונען געוועזען; און מיין לעבענס־ענערגיע האָט זיך נאָך פארטאָפּעלט דורך די רייזען. און די מוזע האָט כסדר מיך געמאַ־טערט. מיין שוועסטער האָט זעהר הויך געשעצט מאדעמואזעל דע לאַווין, און זי האָט אין דער הייראַט געזעהן א צוזאַג פון אַן אומאָפּהענגיגער פּאָזיציע פאר מיר. „טו ווי דו פארשטעהסט", — האָב איך צו איהר געזאַגט. אלס עפענטליכער טוער בין איך נאָך קיינמאָל ניט באַאיינפלוסט געווארען, אבער אין פּריוואַטען לע־בען בין איך דער רויב פון יעדען איינעם, וועמען עס פארגלוסט זיך מיך צו נעהמען אין די הענד אריין. כדי אויסצומיידען א מאָ־מענט פון צו דרינגליכקייט, בין איך גרייט צו שקלאַפען א האלבען יאהרהונדערט."

צום גליק, האָט ער זיך ניט געפילט פאר א שקלאַף אין זיין פארהייראַטען לעבען.

אלזא, דאָס האָט ער אלס צוריקגעקומענער עולה־רגל'ניק גע־שריבען דעם עפּאָס. אַן עפּאָס אין 19טען יאהרהונדערט! אין אונזערע טעג וואלט קיינער ניט געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון אזא אונטערנעהמונג. איצט פארשטעהט מען שוין בעסער ווי אמאָל די היסטארישע באַדינגונגען, אונטער וועלכע עס זיינען געשאַפען געווארען די גרויסע פאלקס ווערק פון פארצייטען, און יעדער זעהט שוין איין, אז קיין מאָדערנער פּראָדוקט וואלט ניט געקענט קאָנ־קורירען אין פרישקייט מיט דער „איליאַדע" און אין נאַאיוויטעט מיט דער „אָדיסעע" — הגם א נאַאיוויטעט, וואָס שליסט דוקא ניט אויס גאר א הויכען גראַד פון קולטור. פּונקט ווי קיין אמת'ן פּאָעט וואלט היינט ניט איינגעפאלען נאָכצומאַכען די "וועדאַס", דעם תהלים, אדער דער "וואָלוספּאַ", וואלט איהם אויך ניט געקומען

אויפ'ן געדאנק צו פארמעסטען זיך מיט די אומשטערבליכע ווערק, אין וועלכע די פעלקער, אויב ניט פון באגינען, דאָך אין פריהמאָרגען פון זייער לעבען, ווען זיי זיינען געווען נאָך קינדעריש, אָבער שוין רייף — האָבען דערצעהלט די געשיכטע פון זייערע געטער און פון זייערע העלדען — ווי די גריכען האָבען עס געטאָן אין זייערע נאַציאָנאַלע עפּאָסען, די דייטשען אין דעם „ניבעלונגען־ליעד" און די פינען אין דער (שפּעט געשריבענער) „קאַלאַוואַלא". אזעלכע עפּאָסען, ווי ווירגיל'ס, טאַסאַ'ר, קאַמאָנענס'עס, קלאָפּשטאָק'ס און וואָלטער'ס, זיינען באַוואוסטזיניגע, אויסגעהאָרעוועטע, געקינצעלטע אימיטאַציעס נאָך די אַלטע פאָלקס־ווערק; דאָס נאַטירליך־וואונדערליכע איז פארוואַנדעלט געוואָרען אין טויטע עפּאָס־מעכאַניק און די אימיטאַציעס קענען זיך בשום אופן ניט פארגלייכען מיט זייערע מוסטערן: זיי האָבען נאָר אויף אַזויפיעל ווערט אויף וויפיעל זיי זיינען נאָהענט אין צייט און גייסט צו זייערע מוסטערן. די אימיטאַציעס וואָס נאַאיווער זיי שטעלען זיך, אַלץ קעלטער לאָזען זיי אונז איבער. די עפּישע פּאָעמען, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען אין אונזער צייט און זיינען ניט געווען דורכפאַלען — ווי געטעס „הערמאַן און דאָראָטעא" און מיצקעוויטשעס „פּאַן טאַדעאוש" — האָבען זיך אין גאַנצען אָפּגעזאָגט פון דעם קלאַפּער־געצייג פון אַלטען עפּאָס. אָבער דאָס איז בשום אופן ניט געווען שאַטאָבריאַנ'ס כונה. פּונקט פאַרקעהרט! ער האָט געוואָלט נאָך צוגעבען נייע קלאַפּער־געצייג, כדי אַלע, אַלע זאָלען דערזעהן, אַז דער קריסטליכער אפאַראַט שטייגט ווייט אַריבער דעם פאַרצייטיגען גריכיש־רוימישען.

אַזוי ווי ער באַהערשט ניט דעם פערז, שרייבט ער זיין עפּאָס אין פּראָזאַ; אָבער הגם אַ גרויסער מייסטער אין פּראָזאַ, ווייסען מיר אָבער אין פאָראויס, אַז ער וועט זיך מאַטערן אויסצוקליגלען עפּעס אַ באַזונדערען סטיל — ער וועט טאַפּען, זוכען, נישטערן נאָך ווערטער און טענער. און מיר מערקען טאַקי אַ מישמאַש פון סטילען, עס קרייציגען זיך דורך פאַרשיעדענע אייגפלוסען — האָמער, די אַנטפּלעקונג פון הייליגען יוחנן, דאַנטע און מילטאָן, די קירכען־פאָטערס און סוועטאָניוס. די האַנדלונג קומט פאָר אין צייט פון דיאָקלעטיאַן; אַ העלפט פון די כאַראַק־

טערען זיינען געצענדינער, א העלפט — קריסטען. דער העלד יעוודאר, געווינט דאָס הארץ פון א יונגער געצענדינערקע; ער באקעהרט זי, אוןביידע צוזאַמען שטאַרבען אלס מארטירער אויף דער ארענא פון קאָליזעאום אין רוים. איהר פאָטער איז א גריך, אַ פריעסט פון די האָמערישע געטער. מאנכע סצענעס שפּיעלען זיך אָפּ אין אלטען גאליען.

זיין מיהען זיך נאָכצוהאַלטען האָמערן אין טאָן און סטיל פיהרט איהם צו א סך געקינצעלטקייט און איבערטרייבונגען. פריהער פון אלץ זיינען זיינע גריכען צו פרום. זיי ווייזען ארויס פונקט אזא קינדערשען גלויבען אין זייערע געטער, ווי האָמער'ס העלדען, פון וועלכע זיי זיינען אפּגעטיילט מיט גאנצע עלף יאהר־הונדערטען. די גריכען פון יעוודאר'ס צייטאַלטער זיינען דאָס רוב געווען פאַלשטענדיגע סקעפּטיקער, און די וואָס האָבען נאָך געגלויבט, האָבען געגלויבט על פּי שכל, — ראציאנאליסטיש. שאַ־טאָבריאַנ'ס גריכיש מיידעל באגעגענט יעוודאָר'ען אין וואלד, ווען ער רוהט אונטער א בוים. ער איז יונג און שעהן. ער שפּרינגט אויף, ווען ער דערזעהט זי. „ווער ביזטו?" — שטאַמעלט זי אוים א צעטומעלטע — ביזטו ניט דער יעגער ענדימיאָן?" — „און דו — פרעגט דער יונגערמאַן, ניט וועניגער צעמישט — ביזטו ניט א מלאך?" דאָס זיינען ניט גלאַט העפליכקייטען; זיי ווערען ארויסגערעדט מיט פולען ערנסט. פאַר שאַטאָבריאַנ'ען איז עס געווען די איינפאכסטע זאך, אז אין דעם אויפגעקלערטעסטען לאנד פון דער דאמאלסדיגער וועלט זאלען צוויי פארליעבטע אָננעהמען איינס דאָס אנדערע פאר לעגענדארישע העלדען און איבערנאַטיר־ליכע וועזענס. אין זעלביגען סטיל זאָגט צימאָדאָצע'ס פאָטער צום יונגענמאַן: „גאַסט מיינער, איך בעט דיך אנטשולדיגען מיין אפּענהערציגקייט; איך האָב אלעמאָל געפאלגט דער ווארהייט, ד ע ר ט אָ כ ט ע ר פ ו ן ס א ט ו ר ן און דער מוטער פון טוגענד". נאָך אזוי פריה ווי אין פלאטאנס צייטען האָבען די גריכען גאנץ גוט געקענט ארויסרעדען „וואָרהייט," ניט אָנרופענדיג ביים נאָמען איהר טאַטען.

מיר שטויסען זיך אָן אויף פראזען, וואָס קלינגען ווי איבער־זעצונגען פון האָמער. ווען צימאָדאָצע וויל אויסגעפינען ווער עור־

דאָר איז, זאָגט זי: „אין וואָסער האפען האָסטו פארוואָרפען דיין אַנקער? קומסטו פון צור, באַריהמט דורך דער עשירות פון איהרע סוחרים? קומסטו פון דער שעהנער קאָרינטה מיט קאָסטבאַרע מתנות פון הויז, וואו דו ביזט א גאַסט געוועזן?" א. ז. וו.

דאָס איז נאָך צו דערליידען אין אַ דיאַלאָג, אבער עס איז פשוט אומערטרעגליך, ווען דער אויטאָר, פיהרענדיג די דערצעהלונג אין זיין אייגענעם נאָמען, פאַרגעסט, אז עס טיילען איהם אָפּ גאַנצע 1500 יאהר פון די האַנדלענדע פּערזאָנען, און נעהמט רעדען זייער שפּראַך, אדער נאָך ערגער — באַרגט אויסדרוקען פון די ריטערליכע ראָמאַנען פון מיטעלאַלטער. אָט שרייבט ער, צום ביישפּיעל, אין האָמער'ס סטיל: „וואָס וואלט געשטערט דימאָדאָקס גליק, ווען ער וואָלט געקענט געפינען פאַר זיין טאָכטער אַ מאַן, וואָס זאָל זי באַהאַנדלען מיט כבוד, *האָבענדיג זי אַריינגעפיהרט אין אַ הויז פול אוצרות*", און וועגען ווערלעדאַ, דער קאַטוילישער דרואידין (פּריעסטערין) ווערט אונז דערצעהלט אין עכטען באַלאַדען־סטיל: *אַ קעניגליכע טאָכטער איז ווענינגער שעהן און אַיידעל און מאַיעסטעטיש.*

און ווען דער פּאָעט פאַררעדט זיך מאַנכעס מאָל אין סטיל פון אַ לעצטען האָמעריאַנער, באַצאָהלען איהם זיינע העלדען דערמיט, וואָס גאָר אָפּט דריקען זיי זיך אויס, ווי זיי וואָלטען פאַראויסגעכאַפּט די גאַנצע מאָדערנע בילדונג. דער קריסטליכער בישאָף קיריל, רעדענדיג וועגען די היידנישע מיטהען, זאָגט זיך אַזוינס אָפּ:

„עס וועט אפשר קומען אַ צייט, ווען דער פאַלשער גלויבען פון דער מענשהייטס קינדער־יאָהרען וועט צעביטען ווערן אויף קלוגע שעהנע מעשיות, וואָס וועלען דיענען די פּאָעטען פאַר סוזשעטען."

וואָס פאַר אַן אויפגעקלערטער מענש!

עס איז איבריג דורכצונעהמען דאָס גאַנצע ווערק. דעם אויטאָר'ס גרויסער טאַלאַנט ווייזט זיך קלאָר ארויס אין איינצעלהייטען און אין די אריינגעפיהרטע סצענען. פּרעכטיג איז די באַשרייבונג, ווי אַ גריכישע פאַמיליע קומט מיט אַ באַזוך

צו א קריסטליכער און געפינט זי אין פעלד, קלייבענדיג זאַנגען. די שטעלע איז דורכגעדרונגען מיט אן איינגענאַרטיגען, רעליגיעז־אידילישען חן, וואָס דערמאָנט מגילת רות, און גלייכצייטיג אָטעמט פון איהר א ריין עוואַנגעלישער גייסט. אויסגעצייכענט איז אויך די באַשרייבונג פון וועלעדא׳ס טויט. ער איז געניאַל אין דער שילדערונג פון וועלעדא׳ס געשטאַלט. שאַטאָבריאַן האָט אין איהר אריינגעגעבען זיין גאַנצען פּאָעטישען פייער און רעליגיעזען ברען.

עס זיינען פאַראַן נאָך לענגערע שטעלען, וואָס פאַרדיענען אויפמערקזאַמקייט, ווי די באַשרייבונג פון דער שלאַכט צווישען די פראַנקען און דעם פאַראייניגטען חיל פון די רוימער און גאַלען. געשריבען אזוי פיעל יאָהרען פאַר וואַלטער סקאָט׳ס היסטאָרישע ראָמאַנען, האָבען זיי זייער באַדייטונג אַלס א נייער אויפטו. די נאַציאָנאַלע כאַראַקטערען זיינען בולט ארויסגעבראַכט, און ווי אין אַלע שאַטאָבריאַנ׳ס ווערק זיינען די נאַטור־באַשרייבונגען זעהר פיין.

מען דאַרף נאָך באַמערקען אז ווען שאַטאָבריאַן, אין זיינע „מעמואַרען״, קומט אַרויף אויף „די מאַרטירער״, רעדט ער וועגען דעם ווערק מיט שטאָלצער באַשיידענקייט; ער לייקענט ניט, אז דאָס ווערק האָט חסרונות אין דעם און אין יענעם פּרט און שטרייכט באַזונדערס אונטער, וואָס פאַר א קנאַפּען ערפאָלג דאָס האָט געהאַט אין פאַרגלייך מיט דעם „זשעני פון קריסטענטום״. די פאַרהעלטניסמעסיג קאַלטע אויפנאַמע, וואָס דאָס ווערק האָט באַקומען ביי זיין ערשיינען, שרייבט ער צו דערהויפּט צו די אויסערליכע אומשטענדען. און דעריין איז ער געווען גערעכט. נאַפּאָלעאָנ׳ס באַציהונגען מיט׳ן פּאַפּסט זיינען דאַמאָלס געווען אנגעשטרענגט און פיינדליך. און וואָס שאַטאָבריאַן האָט געשריבען וועגען דידאָקלעטיאַן, אַלס דעם פאַרפאָלגער פון קריסטענטום, האָט זיך געלאָזט אָנווענדען אויפ׳ן קייזער. דאַרט זיינען געווען אָנצוהערענישען אויף נאַפּאָלעאָנ׳ס נידריגע אָפּשטאַמונג, און יוגענד, פאַרבראַכט אין נויט און אָרימקייט, און זיינע שפּעטערדיגע ניט אָנצוזעטיגענדע אַמביציעס אין דער שילדערונג פון גאַלעריוס, און אָנצוהערענישען אויף זיין הויף אין דער באַשרייבונג פון דידאָקלעטיאַנ׳ס הויף.

דערפאַר זיינען „די מאַרטירער" ניט געשטיצט און ניט פאַר־שפּרייט געוואָרען פון דער רעגיערונג, ווי זי האָט עס געטאָן מיט שאַטאָבריאַנ'ס ערשטען ווערק. און די גייסטליכקייט, מיט'ן בישאָף פון שאַרטר בראש, האָט ניט געהאַלטען דאָס בוך פאַר גענוג פרום; פאַרקעהרט, זי האָט דאָרט אויסגעפונען אפּיקורסות. אָבער טראָץ דעם אַלעמען, האָבען „די מאַרטירער" סוף כל סוף זיך דורכגעבראָכען א וועג. פיער אויפלאַגען זיינען אויספאַרקויפט גע־וואָרען אין משך פון א פּאָר יאָהר.

שאַטאָבריאַן האָט געוואָלט באַווייזען מיט זיין ווערק, אַז די קריסטליכע לעגענדע, די קריסטליכע וואונדער־וועלט, טויג זיך ספּעציעל אויס פאַר די צוועקען פון פּאָעזיע; באַוויזען האָט ער אָבער, אַז פאַר אונזערע טעג איז די אָרטאָדאָקס־קריסטליכע פּאָ־עזיע געקומען צו שפּעט.

א כלל איז, אַז די פּאָעטען, וואָס נעהמען זיך באַשרייבען יענע וועלט, האָבען אַלעמאָל מעהר גליק מיט'ן גיהנום, ווי מיט'ן גן־עדן. עס געלינגט זיי בעסער צו שילדערען די יסורים פון די רשעים, ווי דעם תענוג פון די צדיקים. ביי דאַנטע'ן זיינען אם שאַרפסטען געצייכענט אָט די מחנות חוצפּה'דיגע קעפּ, וואָס שטע־קען זיך ארויס פון פלאַקערנדען ים און דערהויבען זיך איבער די גרוילען פון גיהנום. זיי באַהערשען די גאַנצע פּאָעמאַ. פון די פאַר'משפּט'ע פון זיין אונטערוועלט, געדענקען זיך אם בעסטען די איבערמענשליך גאוה'דיגע, פאַרביסענע איטאַליענישע אדעל־לייט פון זיין אייגענער צייט — ווי, למשל, פאַרינאַטאַ. וואָס שייך מילטאָנ'ען, ווערט אַלגעמיין אנערקענט, אַז אם בעסטען האָט זיך איהם איינגעגעבען דער שטן. דאָס איז א מייסטערהאַפטע פיגור. און עס ווערט באַהויפּטעט, ניט אָהן גרונד, אַז אַלס מוסטער פאַר דעם שטן האָבען איהם געדיענט יענע ענערגישע פּוריטאַנישע רע־בעלען, וועלכע, ווען אפילו באַזיגט, פלעגען נאָך אַלץ טראָצען דעם קעניג. יעדער צייט־אַלטער מאָלט לוציפערן לויט זיין אייגענער געשטאַלט. שאַטאָבריאַנ'ס רעבעלישער גייסט איז ניט דער טראַ־דיציאָנעלער טייוועל, נור דער טייוועל, וואָס האָט געמאַכט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. יעדעס מאָל ווען ער און זיין סוויטע עפענען זייערע מיילער, פליהען פון זיי ארויס די שניידענדע לאַ־

זונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע. אין דעם שטן'ס אויפ־רוף צו זיין חיל, הערען מיר מיט איבערראַשונג דעם אָפּקלאַנג פון די טעג פון 1792. נאָך אַ פּאָר איינפיהרענדע ביבלישע פּסוקים פאַלט דער שטן אריין אין סטיל פון די רעוואָלוציאָנערע הימנען, וואָס שאַטאָבריאַנ'ען טוט הנאה זיי איבערצוקרימען.

זאָגט דער שטן: „איהר, געטער פון נאַציאָנען, טראָנען, איהר פייעריגע קריגער, אומבאַזיעגבאַרע רייהען, איהר העלדישע קינדער פון מעכטיגען פאַטערלאַנד, דער טאָג פון רוהם איז גע־קומען!"

העלדישע קינדער פון מעכטיגען פאַטערלאַנד, דער טאָג פון רוהם איז געקומען! — די פראַנצויזישע ליטעראַטור איז דער־גאַנגען אזוי ווייט, אז איהר גרעסטער פּאָעט לעגט אריין די מאַר־סעליעזע אין טייוועל'ס מויל.

און וואָס פאַר אַ מין באַשעפעניש איז דער טייוועל? אַ פונק לעבען באַקומט ער דורך זיין איבערקרימען רוזשע דע־לילע'ן (דעם אויטאָר פון דער מאַרסעליעזע). אַ ניט וואָלט ער געוועזען אַן אַלעגאָרישע פיגור, אָהן בלוט און פלייש, און אָהן ביינער. זעהט, ווי ער לאָזט זיך אַרונטער אין זיין קעניגרייך:

„שנעלער, ווי דער געדאַנק פליהט דורכ'ן רוים, וואָס ווערט אַמאָל פאַרשווינדען (איינמאָל אַ געדאַנק!) שפּאַנט ער וועיט־וועיט אוועק, הינטער די חורבות פון תוהו ובוהו און קומט צו די גרע־נעצען פון יענע געגענדען, וואָס זיינען אזוי אייביג ווי די נקמה, וואָס האָט זיי באַשאַפען — די פאַרשאָלטענע געגענדען, דער קבר און דאָס וויגעלע פון טויט, איבער וועלכע די צייט האָט קיין מאַכט ניט און וועלכע וועלען נאָך עקזיסטירען, ווען דער וועלט־אַל וועט אוועקגעטראָגען ווערן, ווי אַ געצעלט, געשטעלט פאַר אַ טאָג... ער פאָלגט ניט קיין שפּור דורך דעם חושך, אָבער געשלעפּט אראָפּ־צו דורך דעם געוויכט פון זיינע פאַרברעכענס (!), לאָזט ער זיך גאַ ט י ר ל י ך אין גיהנום אַרונטער".

אזוי שטעהט עס טאַקי: נאַטירליך! — אין זיין קעניגרייך איז ער אַרומגערינגעלט פון פיגורען, וואָס זיינען אָדער ריינע אַלע־גאָרישעס — און דאַן ווירקען זיי אַלץ קאָמישער, וואָס שרעקליכער דער אויטאָר וויל זיי מאַכען — אָדער זיי זיינען קאַריקאַטורען

אויף די וואָלטעריאַנער און וואָלטער׳ן, וואָס אין מיטען פון דעם פייערליכען טאָן פון דער פּאַטמאַ מאַכען זיי דעם איינדרוק פון זאַלציגע שטיקלאַך צייטונגס שטאָף, וואָס האָבען פאַרבלאָנדזשעט אַהער על פּי טעות.

דער טויט ווערט באַשריבען אַזוי: „אויפ׳ן שוועל פון אימה׳דיגע טויערן באַווייזט זיך פּלוצלונג אַ געשפּענסט — דאָס איז דער טויט. ער שלאָגט אָפּ ווי אַ טונקעלער פּלעק אַנטקעגען די פלאַמען פון די ברענענדע געפּעננגנים קאַמערן הינטער איהם, לע־בעדיגע געלע צונגען פון העלישען פייער שטעקען זיך אַרויס דורך די שפּאַלטען פון זיין געביין; דער שטן, אין הוילע שרעק, קעהרט אָפּ זיין קאָפּ, כדי אויסצומיידען דעם סקעלעט׳ס קוש״.

און אָט זיינען צוויי אַנדערע טייוואָלים: „צוגעבונדען מיט הונדערט בריליאַנטענע קנופּען (!) צו אַ טראָהן פון בראָנז, זיצט דער טייוועל פון פאַרצווייפלונג און פראַוועט די מלוכה פון וועה... ביים אַריינגאַנג, אין ערשטען פּאָדער־זאַל, ליגט אויסגעשטרעקט די אייביגקייט פון ליידען אויף אַן אייזערנעם בעט; ליגט אָ׳ן ריהרט זיך ניט, אפילו איהר האַרץ שלאָגט ניט; אין איהר האַנד האַלט זי אַן אומאויסשעפּליכען זאַמד־זייגער. זי וויים און רעדט אַרויס נור איין איינציג וואָרט: ק י י נ מ אָ ל״.

עס דערמאָנט אונז דעם אויטאָמאַט אויפ׳ן זייגער, וואָס רעדט אַרויס נור איין איינציג וואָרט: קו־קו.

די דאָזיגע טייוואָלים זיינען ניט ענליך צו קיין זאַך אויף דער וועלט, אָבער די ערדישע פאַרבילדער פאַר די טייוואָלים פון פאַלשער חכמה, לאָזען זיך לייכט דערקענען.

מיר האָבען געזעהן, אַז אַלע אידעען פון יענער צייט אין פּרט פון רעליגיע קענען צונויפגענומען ווערן אין איין וואָרט: אָ ר ד־נ ו נ ג. אָהן אָרדנונג קען זיך אפילו דער גיהנום ניט האַלטען, ווי דער הימעל בכלל. שאַטאָבריאַן האַלט אונז אין איין דערמאָ־נען וועגען דעם. וועגען אַ שטרייט אין גיהנום לייענען מיר: „עס וואָלט געקומען צו אַ שרעקליכער קאַטאַסטראָפע, ווען גאָט, וועל־כער איז דער איינציגער קוואַל פון יעדער אָ ר ד נ ו נ ג, אפילו אין גיהנום, וואָלט ניט געבראַכט די טומלער צום שטיל־שווייגען״. און וועגען טייוועל פון פאַלשער חכמה, ווערט אונז דערצעהלט:

„ער האָט געזוכט פעהלערן אין די ווערק פון אַלמעכטיגען; אין זיין גאוה און פאַרבלענדעניש, האָט ער געוואָלט אַן אַנדער אָ ר ד נ ו נ ג צווישען די מלאכים און אין רייך פון הימלישער חכמה; און דער טייוועל איז דאָס געוואָרען דער פּאַטער פון אַטעאיזם, יענעם גרויליגען געשפּענסט, וואָס דער שטן אַליין האָט ניט געוואָלט איהם געבערען און וועלכער האָט געענדיגט דערמיט, וואָס ער האָט זיך פאַרליעבט אין טויט".

אינטערעסאַנט, אַז דוקא דעם פאַרהאַסטעסטען פון אַלע טייוואָלים ווערט צוגעשריבען דער פאַרזוך צו ענדערן די אָרדנונג, — די ראַנגען פון די מלאכים, די היעראַרכיע און דעם צערעמאָניאַל ביים געטליכען הויף.

שאַטאָבריאַן דערצעהלט: די געמאַכטע שטרענגקייט פון זיין קול, זיין לפנים'דיגע רוהיגקייט נאַרט דעם המון. „פירסטען פון גיהנום, איהר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַלעמאָל געווען קעגען געוואַלט; זיעגען וועלען מיר נור דורך פיינקייט, מילדקייט, דורך אַרגומענטען און איבערצייגען. לאָזט מיך נאָר פאַרשפּרייטען צווישען מיינע אַנבעטער און די קריסטען גופא יענע פּרינציפּען, וואָס צעשטערן די געזעלשאַפט און גראָבען אונטער די יסודות פון מלוכה!"

פאַרגלייכט דערמיט די באַשרייבונג פון די פילאָזאָפען פון יענער צייט:

„אַט די שילער פון פּוסטען וויסען אַטאַקירען די קריסטען, ריהמען דאָס שטילע צוריקגעצויגענע לעבען, ליגען ביי די פיס פון רייכע און שטאַרקע און בעטלען מטבעות. אייניגע פון זיי פאַרנעהמען זיך ערנסט מיט דער אידעע צו שאַפען אַ מין פּלאַטאָנישען שטאַאַט, וואָס זאָל באַזעצט ווערן בלויז פון חכמים, וואָס זאָלען פאַרברענגען זייערע טעג צוזאַמען, ווי ברידער און פריינד; אַנדערע פאַרטיעפען זיך אין די סודות פון דער נאַטור. אייניגע זעהען אומעטום גייסט, אַנדערע זוכען בלויז מאַטעריע; אייניגע, הגם זיי לעבען אונטער אַ מאָנאַרכיע, פּרעדיגען רעפּובליק און פאַרזיכערען, אַז די היינטיגע געזעלשאַפט דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן און איבערגעבויט ווערן לויט אַ נייעם פּלאַן; אַנדערע, נאָכמאַכענדיג די קריסטען, פּרובען לערנען מאָראַל מיט'ן פאָלק. צע־

טיילט וועגען דעם, וואס גוט איז, איינשטימיג וועגען דעם וואָס שלעכט איז, בעלי-גאוות מיט געשוואָלענע קעפּ, האלטען זיי זיך אלע פאר זשעניען, פּלפּול'ען זיי זיך כסדר און קלערען אויס אלערליי משונה'דיגע באגריפען און סיסטעמען. בראש פון זיי שטעהט היעראקל, א מאן וואָס פארדיענט צו זיין דער פיהרער פון אזא באטאליאָן. עפּעס צינישעס, אומפארשעהמטעס איז אין זיין גע־זיכט; עס איז לייכט צו זעהן, אז זיינע אומאיידעלע הענט ווייסען ניט ווי זיך צו באגעהן מיט דעם שווערד פון א סאָלדאט, אָבער זיינען ווי געשאַפען פאר דער פען פון אטעאיסט און דעם שווערד פון תליון."

רעדען רעדט זיך דאָ וועגען רוים און היעראַקל, אָבער עס איז אזוי קלאָר, אז געמיינט זיינען דאָ פּאריז און וואָלטער, אז באווייזען זיינען איבריג.

אָט צו וואָס די פראנצויזישע ליטעראטור איז דערגאנגען: פּארצושטעלען וואָלטער'ן — דעם מאן, וועלכער האָט ניט איינ־מאָל, נאָר צעהנדליגע מאָל ארויסגעשלאָגען דעם שווערד פון די הענט פון די קאטוילישע תליונים און פארלאָשען די שייטער־הויפענס, אויף וועלכע זיי האָבען זיך געקליבען פארברענען אומ־שולדיגע קרבנות — פּאָרצושטעלען איהם אלס איינעם, וועלכער איז ספּעציעל צוגעפּאסט פאר דער מלאָכה פון תליון! און אזוי ווייניג קימערן זיי זיך פאר'ן אמת די גוטזאָגער פאר דער ארטאָ־דאָקסיע, אז זיי מאכען זיך ניט וויסענדיג וועגען וואלטער'ס פעסטער, הארטנעקיגער אמונה אין גאָט, און וועלענדיג מאָלען דעם טייוועל אזוי שווארץ ווי מעגליך, מאכען זיי פון איהם אן אטעאיסט. אָבער וואָס דער שטן און זיינע חברים זאָלען ניט זיין, קיין אטעאיסטען זיינען זיי ניט און קענען ניט זיין*)

לאָמיר זיך איצט ווענדען פון שאטאָבריאנ'ס גיהנום צום גן־עדן. דעם הימעל צו באשרייבען איז זעהר שווער. מיר אלע

---

*) פּאול הייזע דריקט אויס דעם געדאַנק אין א זעהר געראָטענעם עפּיגראם:

„ביזטו שוין גוט, וויל דו גלוביג ביזט?
דער טייוועל איז זיכער קיין אטעאיסט."

ווייסען וואָס דער גיהנום איז, אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגען הימעל, זיינען מיר אין אַ פּאַרלעגענהייט. אינפאָרמאַציע איז קנאַפּ, ווי אַ פראַנצויזישע דאַמע האָט זיך אויסגעדריקט, און טאָפּעלט שווערער איז עס געווען צו יענער צייט, ווען פּאַרני, אין זיין „מלחמה פון די געטער", האָט אין פאָראויס, אַזוי צו זאָגען, אַנגעשריבען אַ פּאַראָדיע אויף יעדען קינפטיגען פאַרזוך פון הימעל־באַשרייבונג. שטיקער פון יענער לעסטערנדער פּאָעמע האָט דאַמאַלס יעדער געבילדעטער מענש נאָך געקענט אויף אויס־ווענינ.

איהרע בעסטע סצענען, ווי די דרייאייניגקייט קומט צו גאַסט אויף'ן באַרג אָלימפּ און ווי די גריכישע געטער באַצאָהלען דערפאַר מיט אַ וויזיט אויף'ן הימעל, זיינען אמת וויציג, הגם דער סטיל, אין ווידערשפּרוך מיט דעם פּייערליכען טיטעל, איז אַזוי גלאַט און פּאָלירט, ווי די בילדער פון „סאַמעטענעם ברעיק־העל." דאָך, אפילו פּאַרני'ס גראָבקייט האָט דעם אָרטאָדאָקסישען הימעל ניט געקענט אַזוי לעבערליך מאַכען, ווי שאַטאָבריאַנ'ס ענטוזיאַזם.

„אין דעם צענטער פון באַשאַפענע וועלטען אין מיטען פון אומצעהליגע שטערען, וואָס דינען אַלע שוץ־גראָבענס, שאַסעען און אַלעען, הענגט די גרויסע שטאָדט פון גאָט, וואָס קיין מענשליך צונג קען איהר וואונדער ניט באַשרייבען. דער אַלמעכטיגער אליין האָט געלעגט איהרע צוועלף ווינקעל שטיינער, און זי אַרומגע־רינגעלט מיט אַ מויער פון יאַספּיר, וואָס קריסטוס'עס באַליעבטער שילער האָט אליין געזעהן די מלאכים זי מעסטען מיט אַ גאָלדע־נעם שטאַב. געקליידט אין דער גלאָריע פון אַלערהעכסטען, שטעהט ירושלים אָן אויסגעפּוצטע, ווי אַ כלה צו דער חופּה... דער רייכער מאַטעריאַל קאָנקורירט מיט דער פּאָלקאָמענער פאָרמע. אין דער לופטען הענגען גאַלערעען פון סאַפּיר און דימענטען, וואָס דער מענשליכער גייסט האָט אין זיין אומבאַהאָלפענקייט געפּרובט זיי אימיטירען מיט די גערטנער פון בבל. און אָט דערהויבען זיך טריאומפאַלע טויערן, געבויט פון שימערירענדע שטערען. זונען־בריקען פלעכטען זיך אָהן אויפהער, דורך די אומ־ענדליכע רוימען, ביז צום הימעל'ס געוועלב..."

אַ געבירטיגען פון קאָפּענהאַגען וועט די דאָזיגע באַשרייבונג גאַנץ שטאַרק דערמאָהנען די פּראַכט פון „טיוואָלי", ווי זי האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיינע קינדערשע אויגען, איינמאָל אין אַ ווינטער־אָוועגט, ווען די סטעליע איז געווען אילומינירט.

שאַטאָבריאַן פיהרט אונז אריין אין דער הייליגער שטאָדט. כּרובים און שׂרפים, מלאכים און אויבער־מלאכים, קאַראַהאָדען פון שדים און טראָגנען קומען זיך צענויף און צוגעהען זיך בּסדר, כּסדר. אָט די אַלע באַשעפענישען, וואס האָבּען, דאַכט זיך, גענאַרפט שוין מורא האָבּען צו ווייזען זיך פאַר מענשען, אום ניט אויסגעשטעלט צו ווערן צום געלעכטער, נאָך די בייזע שפּיצלאָך, וואס פּאַרני האָט זיי אָפּגעטאָן — זיי טרעטען פייערליך ווידער אַרויס אויף דער סצענע. און פון איצט אָן ווערן זיי רעגולערע באַזוכער פון דער מלוכה פון פּאָעזיע. מיר באַגעגנען ווידער זייער גאַנצע מחנה אין „אלהים" פון דע־וויני (1823) און אין וויקטאָר הוגאָ'ס אָדען (צ. ב. ש. בוך 1, אָדען: 5, 9 און 10). אַ דאַנק שאַטאָבריאַנ'ען דערוויסען מיר זיך מיט וואָס זיי זיינען באַשאַפטיגט:

„איניגע פון זיי באַוואַכען די צוואַנציג טויזענד רייטוועגען פון אלהים און צבאות, אַנדערע היטען אדוני'ס פייל און בויגען, און זיינע טויזענדע בּליצען, און זיינע מורא'דיגע פּערד, וואָס ברייננען פּעסט, מלחמה, הונגער און טויט. אַ מיליאָן פון די דאָזיגע פליסיגע באַשעפעניסען פיהרען דעם גאַנג פון די שטערן, בייטען אָפּ איינע די אַנדערע אין זייערע גראַנדיעזע פליכטען, ווי די וואַכענדע וועכטער פון אַ גרויסער אַרמעע."

בּיי פּאַרני זיינען זיי אַ סך וועניגער באַשעפטיגט:

„אָה, שאַנד, אָה שפּאָט! מען פּאַטשט די אַלמאַכט, מען וואַרפט צו דער ערד די צעהן טויזענד גייסטער, וואָס האָבען פיגורירט אין די פּראָצעסיעס און מען קעהרט איבער דעם כּסא הכבוד; מען טרעט אויף די פּיס די הערשאַפטען און דער בוקעט פון טוגענדען ווערט צושאָטען... און מען שליידערט אויף די פּנים'ער, טרעפט ווער? די כּרובים־קעפּלאַך, מיט די פעטע גוידערלאַך, מיט די פורפור־ליפּלאַך.." (פּאַרני, „די מלחמה פון די געטער, ליעד 10.)

זייער בליכט, מחמת זייער באגרענעצטען שכל, איז הויפּט־זעכליך צו דיענען אלס דעקאָראַציעס. זיי שטעהען אין רייהען ביי די ווענד און גלאָצען די אויגען.

זיי זיינען באשטימט נישט מעהר ווי צו באפּוצען די שטאַפּלען פון כסא הכבוד, און דערמיט שטעלט זיך צופרידען זייער אינטעליגענץ, ווי אויך אונזערע בעלער די מענשליכע בהמה׳לאך, וואָס מיר רופען זיי: די שעהנע טעפּיכער.

די אלע זאכען, וואָס שאַטאָבריאַנ׳ס מלאכים היטען, זיינען אָנגעלעגט ווי א גרויסער האנדקאמער, אום צו באנוצען זיי, ווען מען באדארף. אָט איז א באשרייבונג פון דעם נוץ, וואָס מען האָט פון זיי. דאָס איז ביי דער געלעגענהייט, ווען די דריי־איינינקייט זאָגט אָן די צדיקים, אז די מארטירערשאפט פון היי־ליגען יעוודאר דערנעהענט זיך:

„ווען דער שיקזאל פון דער קירך איז מיטגעטיילט געווארען צו די דערוועהלטע דורך איין איינציג וואָרט פון אלמעכטיגען, האָבען די מלאכים געוואָרפען זייער מלאכה, און שטילקייט האָט געהערשט אין הימעל אויף א האלבע שעה. אלע הימלישע באַ־שעפעניש׳ען האָבען אראָפּגעלאָזען זייערע אויגען צו דער ערד. פון דער הימלישער הויך האָט מאריע די ערשטע געלאָזט פאלען א ליבעס־בליק אויף דעם שוואכען קרבן, וואָס וועט באלד אנ־פארטרויט ווערען איהר צערטליכקייט. די לולבים פון די תשובה־עמפאנגער האָבען ווידער געמומען גרינען אין זייערע הענד. און די הייליגע מחנות האָבען געעפענט זייערע רויהען צו מאַכען פּלאַץ פאר די נייע מארטירער. — מיכאל, דער דראכען־טויטער, האָט אָנגעטאָן זיין מורא׳דיגען שפיז, און זיינע אומ־שטערבליכע באגלייטער האָבען אָנגעצויגען זייערע בויגענס; און די דימענטענע און גאָלדענע שילדען, און גאָטס פיילען, און די פלאמענדע שווערדען זיינען אראפּגענומען געווארען פון הימעל׳ס־געוועלב; און די רעדער פון עמנואל׳ס רייטוואָגען האָבען זיך גענומען דרעהען אויף די אקסען פון פייערען און בליצען; און די כרובים האָבען צעשפּרייט זייערע רוישענדע פליגלען און האָבען אָנגעצונדען די פלאם־פייערן פון זייערע אויגען.״

האלב — מאַסקאַראַד און האלב — באַלעט!

ווען שאַטאָבריאַן גײט איבער פון די אַלע בײזאַכען צו דער זעליגקייט פון הימעל־רײך צו דער באַשרײבונג פון זעליגקייט גופא, האָבען מיר אַזא בילד:

„דאָס העכסטע גליק פון די באַקערהטע איז אין דעם, וואָס זייער תענוג איז אומבאַגרענצט. שטענדיג אין א געהויבענעם געמיט, ווי דער צושטאַנד פון א שטערבליכען, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעטאָן אַ גאָבעלען, העלדישען אקט, אָדער פון א זשעניע, וועמען עס האָט אויפגעלויכטען א גרויסער גלויבען, אָדער פון א מענשען, וואָס לעבט דורך די אנטציקונג פון געזעצליכער(!) ליעבע, אָדער פאַרזוכט פון דער פריינדשאַפט, וואָס איז אויסגע־שטאַנען די פּראָבע פון אומגליק. די פראַכט און אַלמאַכט פון אַלערהעכסטען זיינען די טעמען פון זייערע געשפּרעכען. אָה גאָט, רופען זיי אויס, ווי גרויס דו ביזט!"

שאַטאָבריאַנ'ען איז ניט געלונגען צו מאַכען דעם הימלישען גליק באַזונדערס אינטערעסאַנט. פיהלסט כמעט רחמנות צו דעם אָרימען גאָט, וואָס איז נעבאַך געצוואונגען אייביג אויסצוהערען לויב־געזאַנגען פאַר זיין ליעבען נאָמען. ער אליין ווערט אַזוי באַשריבען:

„ווייט פון די מלאכים'ס בליקען, אין געביט פון פייער און ליכט, פאַרענדיגט זיך כסדר די מיסטעריע פון דריי אייניגקייט. דער הייליגער גייסט שטייגט און זינקט פון זוהן צום פאָטער און פון פאָטער צום זוהן און באַהעפט זיך מיט זיי אין אומדורכ־דרינגליכער טיפעניש. א פייעריגער דרייעק באַווייזט זיך ביים ארייגאַנג צום קדשי קדשים. די פאַרציטערטע ספערען שטע־לען אָפּ זייער לויף, די הושענא'ס פון די מלאכים ווערן אנט־שוויגען... דער פייערדיגער דרייעק פאַרשווינדט, דער פּרוכת דעקט זיך אויף און די דריימאַכט ווערט זיכטבאַר. דער פאָטער זיצט אויף א וואָלקען־טראָן, מיט א קאָמפּאַס אין זיינע הענד, מיט א ספערע אונטער זיינע פיס; רעכטס פון איהם זיצט דער זוהן, מיט בליצען באַוואָפענט, לינקס דערהויבט זיך דער הייליגער גייסט, ווי א פייער־זייל. יהוה גיט דעם צייכען און די צייט, א באַרוהיגטע, נעהמט אויף איהר לויף."

מען זאָגט אונז ניט אויס, וויפיעל מאָל אין טאָג, אָדער אין

וואָך, אָדער אין חודש. שפּיעלט זיך אָפּ דער פייערליכער צערע־מאָניאַל. מעגליך, אז אין די הפסקות, וואָס רייסען איבער די מיסטעריע פון דעם דרייאייניגקייט, איז די גאָטהייט צעטיילט אין זיך, וואָרים מאַנכעסמאָל קומט זי אונז פאר א צעטיילטע. „דער גאָט פון גנאָד און פרידען טוט תפלה פאר דער באדראָהטער קירך, און גאָט דער אימה'דיג־מעכטיגער לאָזט וויסען זיינע באַ־שיידען צו די פארזאמעלטע צבאות פון הימעל."

פארגלייכען מיר ביי פּארני:

„זיינען זיי געווען דריי אָדער איינס? דריי אין איינס — איך האָף, איהר פארשטעהט? מאָלט אייך א בכבודען פּאָטער, מיט א ליכטיגען שטערן, מיט עטוואָס א וואָכעדיגען פּנים, וואָס איז ניט שעהן און ניט מיאוס, אָבער גאַנץ יונג פאר זיין עלטער. ער זיצט זיך פעסט אויף די וואָלקענס... פון זיין רעכטער האנד פליהט עפּעס א טויב, מיט א שיין ארום קעפּעל... אויף זיינע קניה רוהט א לעמעלע, שעהן, פריש, דעליקאַט, גוט אפּגעצוואָגען, מיט א ראָזעווען בענדעל ארום האלז, און אויף איהם פאלט אויך דער שיין פון דער טויב. אָט ווי אזוי די דריי־פּנים'דיגקייט האָט אויסגעזעהן."

און צוריק צו שאַטאָבריאַנ'ען:

ביי געוועהנליכע געלעגענהייטען זיצט דער זוהן ביי א מיס־טישען טיש, און פיער און צוואַנציג עלטסטע, געקליידט אין ווייסען, מיט גילדערנע קרוינען אויף זייערע קעפּ, זיצען אויף טראָנען ביי דער זייט. הארט דערביי שטעהט א לעבעדיגער רייטוואָגען, וואָס זיינע רעדער שיסען פייער.

„און ווען דער מענשען־זוהן, דער דערוואַרטעטער פון די נאַציאָנען, ווירדיגט די דערוועהלטע מיט דעם כבוד אָנצוקוקען זיין אמת'ע געשטאַלט, פאַלען זיי פאר איהם ווי טויט. אָבער ער שטרעקט אוים זיין רעכטע האנד און זאָגט צו זיי: שטעהט אויף, איהר געבענשטע פון מיין פּאָטער! קוקט אויף מיר! איך בין דער ערשטער און דער לעצטער!"

מיר פיהלען, אז די פארשטעלונג פארלירט א סך אין אינ־טערעס דורך די שטענדיגע ווידערהאָלונגען.

וואלדעמאר אטהערדאב וואלט אודאי געבעטען גאט אפצור־געבען זיין הימעלרייך שאטאבריאנ׳ען.

אלסביישפיעל פון די וואונדער, וואס געשעהען אויפ׳ן הימעל, קען דערמאנט ווערן, אז די בגדים פון די הייליגע זקנים ווערען אפגעוויישט אין דעם בלוט פון לאם. אבער ניט געקוקט דערויף, וואס דער הימעל איז אנגעפיקעוועט מיט וואונ־דער און די איבערנאטירליכקייט שפיעלט איהר שפיעל, האט שאטאבריאן דאך געצאהלט צינז צו דעם גייסט פון זיין צייט: מיר הערען אויף זיין הימעל פון נאטור־געזעצען, און דאס זאגט עדות, אז דאס ווערק איז פארט א מאדערן ווערק. ער דערצעהלט אונז, אז די צדיקים גארען צו וויסען, ווי אזוי שווערע קערפער טראגען זיך אזוי לייכט דורך דער עטהער. דא האט ער ווי פאראויסגעזאגט דעם שטאנדפונקט פון בייראנ׳ס „קין".

פון מאהלערישען שטאנדפונקט איז אינטערעסאנט צו באמערקען מיט וועלכע בילדער שאטאבריאן באנוצט זיך צו געבען אונז א באגריף וועגען דער פראכט פון גן־עדן, — ד. ה. ווען ער בארגט זיי ניט דירעקט פון דער „אנטפלעקונג פון הייליגען יוחנן" אדער פון מילטאנ׳ען. ווען דאנטע מאכט דעמזעלביגען פארזוך באדינט ער זיך מיט די רעליגיעזע וויזיאנען, מיט די מיסטישע ראזען, וואס די בויער פון די גאטישע קאטעדראלען האבען געפרובט אימיטירען מיט אזעלכע ארימע רעזולטאטען. אבער שאטאבריאן, דער מאן פון מאדערנע אידעען און מיט א סך וועלט־ערפאהרונג , באהעלפט זיך מיט זיינע רייזע־איינדרוקען. די הימלישע באלקאנען פארגלייכט ער מיט די גערטנער פון בבל, מיט די זיילען פון פאלמירא אין זאמדיגען מדבר. ווען די געבענשטע גייסטער טראגען זיך דורך דער באשאפענער וועלט, ווערן די סצענען וואס עפענען זיך פאר זייער בליק באשריבען אזוי:

„און עס ווייזען זיך פאר די אויגען פון די רייזענדע די ברייטע פלאכבערג פון אינדיען, די פרוכטבארע טאלען פון דעלפי און קאשמיר, און די ברעגען, באדעקטע מיט פערל און שמעקענדע אמבריא, וואו שטילע כוואליעס לעגען זיך רוהען צופוסענס פון בליהענדע צימרינג־בוימער."

אַזאַ בילדליכקייט איז אַביסעל צו־רעאַליסטיש פאַר אַזאַ געהויבענעם סוזשעט. עס איז פריקרע פאַרצושטעלען זיך מיכאל׳ן און גבריאל׳ן שפּאַצירענדיג איבער אינדיען. אבער אַזוי איז די נאַטור זיך נוקם אָן דעם מענשען, וועלכער מיינט אַז ער קען זי אַוועקמאַכען מיט דער האַנד און שאַפען עפּעס העכערעס פון איהר. אַ שפּעטערידגער אויטאָר פון דערזעלביגער שולע, וועלכער האָט געשריבען אונטער דעם טאָפּעלטען איינפלוס פון אָסיאַן און מילטאָן, פאַרגלייכט דעם עטהער פון די הימלען מיט די נעבלען פון די שאָטלאַנדישע בערג. און ווען דער מלאך עלאָאַ דערבליקט פון ווייט ווייט די אומקלאָרע געשטאַלט פון לוציפערן, פאַרגלייכט ער די זעהונג צו אַ פלאַטערנדען פלעד פון אַ וואַנדערנדער שאָטלאַנ־דערין, וואָס ווייזט זיך צווישען די שווימענדיגע וואָלקענדלאַך, וואָס לאָזען זיך פון די בערג־שפּיצען אַראָפּ. עס איז נישקשה פון אַ מהלך צווישען אַ מלאך און אַ פלעד!

די לאַנדשאַפטען, וואָס די דאָזיגע גרופּע פון אויטאָרען באַ־טראַכט פאַר אידעאל פון שענקייט, איז ניט דער אַנגעוואָרפענער לאַנדשאַפטען־כאַאָס פון די דייטשע ראָמאַנטיקער; ניין, וואָס זיי באַוואונדערן איז גן־עדן־לאַנדשאַפט, וואו עס הערשט — אין איינקלאַנג מיט דעם גייסט פון דער צייט — שטרענגע אָרדנונג. סימעטריש, אַרכיטעקטאָריש, ווי אַ צעשפּרייט בילד פון קלאָוד לאָרען. נעהמען מיר, צום ביישפּיעל, דעם אָנהויב פון דע־ווינִי׳ס מיסטעריע „דער מבול”.

„די ערד האָט געשמייכעלט אין איהר ערשטער בליהונג. דער טאָג האָט זיך געלויכטען נאָך מיט יענעם ליכט, וואָס האָט באַשיינט דעם הימעל־געוועלב, ווען גאָט האָט איהם אַראָפּגע־וואָרפען פון זיינע שעפערישע הענד, כדי צו באַפּוצען מיט איהם זיין שעפונג. און די גאַנצע נאַטור איז געווען אין איהר אור־שפּרינגליכער פאָרמע, איידער זי איז קאַליע געוואָרען דורך אומ־נאַטירליכקייט. און די ס י מ ע ט ר י ש ע גראַנדיעזע אַר־כיטעקטור פון די בערג האָט זיך געהויבען מיט ג ל י י כ ע שוועלען צום הימעל, און יעדעס רינגעלע פון קייט איז געווען אויף זיין אָרט. און די טייכען, אין זייער שטראָמען צו די ימים, זיינען ר ע ג ו ל י ר ט געווען אין פולסטער אָ ר ד נ ו נ ג,

וואָס איז קיינמאָל פון קיין זאַך ניט געשטערט געווען. און קיינמאָל האָט אַ רייזענדער ניט געפונען קיין בלישצענדען מויערקאָפּ, ווייט פון אַ טייך, אונטער די בלעטער פון אַ בוים. דער פּערל האָט געהויזט אין זיין קריסטאָלענעם פּאַלאַץ, און יעדער אוצר האָט גערוהט אין דעם עלעמענט, אין וועלכען ער איז באַשאַפען געוואָרען, און האָט קיינמאָל ניט עובר געווען אויף דעם געטליכען פאַרבאָט."

אַט די פאַרליעבטע פאַר מוסטערהאַפטע, אידעאַלע לאַנדשאַפטען, וואָס טרעפען זיך גאַר ניט אין דער ווירקליכקייט, האָט געטריבען די אויטאָרען צו פאַרוואַרפען זייערע ווערק אַלץ עפטער אין די הימלען אריין.

שאַטאָבריאַן בלייבט נאָך אַלץ דער גרויסער מייסטער אין באַשרייבען סיי ערדישע און סיי הימלישע לאַנדשאַפטען.

די האַנדלונג פון דע־וויני'ס פּריסטעל־פּאָעמען קומט פאָר אין עכטען שרפים־סטיל, אויפ'ן מיטען וועג, צווישען הימעל און ערד.

דער האַנדלונגס־אָרט פון וויקטאָר הוגאָ'ס אָדע, „לואי דער 17טער" זיינען די טויערן פון הימעל; פון דער „זעהונג" — דער סאַמע הימעל, — ירושלים של מעלה. אין דער „זעהונג" שטויסען מיר זיך ווידער אָן אויף דאָס באַקאַנטע בילד: דריי שרפים־רייטוועגען, באַזעצט מיט אויגען, וואָס וואַרפען פונקען, „מיט רוישענדע פלאַמענדע רעדער, מיט פייער זיך דרעהענדיגע פליגלען". עס באַווייזען זיך אויך דאָרט, „הייליגע און מאַרטירער, וואָס בוקען זיך צום אומבאַוואוסטען וועזען פון אַלע זאַכען און פאַרקוקען זיך צום מיסטעריעזען דרייעק, אונטער די פלאַקערנדע הימלען א. אז. וו.".

און הגם לאַמאַרטין, אין זיינע ערשטע ווערק, לאָזט פאַלען זיין אויג מיט ליעבע אויף ערדישע סצענען, שוועבט ער כסדר אויך אַוועק אין זיינע הימנען צום הימלישען עטהער, וואו, ווי ער דערצעהלט אונז, די הייליגע פּאָעזיע הו״זה, „געקרוינט מיט פּאַלמען און שטערן".

לאָרד בייראָן, וועלכער האָט אויך, ווי דע וויני, געשריבען אַ פּאָעמע וועגען מבול („הימעל און ערד"), האָט אויך אַ שוואַכ־

קיינמאָל צום עטהער, ווען ניט אפילו צום טעאָלאָגישען עטהער פון די הימלען; אָבער זיין הארץ ציהט איהם צום שטורמישען פייער, און ערשט אלס מאהלער פון ים, געפינט ער זיין אמת'ען באַרוף. ער האָט אראָפּגעבראַכט די פּאָעזיע פון דער לופטען און זי אָפּגע'טובל'ט אין פרישען געזאַלצענעם עלעמענט.

שאַטאָבריאַנ'ען, אַלזאָ, איז קוים געלונגען צו באַווייזען דאָס, וואָס האָט זיך איהם אַזוי געוואָלט באַווייזען, — אַז קריסטענטום איז אַ רייכערער קוואַל פון פּאָעטישער אינספּיראַציע, ווי געזונטע ריינע מענשליכקייט. יעדעס מאָל, ווען ער מאַכט אַ פּאַרזוך עס צו באַווייזען, קומט ער צו קורץ אין כוחות, דעקט אָפּ זיינע אייגענע חסרונות און פאַר'משפּט זיך אַליין און זיין פּאַרזוך. איך וועל ברייגען נאָך איין שניידענדען ביישפּיעל.

זיין העלד יעוודאָר פאָהרט אָפּ מיט'ן ים־בוזים פון מעגערא. עגינא איז פאַר זיינע אויגען, פּיריי רעכטס און קאָרינטה לינקס. ער זעהט די אַלע דריי שטעדט, וואָס האָבען אַמאָל אַזוי געבליהט און איצט ליגען זיי אין חורבות. אַ גריך, וואָס געפינט זיך אויך אויפ'ן שיף, איז גערירהט ביז טרערען, ווען ער דערמאָנט זיך דעם אַמאָליגען רוהם פון זיין פאָטערלאַנד. און שאַטאָבריאַן גיט דאָ אַן אויסגעצייכענטע באַשרייבונג, ווי אַזוי אַ יחיד פיהלט, אַז זיינע פּערזענליכע זאָרגען און וועהען פאַרשווינדען פּנים אל פּנים מיט אַן אומגליק, וואָס טרעפט אַ פאָלק. וואָס פאַר אַ ווערט האָבען פּערזענליכע פריידען און ליידען אַנטקעגען אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס צושמעטערט גאַנצע פעלקער! און יעוודאָר זאָגט דערביי: „אַזאַ אידעע, דאַכט זיך, איז העכער פון מיין יוגענדליכען באַגריף, דאָך האָב איך זי פאַרשטאַנען און באַגריפען, בעת אַנדערע יונגע לייט, וואָס זיינען מיט מיר אויפ'ן שיף, זיינען געבליבען גלייכגילטיג דערצו. פון וואַנען אַזאַ נפקא מינה צווישען מיר און זיי? פון אונזערע רעליגעס. זיי זיינען געצענדיענער, און איך בין אַ קריסט".

שאַטאָבריאַן וויל דאָ, קענטיג, אַנדייטען, אַז פאַרשטענדניס פאַר דער נאַטור און פאַר דער מאָראַל, וואָס זי לערנט אונז, קומט מיט'ן קריסטליכען געפיהלס־לעבען, בעת דער געצענדינער בלייבט פרעמד און קאַלט צו דער נאַטור.

אָבער שאַטאָבריאַנ'ס אויספיהר פּאַרלירט זיין גאַנצע קראַפט, ווען מיר דערוויסען זיך, אַז די אויבען־געבראַכטע ציטאַטע איז אַ בוכשטעבליכע איבערזעצונג פון אַ באַריהמטען בריף, וואָס איז דערגאַנגען צו אונז פון פאַרצייטען — אַ בריף געשריבען פון סולפּיציוס צו ציצעראָ*) — פאָלגליך געשריבען פון אַ געצענדינער. הייסט עס, אַז דאָס זיינען געפיהלען פון אַ געצענדינער, און מיר קענען בשום אופן ניט עס אָננעהמען פאַר אַ באַווייז, אַז דעם געצענדינער פעהלט דער פּאָעטישער חוש. דאָס איז סימבאָליש פאַר שאַטאָבריאַנ'ען. דורך אַלע זיינע ווערק פּראָקלאַמירט ער, אַז די דאָגמאַטישע רעליגיע באַזיצט געוויסע איבערנאַטירליכע מעלות און שענקייטען, וואָס די פּשוט'ע מענשליכע נאַטור האָט פאַר זיי קיין אויער און קיין אויג ניט; דאָך אַלץ, וואָס אין יענער רעליגיע איז פון פּאָעטישען אָדער מאָראַלישען ווערט, איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי דער אויסדרוק פון דער מענשליכער נאַטור. ווי פייערבאַך פאָרמולירט עס: „יעדע לעהרע וועגען גאָט איז אין גרונד גענומען אַ לעהרע וועגען דער מענשליכער נאַטור."

וואָרפענדיג ווידער אַמאָל אַ בליק אויף דאָס דאָזיגע האַלב־דרייסטע, האַלב צערעמאָניעלע ווערק — „די מאַרטירער" — מוז מען זיך מודה זיין, אַז אויף וויפיעל עס איז אַ פּאַרזוך צו שילדערן די איבערנאַטירליכע וועלט פון קריסטענטום, איז דאָס ווערק אַ דורכפאַל, וואָס אַגב שאַטאָבריאַן אַליין גיט צו אין זיינע „מעמואַרען". די טיילען, וואָס האָבען יאָ אַ ווערט, זיינען די יעניגע, וואָס באַהאַנדלען ריין־מענשליכע שטאָף. און דאָס ריין־מענשליכע דאַרפען מיר נאָך קריטיש באַטראַכטען.

עס איז ניט מעהר ווי נאַטירליך, — ניין, עס איז געווען אומפאַרמיידליך, אַז דער סקעפּטיציזם, די גלייכגילטיגקייט פון דעם צייטאַלטער צו אַלץ, וואָס שמעקט מיט וואונדער, זאָל לאָזען אַ גאַנץ קענטיגען שפּור אויף די ווערק פון אַן אויטאָר, וועמעס רעליגיעזער ענטוזיאַזם איז ניט געווען פון דעם עכטען, נאַאיווען

*) „אַד פאַמיליאַרעס", בוך 4, בריף 5.

סאָרט, נאָר הויפּטזעכליך דער רעזולטאַט פון באַשלוס, פון אויס־גערעכענטקייט.

מען קען ניט זאָגען, אז שאַטאָבריאַן איז געווען א באַוואוסט־זיניגער היפּאָקריט. ער האָט זיך אַליין גענאַרט. אין דער חנ'עוודיגער אויטאָביאָגראַפישער שריפט, וואָס ווערט אַלגעמיין אַנערקענט, אַלס ראַיעל, — „דער צויבער פון צניעות" פון מאַדאַם דע סאַמאַן, אָדער מאַדאַם אַלאַרט דע מעריטענס, די לעצטע פרוי, וועמען שאַטאָבריאַן האָט געליעבט און וועלכע האָט איהם גע־ליעבט — אין דער דאָזיגער שריפט האָבען מיר א באַווייז, ווי שאַטאָבריאַן פלעגט אַליין גערירט ווערען ביז טרערען, לייענענדיג „די מאַרטירער"

די דאַמע דערצעהלט אונז, ווי אין זומער פון יאָהר 1828 פלעגט זי זיך באַגעגענען מיט שאַטאָבריאַנ'ען אויפ'ן אויסטער־ליצער בריק אין פּאַריז און דערנאָך מיטאָגען צוזאַמען אין „זשאַרדען דע פּלאַנט" (באָטאַנישען גאָרטען), אין א פּריוואַט־צימער.

„ער פלעגט באַשטעלען שאַמפּאַניער, כדי אונטערצושטאַר־רעמען מיין קאַלטקייט, ווי ער פלעגט זאָגען. און דערנאָך פלעג איך זינגען בעראַנזשע'ס לידער — „מיין נשמה", „די גוטע אַלטע", „דער גאָט פון די גוטע" א. ז. וו. און ער פלעגט הערען מיט אנטציקונג."

זי באַשרייבט די באַגעגענישען מיט א סך וואַרימקייט*) און זי דערמאָנט דערביי, אז עס איז געווען שאַטאָבריאַנ'ס גרעס־טער פאַרגעניגען צו הערען זי פאַרלייענען פון זיינע ווערק. (אין דעם בוך און אנדערשוואו ווייזט זיך מאַדאַם סאַמאַן פאַר אַן אויסגעצייכענטער פאַרשטעהערין פון ליטעראַטור). באַזונדערס

*) „אין דעם צושטאַנד איז ער געווען מעהר פאַרליעבט, מעהר באַלעבט; ער פלעגט זאָגען, אַז איך שאַף איהם די וואונדערליכסטע פרייידען, פלעגט מיך רופען פאַרפיהרערין, א. ז. וו. און אין דעם דאָזיגען איינזאַמען פלאַץ פלעגט ער טאָן מיט מיר וואָס ער האָט געוואָלט". (מאַדאַם דע סאַמאַן „דער צויבער פון צניעות" מיט א פאָררעדע פון זשאָרזש זאַנד. 1873—66).

האָט ער ליעב געהאט צו הערען פון איהר מויל זיינע נאטור־באשרייבונגען.

„אָבער מאַנכעסמאָל. דערצעהלט זי, אום נאָך שטאַרקער איהם צו ריהרען, פלעג איך ארויסנעהמען זיינע „מארטירער" און איהם פארלייענען די רעדעס און תפלות און דאנק־הימנעס פון די קדושים אָדער די הארצרייסענדע געפענגנים און מארטער־סצענען. דאן פלעגט ער זיך ניט קענען איינהאלטען פון טרערען. איין טאָג האָט ער זיך צעוויינט, און איך האָב ווייטער געלייענט. ער האָט געזיפצט און געכליפעט, און איך האָב אלץ געלייענט. און ווען איך בין דערגאנגען צו דער שטעלע, וואו יעוודאָר באָט זיך אָן אין געהיים פאר א קרבן, כדי צו ראטעווען די נשמה פון זיין מוטער, וועלכע איז געווען צו שוואך אין איהר ליעבע און רחמנות צו איהרע קינדער, האָט שאטאָבריאן שוין ניט געקענט אויסהאלטען, און ער האָט אויסגעבראָכען אין א יאָמער. זיינע הארצענסקוואלען האָבען זיך געעפענט. ער איז אויפגערודערט געווארען ביז צו דער טיפעניש פון זיין געמיט. קומענדיג צו זיך, אויסגעמאַטערט פון וויינען, האָט ער מיט א שוואכען קול מיך באדאנקט, געזאגט, אז ער האָט קיינמאָל ניט געשפירט אזא תענוג, געגעבען מיר די צערטליכסטע נעמען, וואָס די מענער גיבען צו די מוזען, גערופען מיך שעהנינקע, רייצענדע, באזונדערסט געלויבט מיינע אויגען, זייער אויסדרוק, גלויבענדיג אין זיין התפעלות, אז ער האָט גאר קיינמאָל אזוינס ניט געזעהן."

די דאמע איז דאמאָלסט אלט געווען ביי צוואַנציג, און שאטאָבריאן פונקט זעכציג יאָהר.

פון דער ציטאַטע איז צו זעהן, אז אפילו אזעלכע קאלטע שטעלען אין די „מארטירער", ווי די רעדעס פון די באַקיטעלטע זקנים, זיינען ווירקליך ד ו ר כ ג ע פ י ה ל ט געווען פון פאָעט. מיר באוואונדערען דעם ענטוזיאזם פון אזא יונגער איידעלער דאמע פאר אן אלטען מאן, און עס שטארקט אונזער רעספעקט פאר דעם מאן, וועלכער איז אין אזא עלטער נאָך בכח געווען צו געווינען דאָס הארץ פון אזא פרוי. אָבער אונטער וואַסערע מאָדנע אומשטענדען דער דאָזיגער ליידענשאפטליכער אויסברוך האָט מיט איהם פאָסירט — א פאָסירונג אזא זעלטענע ביי

שאַטאָבריאַנ׳ען, אז זי קען כמעט אנגערופען ווערען די איינציגע! שאמפאַניער, לידער פון זיין פּאָליטישען און רעליגיעזען געגנער בעראַנזשע, ליבעס־ערקלערונגען און ליבעס־צערטליכקייטען, טרערען און זיפצען איבער „די מאַרטירער” און נאָך מעהר ליבעס־צערטליכקייטען! וואָס פאר אן אויסשטאַטונג פאר אן עפּאָס פון אָרטאָדאָקסיע! וואָס פאר אן איבערפלוס פון פּשוט׳ער מענשליכער לוסט פאר א שרפים־פּאָעט, געוועזענער מיניסטער און עולה־רגל׳ניק קיין ירושלים!...*)

„די מאַרטירער” ווייזען שאַטאָבריאַנ׳ס שוואכסטע זייט אלס פּאָעט: די נאַר וואָס געבראַכטע סצענע מיט מאַדאם אלאַרט דע מעריטעֿנס — באשריבען פון איהר מיט די בעסטע כוונות — ווייזט אונז זיין שוואַכסטע זייט אלס מענש. אָבער דאָך דער דאָזיגער אויסברוך מאַכט אויף אונז א סך א גינסטיגערן איינדרוק, ווי די געקינסטעלטקייט, מיט וועלכער ער צייכענט זיך געוועהנליך אויס. גאָט און קעניג ליגען איהם צו אָפּט אין מויל. מיר טאָרען פונדעסטוועגען ניט צוליעב אָט דער געקינסטעלטקייט פארזעהן דאָס אמת גרויסע אין די ווערק און אין לעבען פון אָט דער טאלאנטפולער פּערזענליכקייט.

אום צו קריגען א פולען איינדרוק פון שאַטאָבריאַנ׳ען, דארף מען לעזען די צוועלף בענדער פון זיינע „מעמוארען פון קבר” מיט די אלע צוגעגעבענע צו זיי בענדער. פונקט ווי רוסאָ׳ס „וידוי” איז דאָס אינטערעסאנטסטע פון אלע זיינע ביכער, אזוי זיינען אויך שאַטאָבריאַנ׳ס „מעמוארען” דאָס באדייטענדסטע פון אלע זיינע ווערק. מיר זעהען דאָ זיין פּערזענליכקייט פול און גאנץ — א גאנצען מענשען. און דערצו ניט קיין געוועהנליכען מענשען. דאָס איז א העכערער מענש, וואָס האָט ניט קיין באַזונדערס שארפען אויג פאר דער מענשהייט, וועמען די מענשהייט בכלל געהט זעהר ווייניג אָן און וועלכער האָט קאָנצענטרירט זיין

---

*) שאַטאָבריאַן, „די מאַרטירער”, באַזונדערס די ביכער 3 און 8; „מעמוארען פון קבר”; סענט־בעוו „שאַטאָבריאַן און זיין ליטעראַרישע גרופּע אונטער דער אימפּעריע”; נעטעמאַן, „די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אונטער דער רעסטאַווראַציע”, 1, 2.

גאַנצע שאַרפזיניגקייט אויף איין פונקט — דער איינציגער פונקט, וואָס אינטערעסירט איהםווירקליך — זיין אייגענעם „איך"; זיין איך אַנטפּלעקט פאַר אונז גערן און אומגערן, אָבער אַלעמאָל פול און גאַנץ און אויסשליסליך זיין „איך", און זיין „איך" איז אַ שטאָלצער ביז פאַרביסענקייט; אַ מעלאַנכאָלישער ביז מרה שחורה, אַ סקעפּטישער ביז גלייכגילטיגקייט, אָהן גלויבען אין וועלכען עס איז פראַגרעס, מיט דער טיפסטער איבערצייגונג, אַז אַלץ איז נישטיג — אפילו די זאַכען, וואָס גיבען צייטווייליגען פאַרגעניגען, ווי ליעבע, רוהם און איינפלוס. און מיט די יאָהרען ווערט דער דאָזיגער „איך" נאָך מעהר אַנגעפּילט מיט קומער און זינקט נאָך טיעפער אין זיך אַליין. דאָס איז אַן „איך", וואָס באַזיצט אַ וואַרימע, רייכע פאַנטאַזיע און אַ גרויסען אַרטיסטישען טאַלאַנט; אַן „איך", וואָס אין אַ פּעריאָדע (צום סוף פון 18טען יאָהרהונדערט), ווען דער הערשענדער געשמאַק איז געציעלט געווען צו לייכטע געפּוצטע קליינינקייטען, האָט זיך געפּיהלט איינזאַם אין זיין ליעבע צום גראַנדיעזען, צו שעהנקייט אין גרויסען סטיל.

אין אַ געוויסען זין קען מען זאָגען, אַז שאַטאָבריאַן איז געווען מעהר ווי ווער עס איז דער מאַן פון זיין צייט. מיר האָבען געזעהן, אַז מיט זיין „זשעני פון קריסטענטום" האָט ער פּונקט צוגעטראָפען דעם באַדערפניש פון מאָמענט; און נאָך מעהר: ווערענדיג דער גייסטיגער פאָנען־טרעגער, דער גרענעץ־סלופּ פון דער געשיכטע, אַזוי צו זאָגען, האָט ער געוואונען אַ וויכטיגקייט און אַ באַדייטונג, אויסער יעדער פּראָפּאָרציע צו זיין כאַראַקטער און טאַלאַנט.

אויף אַזוי ווייט האָט דער מאָמענט, אין וועלכען ער איז אַרויסגעטראָטען, איהם פאַרגרעסערט.

אָבער באַטראַכטענדיג די פראַגע פון אַן אַנדער זייט, לאָזט זיך מיט דערזעלבער זיכערקייט זאָגען, אַז דער מאָמענט, אין וועלכען ער האָט אָנגעהויבען זיין קאַריערע, האָט אַרויפגעצוואונגען אויף איהם אַ ראָלע, וואָס האָט איהם געבראַכט אין ווידערשפּרוך מיט זיין עצם־נאַטור — אַ ווידערשפּרוך, וואָס האָט אַנגעהאַלטען פאַר אַ האַלבען יאָהרהונדערט. זיין נאַטור האָט שטענדיג געקעמפּט

מיט זיין ראָלע; דאָס פרייע, אומאָפּהענגיגע, שטורמישע און אומ־קאָנטראָלירבארע אין איהם איז געווען אין אייבינע צוזאמענ־שטויס מיט דער פּאָליטיש־רעליגיעזער אָרטאָדאָקסיע, וואָס ער האָט געמאכט פאר זיין לעבענס־אויפגאבע צו זיין איהר שיצער און פארטיידיגער. מיט אנדערע ווערטער, זיין פּאָזיציע, זיין היסטאָרישע ראָלע האָט איהם פארוויקעלט אין אן אומהיילבארען סכסוך מיט זיך אליין.

אין זיינע עלטערע יאָהרען האָט ער ניט איין מאָל אָפען זיך מודה געווען אין דעם. צום שלום פון זיין ווערק וועגען קאָנגרעס פון ווערֿאָנא באמערקט ער גאַנץ אָפענהערציג: „אלס אפיצער פון נאַוואַרער רעגימענט בין איך צוריקגעקומען פון די אמעריקאנער וועלדער, כדי צו צושטעהן צו דער פארטריבענער אין גלות געזעצ־ליכער מאָנארכיע און צו קעמפען אונטער איהר פאָן קעגען מיין בעססערער אנשויאונג און אָהן שום איבערצייגונג, איינפאך אוים דעם פליכט־געפיהל פון א סאָלדאט, ווייל איך, האָבענדיג געהאט די עהרע צו פאָהרען אין דער קעניגליכער קארעט פון און קיין ווערסאָל, האָב געהאלטען פאר מיין חוב צו שטיצען א פרינץ פון קעניגליכען בלוט"*). דאָס שטערט איהם פונדעסטוועגען ניט, מיט צוויי זייטלאך שפּעטער, באשרייבענדיג די מלחמה מיט שפאניען, וואָס ער האָט ארויסגערופען קעגען דעם ווילען פון פראנקרייך, שפּאַ־ניען און ענגלאנד, צו ערקלערען דעם גליקליכען אויסגאנג פון דער מלחמה ניט מיט זיין אייגענער דיפּלאָמאטישער קונסט, וואָס בכלל איז ער ניט געניינט זי אונטערצושעצען, נאָר מיט דער אריינמישונג פון דער השגחה. „דאָס איז איינס פון די לעצטע וואונדער — שרייבט ער — וואָס דער הימעל האָט באוויזען צום דור פון הייליגען לואי".

דאָ, ווי אין אַלע זיינע שפּעטערדיגע ווערק, באטאָנט ער שארף דעם אונטערשייד צווישען מאָנארכיע אלס אידעע און דער פערזאָן פון מאָנארך. ער זוכט דאָ ווי עס איז שלום צו מאכען צווי־שען זיין שטיפער, פארביסענער לאָיאַליטעט צו די אידעען מיט

---

*) „קאָנגרעס פון ווערֿאָנא", 2, 257.

זיין אָפענער פאראכטונג פאר די פעהיגקייטען און כאראקטערע פון די קעניגע.

עס איז גאָר קיין ספק ניט, אז די נארישע אומדאנקבארקייט פון די בורבאָנען, וועלכע זיינען אזוי פיל שולדיג געווען דעם מאן, האָט פיעל בייגעטראָגען צו זיין פאראכטונג. אָבער זיינע „מעמוארען" ווייזען, אז די פאראכטונג שטאמט נאָך פון א פריהערער צייט ; ער וויל אונז מאכען גלויבען, אז זי איז דאטירט פון זיין ערשטע באקאנטשאפט מיט לואי דעם 18טען און זיין קרייז. ער האָט גלייך פון אָנפאנג איינגעזעהן, אז קעניג לואי איז ניט זעהר גנעדיג צו איהם, און ער האָט זיך געפיהלט פארוואונדעט אין זיין שטאָלץ, ווען ער האָט אויסגעפונען, אז דעם קעניג'ס ברודער, דער קינפטיגער קארל דער 10טער, האָט ניט געלעזען קיין איינם פון זייגע ווערק, אפילו ניט דעם „זשעני פון קריסטענטום". ווארפענדיג א בליק צוריק, דערצעהלט ער : „לואי דער 18טער און זיין ברודער האָבען מיך אין גאנצען ניט פארשטאנען. דער לעצטער האָט זיך וועגען מיר אויסגעדריקט : „א גוט הארץ און א הייסע קאָפּ !" אָט די אַלט-געבאַקענע ווערטער האָבען זיך בשום אופן ניט געפאסט אויף מיר. מיין קאָפּ איז זעהר קיהל, און מיין הארץ האָט קיינמאָל ווארים ניט געשלאָגען פאר קעניגע".

די אַלטע מאָנארכיע, סיידען זי איז אזוי געווען פארבלענדט וועגען איהר גרויסקייט, אז זי האָט זיך איבערהויפּט ניט געפיהלט פארפליכטעט צו דאנקבארקייט, האָט געהאט פיעל צו פארדאנקען שאטאָבריאנ'ען און ניט נור דערפאר, ווייל ער אלס אָפיציער פון קאָנדע'ס ארמעע האָט געקעמפט און געליטען פאר איהר, און ניט נור ווייל, אונטער נאפּאָלעאָנ'ען, האָט ער איבערגעריסען זיין קאַריערע אין מיטען און האָט זיך דרייסט געשטעלט קעגען דעם מעכטיגען הערשער, ארייגשיקענדיג זיין רעזיגנאציע נאָך דער הינריכטונג פון הערצאָג פון אָנגיען, נאָר אויך דערפאר, וואס אין יאָהר 1814, איידער אפילו נאפּאָלעאָן האָט נאָך געהאט אָפּגעדאנקט אין ווערסייל, האָט ער שטארק באאיינפלוסט די עפענטליכע מיינונג לטובת פון די בורבאָנען דורך א בראָשורע, וואס לואי דער 18טער אליין האָט געהאט ערקלערט, אז זי האָט איהם געבראכט אזוי פיעל

נוצען, וויפיעל הונדערט טויזענד סאָלדאטען האָבען איהם ניט געקענט בריינגען.

די בראָשורע, וועגען וועלכער עס האנדעלט זיך דאָ, איז „בונאפּארטע און די בורבאָנען”. נאָך אזא שטורמישע, נקמה'דיגע, גיפטיגע און אָנגעבלאָזענע מיט ענטוזיאזם פּארטיי־שריפט האָט שאַטאָבריאַן קיינמאָל ניט געשריבען. דאָס איז אַ ווילדער געשריי פון האס צו דעם געפאלענעם נאַפּאָלעאָן, פון וועמען ער נעהמט אַוועק דעם מינדסטען פארדיענסט, און אַ הורא פון פוסטען ענטוזיאזם פאר דעם נישטיגען, פלאכטברוסטיגען לואי דעם 18טען, וועמען ער פארגעטערט. אין קיין אנדער ווערק פון שאַטאָבריאַן געפינט איהר ניט אזוי פיעל נקמה־דורשטיגען אומזין. ער געהט אזוי ווייט, אז ער לייקענט אפילו באָנאַפּארט'ס טאַלאַנט אלס גענעראַל. ער שטעלט איהם פאָר אלס אַן אומקאָמפּעטענטען אָפיציער, וועלכער האָט קיין אַנדער זאַך ניט געוואוסט, ווי צו קאָמאַנדעווען: פאָראויס! פאָראויס! — און וועלכער האָט געוואונען זיינע נצחונות אויסשליסליך אַ דאנק די הויכע מעלות פון זיין אַרמעע, און ניט אַ דאנק זיין פיהרערשאפט; ער שטעלט איהם פאָר אלס קאָמאַנדיר, וועלכער האָט קיינמאָל זיך ניט באוואָרענט אַ צוריקטריט, און האָט ניט געוואוסט ווען צוריקצוטרעטען, און וועלכער האָט ניט נור ניט אַ רוק געטאָן פאָראויס די מלחמה־קונסט, נור, פארקעהרט, ער האָט זי נאָך צוריקגעבראכט אין איהר קינדהייטס־צושטאַנד *).

די מארקיזען דע־סעליער און סאנדא'ס באריהמטע קאָמעדיע פון דעמזעלבען נאָמען האָט קיין גרעסערן אומזין ניט גערעדט וועגען נאַפּאָלעאָנ'ען.

---

*) „וואָסערע זשע מעלות האָט פארמאָגט דער דאָזיגער אויסלענדער, אויף צו באַצויבערען מיט זיי די פראַנצויזען? מיליטערישען רוהם?... ריכטיג, דערפאר האָט מען איהם געריהמט. ער איז ווירקליך געווען אַ גרויסער זיעגער אין שלאכטען, אָבער בכלל גערעדט איז דער נישטיגסטער גענעראל געווען באַגאַבטער פון איהם. מען האָט געמיינט, אַז ער האָט פארפּאָלקאָמט די מלחמה־קונסט. דער אמת איז, אז ער האָט זי צוריקגעבראכט אין איהר קינדהייטס־שטאַנד”. — „בואָנאַפּארטע און די בורבאָנען”, זייטען 36, 37.

לואי דער 18טער, פון דער אנדער זייט, ווערט אָנגערופען אַ פּרינץ, וואָס איז באריהמט פאר זיין וויטזיכטיגקייט. ער דערצעהלט אונז, אז פון אַלע פירסטען, וואָס וואָלטען אין דעם מאָמענט געקענט פארנעהמען דעם פראנצויזישען טראָן, איז ער אם בעסטען צוגעפּאסט צו דער לאגע פון לאַנד און צו ד ע ם ג י י ס ט פ ו ן י אָ ה ר ה ו נ ד ע ר ט, בעת באָנאפּאַרט טויג זיך אם ווענינסטען פאר דער ראָלע פון אַ הערשער.

דאָס געפינען מיר אין דער אָפיציעלער בראָשורע. אָבער ווי אַנדערש דענקט און רעדט שאַטאָבריאַן אין זיינע „מעמוארען״! דאָרט גיט ער אָפּ פולע גערעכטיגקייט צו באָנאפּאַרט׳ס מיליטערישער קונסט; ער זאָגט וועגען איהם, אז „ער האָט ערפונדען די מלחמה פון גרויסען סטיל״; און פּלוצלונג אנדעקט ער אויך, אז דאָס געווינען פון איין שלאַכט נאָך דער אַנדערער איז ניט קיין אומבאַדייטענדער טייל פון דער פליכט פון אַ גענעראַל!

און ווייל דאָס חנ׳פעט זיין אייגענער אמביציע, דערצעהלט ער אונז פארשיעדענע אַנעקדאָטען, וואָס ווייזען, אז נאַפּאָלעאָן, ניט רעכנענדיג זיך מיט שאַטאָבריאַנ׳ס שנאה צו איהם, האָט געוואוסט ווי אָפּצושעצען זיין, שאַטאָבריאַנ׳ס, פּאָעטישען טאַלאַנט. נאָכדעם ווי שאַטאָבריאַן איז ארויסגעטראָטען קעגען איהם, האָט נאַפּאָלעאָן פארלאנגט אינפאָרמאַציע פון דער אַקאַדעמיע, פאר וואָס זי האָט ניט באשטימט קיין פרעמיום פאר דעם „זשעני פון קריסטענטום״. און ווען ער האָט אין פאנטענעבלאָ געלייענט די אויבענדערמאָנטע באַליידיגענדע בראָשורע, האָט ער, אין פולער רוהיגקייט, זיך באַנוגענט מיט אַזעלכע באמערקונגען: „ד אָ ס שטימט; און דאָס שטימט ניט; איך האָב קיין פּאַראיבעל ניט אויף שאַטאָבריאַנ׳ען; ער איז געווען מיין שונא נאָך אין מיינע גוטע צייטען, אָבער יענע טויגעניכטסען, א. ז. וו.״.

ביי דער געלעגענהייט מאַכט שאַטאָבריאַן אַזאַ איבעררא־שענד־קאָמישע באמערקונג: „מיין באוואונדערונג פאר באָנאַפּאַרטע׳ן (דאָס מאָל שוין ניט די אויסלענדישע אויסלייגונג בואַנאַפּאַרטע, שוין אָהן אַ „ו״) איז אַלעמאָל געווען גרויס און אויפריכטיג״. דאָס מאָל, אָהן ספק, זאָגט ער דעם אמת׳ען אמת. צו נאַפּאָלעאָנ׳ען האָט ער געפיהלט באוואונדערונג און... קנאה. ער

פלעגט זיך פאַרגלייכען מיט איהם און ער האָט געפיהלט, אז די גרויסקייט פון זיין צייטגענאָסע איז צו זיין שאַדען, זי פאַרטונקעלט זיין גרויסקייט.

אין זיינע „מעמוארען" דערצעהלט ער ערשט דעם אמת וועגען די קעניגע, וואָס אָפיציעל האָט עס געהייסען, אז ער האָט צו זיי נור געפיהלט פון לאָיאַליטעט און עהרפורכט.

ער דערצעהלט אונז, אז אין 1814 האָט ער שטאַרק מורא געהאַט פאַר דעם איינדרוק, וואָס לואי דעם 18טען'ס קלעגליכע פיגור וועט מאַכען, און ער ברייננגט א קאָפּיע פון א בלעטעל, וואָס ער האָט דאַרום פאַרשפּרייט נאָך דעם קעניג'ס אריינפאָהר אין פאַריז — א בלעטעל געשריבען אין אַן אָנגעבלאָזענעם פּראַזען־סטיל — אָדער ווי ער דריקט זיך אליין אוים — וואָס פאַרשעהנערט און פאַראיידעלט אלץ מיט דער הילף פון די מוזען. און ער גיט צו, אז ער האָט עס געטאָן ניט געבעטענערהייד און אָהן שום חשק פאַר אזעלכע שרייבערייען. „עפּעס א מאַן באַווייזט זיך פאַר אָפּיציערען, וואָס האָבען איהם קיינמאָל ניט געזעהן, פאַר גרענאַדירען, וואָס ווייסען איהם קוים ביים נאָמען. ווער איז דער מאַן? דאָס איז דער קעניג! און יעדער און אלע פאַלען צו זיינע פיס".

דאַן דערצעהלט ער אונז די אמת'ע פאַקטען וועגען דעם קעניג'ס אריינפאָהר, און באַמערקט דערביי גאַנץ רוהיג: „איך האָב געזאָגט ליגען וועגען די סאָלדאַטען". און ער באַשרייבט אין שאַרפע שטריכען, ווי עס האָבען זיך געהאַלטען די רעשטען פון נאַפּאָלעאָנ'ס אַלטער גוואַרדיע, וואָס זיינען אויסגעשטעלט געוועזען אין פראָנט פון „נאָטר־דאַם" און וואָס דורך איהרע רייהען דער קעניג האָט געדאַרפט דורכגעהן. „איך גלויב קוים, אז מענשליכע פּנים'ער האָבען ווען עס איז געטראָגען א שרעקליכערע און בייזערע מינע". ער ערקלעהרט, אז זיי האָבען אויסגעזעהן, ווי זיי וועלען זיך אָט־אָט א וואָרף טאָן אויפ'ן קעניג און איהם צערייסען אויף שטיקער.

און שאַטאָבריאַן גיט זיך קיין מיה ניט צו ווייזען, אז די פאַראַכטונג צום קעניג איז געוועזען אַן אומזיסטע, א גרונדלאָזע. דערצעהלענדיג, ווי אזוי זיין, שאַטאָבריאַנ'ס, פאַרטיידיגונגס־פּלאַן

דורך די „הונדערט טעג" איז געמאַכט געוואָרען צו נישט צוליעב דער פייגהייט פון קעניג און זיין נאָהענטסטען קרייז, שרייט ער אוים: „פארוואָס בין איך געקומען אויף דער וועלט אין א צייט, אין וועלכער איך פאס זיך אזוי ניט אריין? פארוואָס בין איך געווען א מאָנארכיסט געגען מיין אינסטינקט אין א צייט, ווען א כאָפּטע גארנישטדיגע הויפלינגע האָט מיך ניט געוואלט הערען און ניט געקענט פארשטעהן? פארוואס האָט דער שיקזאַל מיך אריינגעוואָרפען אין א סטאדע מיטעלמעסיגקייטען, וואָס האָבען געקוקט אויף מיר ווי אויף א משוגע'נעם, ווען איך האָב גערעדט וועגען מוט, און ווי אויף א רעוואָלוציאָנער, ווען איך האָב גערעדט וועגען פרייהייט?" *).

און וואָס ווייטער אין די מעמוארען, אַלץ מעהר ליכט ווארפט דער מליץ יושר פאר דער מאָנארכיע אויף דעם כאראקטער, שכל און פרומקייט פון לואי דעם 18טען. „איך האָב מורא, אז פאר דעם קריסטליכען קעניג איז די רעליגיע ניט מעהר ווי א מעדיצינישער טראָפּען, וואָס דארף צוגעבען פארב און טעם צו דעם בריי, וואס מען רופט מאָנארכיע". ער שרייבט וועגען דער „תאוה'דיגער פאנטאזיע פון קעניג, וואָס ער האָט גע'ירש'ענט פון זיין פאָטער". ער באמערקט, אז דער קעניג האָט ליעב געהאט צו לויבען זיך אין הימעל אריין און גלייכצייטיג צו מאַכען פון זיך חוזק; צום ביישפיעל, רעדענדיג וועגען די מעגליכע יורשים פון טראָן, „האָט ער זיך געגעבען א שטעל אוועק און אָנגענומען די פּאָזע פון א בריה א כוואַט; אָבער עס איז ניט געווען מיין כונה צו באשטרייטען דעם קעניג'ס פעהיגקייט אין דער אָדער יענער ריכטונג". און אין אויספיהרליכער שילדערונג פון לואי'ס כאראקטער, דערצעהלט ער: „עגאָאיסטיש און אָהן פאראורטיילען, איז זיין איינציגער ציעל אין לעבען געווען ניט-געשטערטע רוה אום יעדען פרייז. ניט זייענדיג הארצלאָז, איז ער אָבער אויך ניט געווען מענשליך". ער דערצעהלט אונז, ווי לואי האָט זיך גערימהט, אַז

*) „מעמואַרען פון קבר", 1849, 4—452 און ווייטער; 6—1 און ווייטער.

ער קען אויפהויבען אַ ליעבלינג אזוי הויך, אז אלע זאָלען איהם מקנא זיין, און שאַטאָבריאַן גיט אויף דעם זיין פירוש; „כדי צו קענען אויפהויבען אַנדערע, דארף מען זיין זיכער, אז מען וועט אַליין ניט פאַלען. אָבער וואָס זיינען קעניגע געווען אין לואי דעם 18טענ'ס צייטען? ווען אפילו זיי האָבען געקענט אַ מענשען רייך מאַכען, איז אָבער שוין ניט געווען אין זייער מאַכט איהם גרויס צו מאַכען. זיי זיינען מעהר ניט געווען ווי די באַנקירען פון זייערע ליעבלינגע".

און ניט באַנוגענדיג זיך מיט אַזעלכע שטרענגע ווערטער, דערלויבט זיך שאַטאָבריאַן צייטענווייז אפילו סאַטירע רעדענדיג וועגען קעניג. אין זיין רעפּאָרט וועגען קאָנגרעס פון וועראָנאַ, דערצעהלט שאַטאָבריאַן, ווי און מיט וואָס ער האָט איינמאָל אזוי אויסגענומען ביים קעניג, אז זיינע קאָלעגען מיניסטאָרען האָבען איהם אַלע מקנא געווען: „דער קעניג פלעגט אָפט איינשלאָפען אויף די קאַבינעט-זיצונגען; און דאָס איז געווען דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקענט טאָן. ווארים ווען ער איז ניט געשלאָפען, פלעגט ער דערצעהלען לוסטיגע מעשיות. ער האָט אַ גרויסען טאַלאַנט פאַר אימיטאַציע. אָבער דאָס האָט ניט אַמוזירט מאָסיע דע-ווילעל, וועלכער האָט דוקא געוואָלט דיסקוטירען שטאַאַטס-ענינים. און מאָסיע דע קאָרסיער פלעגט אוועקלעגען אויפ'ן טיש זיינע איילענבויגען, זיין טאַבאַק-פּושקע און זיין בלויען שנופּטיכעל; און די איבריגע מיניסטאָרען פלעגען הארכען און שווייגען. איך בין געווען דער איינציגער, וואָס פלעגט זיך ניט קענען איינהאַלטען ניט צו לאַכען פון זיין מאַיעסטעט'ס מעשיות, און דאָס קענטיג האָט איהם הנאה געטאָן. און ווען ער פלעגט זוכען אַן אויסרייד צו דערצעהלען אַ מעשה, פלעגט ער אַ זאָג טאָן אויף זיין דינקלאָר קול'כעלע: איך וויל מאַכען מר. דע-שאַטאָבריאַן לאַכען" *).

און עס דארף דארום ניט איבעראַשען, ווען שאַטאָבריאַן, באַשרייבענדיג איינמאָל ווי אזוי אין אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט מענשען מאַכען קאַריערעס דורך אַ סך רעדען וועגען פריי-

*) „מעמואַרען פון קבר", 8—222, 216; „קאָנגרעס פון וועראָנאַ", 1—172, 2—525.

הייט, פראַגרעס און דער צוקונפט פון דער מענשהייט א. ז. וו., שליסט ער פלוצלונג זיין באַשרייבונג מיט אַ צווייטער באַשרייבונג, ווי אַזוי עס געהט צו אין אַריסטאָקראַטישער ראַיאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס ער איז דאָך געווען איהר געשוואָרענער לויב־זינגער: „שפּיעל ווייסט, דערצעהל מיט אַן ערנסטער טיפזיניגער מינע גראָבע און פלאַכע וויצען, וואָס דו האָסט פון פריהער צוגעגרייט, און אַ גלענצענדע קאַריערע פאַר דיין זשעני איז גאַראַנטירט”.

אָט אַזוי איז דער מאַן, וועלכער איז געווען דער איניציאַטאָר פון האַלב־גלויבען, עסטעטישען קריסטענטום און איבערטריבען־געקינצעלטען ראַיאַליזם פון 19טען יאָהרהונדערט, פאַלשטענדיג אויסגעהיילט געוואָרען פון אַלע זיינע אילוזיעס.

ער איז געווען צו שטאָלץ צו טראָגען זיין מאַסקע ביז צום סוף און ער האָט זי אראָפּגעוואָרפען — אין קבר (אין זיינע „מעמוארען פון קבר”).

ער אַליין באַצייכענט אַלס זיינע הויפט־חסרונות: לאַנגווייליע, עקעל צו אַלץ און שטענדיגער צווייפעל. אָבער די חסרונות האָבען אויך געהאַט זייער גוטע זייט. די טיעפע גלייכגילטיגקייט צו די גיטער פון דער וועלט האָט איהם אויסגעהיט פון די נסיונות פון נידריגער אַמביציע; דער צווייפעל האָט איהם אויסגעהיט פון שענקען צופיעל צוטרויען צו די לעהרען, וואָס ער האָט פאַרטיידיגט ניכער אוים אריסטאָקראַטישער פאַרריסענהייט, איידער צוליעב עפּעס אַנדערש; און דער שטאָלץ האָט איהם אויפגעהאַלטען, און ווען אפילו ער האָט איהם ניט אויסגעהיט פון צוויי־פּנים׳דיגקייט, האָט ער איהם פאָרט אויסגעהיט פון באַגעהן געמיינע האַנדלונגען. דאָך אַ האָפנונגסלאָזער סכסוך צווישען זיין נאַטור און דער ראָלע וואָס ער האָט געשפּיעלט, האָט צעריסען זיין נשמה — ביז די אומדאַנקבאַרקייט פון דער אויטאָריטעט, וואָס ער האָט געהאָלפען איינפיהרען, האָט איהם ניט געמאַכט פאַר אַ פּראָטעסטאַנט.